STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05777

ARGENTINISH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנטאלאגיע

אין פּאָגראָם

יוסף ליפשיץ־פאָנד
פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ

PARA USO PERSONAL SIN FINES COMERCIALES

Antologie: In Pogrom

Antología: Pogrom en Poesía, Prosa, Drama

Copyright 1976, by

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el 22 de abril de 1976
en los Tall. Gráf. "Zlotopioro S.A.C.I.F.", Sarmiento 3149, Bs. As.

אַנטאָלאָגיע

אין פּאָגראָם

פֿראַגמענטן פֿון פֿאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
ז כ ר ו נ ו ת
בילדער

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

68סטער באַנד פֿון ציקל

מוסטערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פֿון

י ו ס ף   ל י פֿ ש י ץ ־ פֿ אַ נ ד

פֿון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ
אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור
יעקבֿ־יהושע לערמאַן

טיראַזש 1.000 עקזעמפּלאַרן

יאָר ה׳תשל״ו — 1976

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ אין אַרגענטינע

תוכן

פֿאָרבאַמערקונגען 7

שמואל ראָזשאַנסקי — פּאָגראָמען, די ירושה פֿון באַרבאַרן,
די שאַנדקאַנטע אין דער ליטעראַטור .. 9

1 / די וועלט איז זינדיק 23

ז. שניאור — יידישע געזאַנגען 24
פּ. בימקאָ — געשלעגן 29
ה. רויזנבלאַט — עס האָבן מיך נאַרישע דורות דערצויגן 39
ש. מילער — עס ברענט 40
ל. שאַפּיראָ — זעלבשוץ 53
א. ליעסין — די נקמה 55

2 / דורך אַלע פּיינען 57

יחיאל לערער — פֿון תהילים־געזאַנגען 58
דוד פּינסקי — זרובבל 61
א. ליעסין — בילדער פֿון ערשטן קרייצצוגן דער וויכוח 78
רבי שמעון מיימי .. 80
דער יונגער משומד . 82
ה. לייוויק — פֿון דער דראַמאַטישער פּאָעמע דער גולם 85
שלום אַש — קאַפּיטלען פֿון קידוש השם 88
ה. סעקלער — יזכור (פֿצעועס) 105
ה. רויזנבלאַט — אויף טאָרקוועמאַדאַס רוף 110

3 / פּראָצעסיעס מיט רציחות 113

מנחם באָרייִשאָ — פֿון דער עפּאָפּיי דער גייער 114
ל. שאַפּיראָ — ווייסע חלה 128
א. ליעסין — פֿון דער באָבעס מעשׂיות 144
ל. שאַפּיראָ — דער צלם 146
יוסף קירמאַן — אַ תּפֿילה 161

4 / גענוג בלוט און מאַרך געקאָסט 163

ה. רויזנבלאַט — **אַ בריוועלע** 164
שלום עליכם — **דער בלוטיקער שפּאַס (אַ קאַפּיטל פֿון** ראָמאַן) . 165
אַלטער קאַציזנע — **קולות אויף אוקראַינע** 173
ל. שאַפּיראָ — **דער קוש** 177
א. ליעסין — **נאָכן פּאָגראָם** 183
לייב פֿייַנבערג — **אַטאַמאַנען** 184
רחל פֿייַגענבערג — **פּנקס פֿון אַ טויטער שטאָט,** חורבן דובאָווע . 185
פּרץ מאַרקיש — **די קופּע (קאַפּיטלען פֿון דער** פּאָעמע) 201
ה. רויזנבלאַט — **יזכּור** 207
אַלטער קאַציזנע — **שוואַרצבאַרד (בילדער פֿון דער** דראַמע) . 208.
יוסף קירמאַן — **ס׳לעצטע געשריי** 218

5 / ישמעאל, ברודער מיינער! 219

יעקבֿ שטאַל — **צו מייַנע ברידער סעמיטן** 220
אַהרן צייטלין — **פֿון דער דראַמע** ברענער 224
י. פּאַפּיערניקאָוו — **נישט דערקענט** 232

6 / פון ים בלוט אַרויס 235

פֿ. בימקאָ — **בעיר קעלץ** 236
י. פּאַפּיערניקאָוו — **פֿון טרויער שלאָגט מייַן ליכט** 254

צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון פּאָגראָמען 255

אַבֿרהם שאָמער — **צו דער פֿראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם** 256
בעל־מחשבֿות — **צו דער סדרה פּאָגראָמען** 260
י. ש. הערץ — **ת״ח ות״ט** 265
ש. אַנ—סקי — **פֿון חורבן גאַליציע** 271
אָסיפּ דימאָוו — **וואָס איך געדענק** 281
מ. י. בערדיטשעווסקי — **פֿון שווערע צייַטן**............ 291
חיים־לייב פֿוקס — **יוסף־חיים ברענער** 295
ד. האָפּשטיין — **קישענעוו** 297
אַנאָנים — **דער פּאָגראָם אין אָדעס**............ 298

ביאָ־ביבליאָגראַפֿישע שטריכן: **אַלטער קאַציזנע,**
ל. שאַפּיראָ 299

א. ליעסין, פישל בימקאָ 300
פרץ מאַרקיש 301

בילדער און רעפּראָדוקציעס

אַ ייִד ווי איך אַנטלויפט נישט... קסילאָגראַפיע **פון** יוסף בודקאָ 43
ממעמקים... **איילבילד פון וויליאַם גראָפּער** 59
רעפּראָדוקציע פון ח. נ. ביאַליקס שחיטה־שטאָט **פאַר אַ** דרוקמוסטער .. 117
די קישינעווער הריגה, **שער־בלאַט פון דער אומלעגאַלער בראָשור, 1903** . 143
קאַריקאַטור: **„שלאָג די ייִדן!“** 162
דער ייִד, **אַ געמעל פון 1914, פון** מאַרק שאַגאַל 181
ערב פּאָגראָם **און** פּאָגראָם, **אַקוואַרעלן פון** יששכר־בער ריבאַק 191
א פרוי וויינט... **סקולפּטור אין בראָנדז פון** יעקב עפּשטיין 209
דאָס איז דער מענטש פון 1939... **איילבילד פון** מאַקס באַנד 237
אַלטער קאַציזנע **און** ל. שאַפּיראָ 299
א. ליעסין **און** פישל בימקאָ 300
פּרץ מאַרקיש 301

פֿאָרבאַמערקונגען

◈ מער ווי ביז אַלע ביז איצטיקע 67 בענד **מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור**, אַרויסגעגעבן דורכן **יוסף ליפשיץ־פאָנד** פון דער **ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ** אין בוענאָס־איירעס, דאַרף דער לייענער געדענקען ביים עפענען אָט דעם באַנד, אַז בדרך כלל דרוקן מיר נישט צוויי מאָל די זעלביקע שאַפונגען. מיר באַטראַכטן יעדן באַנד **מוסטערווערק** ווי אַ **המשך** פון דער **קאָלעקציע**, ווי אַ בוך פון אַ ווערק, וואָס האָט אַ סך בענד — — — דאָס ווערק הייסט : **די ייִדישע ליטעראַטור**.

◈ נאָר דער, וועלכער קען נישט אָט דעם צוגאַנג פון אונדזער ביבליאָטעק, וועט זיך חידושן, ווען ער וועט בלעטערן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס הייסט **אין פּאָגראָם**, און ער וועט אין אים ניט געפינען חיים־נחמנס ביאַליקס **שחיטה־שטאָט**, וואָס איז אַ **ווינקלשטיין**, אויב נישט דער **גרונטשטיין** פון דער ייִדישער ליטעראַטור וועגן **פּאָגראָם**. די דאָזיקע מאָנומענטאַלע פּאָעמע, אינספּירירט פון קישינעווער בלוטבאָד, איז דאָ אין דעם 20סטן באַנד **מוסטערווערק** פון 384 זייטן, אין גאַנצן אָפּגעגעבן פאַר **ביאַליקס פּילזייטיקע אויסגעקליבענע שריפטן**.

◈ דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן **דוד פּינסקיס** דראַמע **פאַמיליע צבי**, וואָס איז נאָך אַלע דיסקוסיעס, פּראָ און קאָנטראַ, אַ ווענדפּונקט אין דעם ייִדישן געדאַנקענגאַנג, אין דער דראַמאַטורגיע, און פאַר פּאָליטישע פּלאַטפאָרמעס זי־

כער אַ ברענפּונקט. אויב דאָס דאָזיקע ווערק איז נישטאָ אין אָט דעם בוך, איז עס דערפֿאַר, ווײַל עס איז אײַנגעגלידערט אינעם 9טן באַנד **מוסטערווערק** פֿון 352 זײַטן, וואָס איז אָפּגעגעבן **פּינסקין**, אויך אונטערן טיטל **אויסגעקליבענע שריפֿטן**.

◈ דער 15טער באַנד **מוסטערווערק**, וואָס פּרעזענטירט **מרדכי ספּעקטאָרס** ראָמאַן **דער ייִדישער מוזשיק**, קינסטלעריש פֿון קלענערער דערגרייכונג, אָבער טעמאַטיש פֿון אַ גרעסערער פּראָזשעקציע, ווײַל ער ווײַזט נישט בלויז דעם **פּאָגראָם** אין זײַן טרויעריקער פֿונקציע, נאָר אויך דעם רעאַלן הינטערגרונט, ווערט איבער דעם זעלביקן מאָטיוו נישט פֿאָרגעשטעלט אין דעם אַ באַנד, פּונקט ווי אַ סך שאַפֿונגען, וועלכע שילדערן פּאָגראָם־מאָמענטן, ווי זיי ווערן פֿאָרגעשטעלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ווײַל זיי זײַנען שוין געדרוקט געוואָרן אין פֿאַרשיידענע בענד **מוסטערערק**, ווערן אין דעם אַ בוך נישט געבראַכט.

◈ טריזנטער זײַטן פֿאַרנעמען זיי, די שאַפֿונגען וועגן פּאָגראָם, וועלכע מיר האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט אין פֿאַרשיידענע בענד מוסטערווערק, ווי פֿון מאַרק **וואַרשאַווסקי**, משה **בראָדערזאָן**, שמעון **פֿרוג**, גליקל **האַמיל**, **מעשה־בוך**, מיכל **בורשטיין** און אַ סך אַנדערע, באַטייליקטע אין די אַנטאָלאָגיעס.

◈ עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז מיר זײַנען נישט מצרף דעם חורבן פֿון דער 2טער וועלט־מלחמה צו די פּאָגראָמען, הגם ער איז אַ „נאַטירלעכע" קאָנסעקווענץ פֿון דער אומענדלעכער קייט פֿון רציחות איבער ייִדן אונטער אַלערליי רעזשימען. געווען אָבער פּאַטעטישע אָפּרופֿן אויף די אָפּגעזונדערטע און כלומרשט אימפּראָווידירטע **פּאָגראָם**־„**רעפּעטיציעס**", וועלכע האָבן **מיט נבֿיאישער וויזיע** געוואָרנט פֿאַרן אָנקומענדיקן טײַוולאָנישן בלוטיקן שטורעם, ווי אַהרן **צייטלינס** קאָמופֿלאַזשירטע „פּיר סטראָפֿן", **וועך איז אונדז שולדיק** (1933), אַ סך עקסטענסיווער — משה **בראָדערזאָן** אין זײַן ציקל פֿון 50 לידער (אין מוסטערווערק באַנד 8) און מיט גרויסער היסטאָרישער פּראָזשעקציע אין שלום **אַשס** דראַמע **אַ שנירל פּערל** (אין 51סטן באַנד פֿון 400 זײַטן, וווּ עס זײַנען אויך דאָ די דערציילונגען **אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט** און **קריסטוס אין געטאָ**).

◈ אַזוי אַרום ווערן קלאָר די דרײַ מדרגות אין דער געשיכטע פֿון ייִדנהאַס — פֿון **אַנטיסעמיטיזם** דורך **פּאָגראָמען** — צו פֿאַרמעסטן זיך **אויסצוראָטן דאָס ייִדישע פֿאָלק**. דער אַ באַנד, **אין פּאָגראָם**, איז אַ בריק — דאָס **שפּרינגברעט**, וואָס איז די וועלט־סכנה פֿאַר דער ציוויליזאַציע.

◈ **טאָמער** וועט עמעצן חידושן דאָס דרוקן **קישענעוו** און **קעשענעוו** אָדער **קעשינעוו**, איז דאָס צוליבן רעספּעקטירן **דעם מחברס ערשטדרוק**.

ש. ר.

פֿאָגראָמען, די ירושה פֿון באַרבאַרן, די שאַנדקאָנטע אין דער ליטעראַטור

די לאַבאָראַטאָריע פֿון פֿאָלקסמאָרד: 1881־1919 און 1939־1945

נאָך די עקספּערימענטן פֿון פֿאָלקסמאָרד אין דער ציוויליזירטער אייראָפּע פֿון 20סטן יאָרהונדערט איז דאָס וואָרט פּאָגראָם געוואָרן אויס שרעקבאָמבע. עס זעט־אויס ווי אַ שוועבעלע קעגן נעאָנליכט...

אַז גענאָסיד איז געוואָרן אַ וויסנשאַפֿט מיט יוריספּרודענץ! זײַנען דאָך „די קריגס־פֿאַרברעכנס, באַגאַנגענע דורך די דײַטשן אין דער 2טער וועלט־מלחמה, געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער נאַצי־קאָנצעפּציע, אויסצוראָטן יענע עלעמענטן וואָס קאָנען פֿײַנטלעך זײַן צו דער נאַצי־הערשאַפֿט”[1]. צוליב באַקאַנטע מאָטיוון זײַנען זיי קאַמופֿלאַזשירט געוואָרן. אין די פֿאַבריקן פֿון טויט[2] האָט מען בלויז געוויזן „אַרבעט־לאַגערן” און די ברוטאַלסטע סטעריליזאַציעס האָבן קלאָמפּערשט געדינט צו... „פֿאַרהיטן פֿון ירושה־קראַנקייטן”[3].

ווי זעען־אויס אַנטקעגן די רציחות איבער די 6,000,000 די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד און צער־פּוילן? ווי זעט־אויס נאָך מײַדאַנעק, טרעבלינקע און אָשוויענטשים „דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ ניט־געהערטער לאַגע... 45 טויטע, 86 שווער פֿאַרוווּנדטע, בײַ 500 לײַכט פֿאַרוווּנדטע, הריגות און פֿאַרגעוואַלטיקונגען פֿון דערוואַקסענע און קינדער... גרויל פֿון דער ווילדסטער בעסטיאַליטעט”[4] — פֿון קישינעווער פּאָגראָם?

---

[1] לאָרד ראָסעל — די בײַטש פֿון האַקנקרייץ, ז׳ 9, תל־אָביב 1956.

[2] מרדכי שטריגלער — ב׳ 2, אויסגעברענטע ליכט, 420 זז׳, בוענאָס־אײַרעס 1948.

[3] ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי — אייראָפּע אָן קינדער, זז׳ 177־210, ת״אָ 1961.

[4] קישינעווער פּאָגראָם, (געדרוקט אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר), ז׳ 71, אַלגעמײַנער יידישער אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד, יוני 1903.

אויבנאויפיק, אויב מ'שאַצט בלויז נאָך די ציפערן, קען זיך נאַיווע מענטשן אויסווײַזן, אַז נאָך 1945-1939 האָט די לערע פון 1919-1881 גאָר נישט וואָס צו לערנען. די פּאָגראָמען זענען דאָך אויס ווי אַ „קינדערשפּיל" אַנטקעגן דער גיגאַנטישער אָרגאַניזאַציע און טעכניק פון וויסנשאַפטלעכן מאַסנמאָרד, מיט וואָס „דאָס 3טע רײַך" האָט באַרײַכערט די ציוויליזאַציע. אַפילו אַנטקעגן די מאַקאַבערישע ספּעקטאַקלען, וואָס די יונג-טערקן האָבן אָפּגעשפּילט — „ווי אַ מיטל צו פאַרענטפערן די פּראָבלעם פון מינאָריטעטן"[5] — קעגן דעם אַרמענישן פאָלק בײַם סוף פון דער 1טער וועלט-מלחמה, זענען זיי דאָך אויס ווי אַמאַטאָרישע רעפּעטיציעס פון קליינשטעטלדיקע באַנדיטן...

פאַרטיפט מען זיך אָבער אין דער געשיכטע פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, דערוויסט מען זיך אַ סך זאַכן, וואָס איז שווער צו אויסהערן און נאָך שווערער צו פאַרשטיין. דאָך מוז מען דאָס וויסן, אַפילו ווען דאָס איז שווער צו פאַרשטיין און עס איז נאָך שווערער צו גלייבן... דאָס זײַנען ברענענדיקע שאלות עד-היום און אין דעם טאָקע שטעקט זייער אַ גרויסע סכנה — אויף להבא.

אַז די פּאָגראָמען פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר היטלערס פּראָגראַם אויסצוראָטן דאָס ייִדישע פאָלק, דאָס פאַרשטייט יעדער איינער. נאָך גזירת ת"ח ות"ט קאָנען די פּאָגראָמען אויף אוקראַיִנע אין 1917 קיינעם נישט איבערראַשן. די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט. נאָר אַנשטאָט כמעלניצקי — פּעטליורא. די נאַציס האָבן פאַרוואַנדלט די דאַמאָקישע שעכטהײַזער אין אַקאַדעמישע לאַבאָראַטאָריעס פון אינזשענירן, כעמיקערס, מעדיצינערס, פּסיכאָלאָגן, סאָציאָלאָגן, היסטאָריקערס און פינאַנציסטן. נאָר אין פאָניעס עקספּלאָזיעס פון ייִדנהאַס און רציחות איז געווען אַ סך מער אומקלאָרקייט און צעטומלטקייט ווי אין די שפּעטערדיקע קאַטאַסטראָפעס. דאָס קען די יוגנט (און דער נאַיווער

---

[5] מאַרק ווישניאַק — דאָס טראַנספּערירן באַפעלקערונגען, ייִוואָ, נ"י 1942.

מענטש) נישט פֿאַרשטיין. און דערפֿאַר ווערן די געפֿאַרן פֿון די „קלענערע קאַטאַסטראָפֿעס“ נישט דערשאַצט אָדער מינערגעשאַצט.

מיר שטייען דאָ פֿאַר איינעם פֿון די אויסטערלישע פּאַראַדאָקסן: אַז ציפֿערן קענען פֿאַרבלענדן, אָפּנאַרן, פֿאַרפֿירן.

סטאַטיסטיק — „דער באַגלייבטסטער עדות“ — רעגיסטרירט נישט אַלע פּראָצעסן.

פֿאַראַן דערשײַנונגען, וואָס באַהאַלטן זיך אויס פֿון דער סטאַטיסטיק.

די געשיכטע פֿון 1881 ווײַזט דאָס.

דורך די האַלבע ווערטער פֿון דער בעלעטריסטיק ווערן מיר טייל מאָל מער געוווירן ווי פֿון די קאַנאָניזירטע געשיכטעס.

דער בילבול־המוחות אין 1882־1881 און דער דיאַגנאָז פֿון 1939

אַז מען לייענט זיך אָן מיט די געקרוינטע ייִדישע היסטאָריקערס וועגן די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, שאַפֿט מען זיך דעם אײַנדרוק, אַז נאָר מלכות האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט ווי עס דאַרף צו זײַן קעגן די רוצחים, וועלכע זי האָט אָנגערייצט און צוגעהאָלפֿן הינטער די מיניסטאָרן־קאַבינעטן. „אַלעמען האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן דער פֿאַקט, אַז די רעגירונג, וועלכע אָסיגנירט געוויינטלעך הילף פֿאַר דער באַפֿעלקערונג, וואָס לײַדט פֿון סטיכישע אומגליקן, האָט אין דעם פֿאַל נישט געגעבן די מינדסטע הילף דער ייִדישער פּאָגראָם־געליטענער באַפֿעלקערונג[6]. אין דער זעלביקער צײַט, קומט־אויס, איז די אַלגעמיינע ליבעראַלע גוייִשע וועלט פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון די פּאָגראָמען אין 1882־1881. וואָס דאַרפֿט איר מער? „אויפֿן ייִדישן אומגליק אין רוסלאַנד האָט זיך

[6] שמעון דובנאָוו — די וועלט־געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק, ב׳ 10, ז׳ 109, ב״א 1956.

איצט אָפּגערופֿן דאָס לאַנד, וואָס האָט אין 1492 אַרויסגעטריבן ייִדן פֿון אירע גרענעצן, האָט אויסגעדריקט איר גרייטקייט אויפֿצונעמען און געבן שוץ די פּאָגראָם־פּליטים פֿון רוסלאַנד״[7]...

בחדרי־חדרים איז אָבער דיווירקלעכקייט געווען גאָר, גאָר אַן אַנדערע, אַזאַ כאַאָטישע, אַז מען קען דערפֿון דערשיטערט ווערן. אַפֿילו אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן, צווישן די הייסטע קעמפֿערס פֿאַר פֿרײַהייט, גערעכטיקייט און עמך, איז געווען אַ מוראדיקער בילבול־המוחות אין די ביטערסטע פּאָגראָם־יאָרן פֿון 1881־1882, ווי דאָס איז פֿאַרצייכנט געוואָרן אין אַ היסטאָרישן דאָקומענט פֿון אַן אידעאַלער פּערזענלעכקייט[8]. „אָט די גרויסע און שטורעמדיקע פּאָגראָם־כוואַליע איז געווען גאָר אַן אומדערוואַרטע זאַך פֿאַר די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט. זיי האָבן דעריבער אין אָנהייב ניט געוווסט וואָס פֿאַר אַ שטעלונג צו נעמען. אַ באַדײַטנדיקער טייל פֿון די רעוואָלוציאָנערן איז פֿון אָנהייב געווען גענייגט אָנצונעמען אַ פּאָזיטיווע און סימפּאַטישע באַציִונג צו די פּאָגראָמען. אַזאַ באַציִונג האָט אָבער גאָר ניט געהאַט צו טאָן מיטן אַנטיסעמיטיזם: די מערסטע רעוואָלוציאָנערן האָבן די פּאָגראָמען אָנגענומען ניט ווי אַן אויסדרוק פֿון נאַציאָנאַלער שׂנאה, ניט ווי אַן אויסדרוק פֿון געוואַלט קעגן אַ באַשטימטער נאַציאָנאַליטעט, נאָר ווי אַ ברייטע סאָציאַלע פֿאָלקס־באַוועגונג, ווי אַן אַרויסטריט פֿון די פֿאַראָרעמטע מאַסן קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרס און אונטערדריקערס, אַ מרידה וואָס וועט זיך צעוואַקסן אין אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. די אָנגענומענע מיטלען פֿון דער פּאָליציי און דער אַד־

---

[7] ד״ז, ז׳ 111.

[8] פּאַוועל באָריסאָוויטש אַקסעלראָד, 1848־1928, באַגרינדער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און מאַרקסיזם אין רוסלאַנד, פֿאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פֿירערס, אָבער האָט באַקעמפֿט די אָפּאָרטוניסטן און די נאַציאָנאַליסטן צווישן די סאָציאַליסטן, און דערפֿאַר באַקעמפֿט סײַ לענינען און סײַ מאַרטאָוון. ביבליאָגראַפֿיע: ג. אַראָנסאָן — אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, ב׳ 4, ק׳ 232—237, פּאַריז 1937.

מיניסטראַציע קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן די רעוואָלוציאָנערן באַטראַכט ווי געוואַלט־טאָטן. פאַר פּאָגראָם־קרבנות האָט מען גע־האַלטן ניט די פאָגראָמירטע ייִדן, נאָר די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס פלעגן צופעליק אַ מאָל לײַדן, ווען די פּאָליציי אָדער מיליטער האָבן זיך אַרײַנגעמישט"[9] — — — צוליב די דאָזיקע שטעלונגען איז אויך די צאַרישע רעגירונג געווען וואַקלדיק אין אירע באַשלוסן וועגן די פּאָגראָמען: זי האָט טייל מאָל אַליין זיך געשראָקן פאַר די פּאָגראָ־מען... אַ קשיא אויף אַ מעשׂה? נישט אין צאַרישער מיניסטער, ווי אַנטיסעמיטיש ער איז געווען, האָט אַ טראַכט געטאָן, צי איז נישט אַ מאָל אויף אַן אמת אַזאַ פּאָגראָם — אַן אָנהייב פון אַ „סאָציאַלער רעוואָלוציע"?...

דער נאַציזם מיט זײַן חיהשן שאָוויניזם און אײַנרײדעניש פון ראַסע־ריינקייט דורך פּערמאַנענטן טובֿלען זיך אין ייִדישן בלוט האָט קיין שום געלעגנהייט נישט געגעבן פאַר אַזאַ בילבול־המוחות. אויבֿ ראַטן־פאַרבאַנד האָט ערבֿ סעפּטעמבער 1939 געמאַכט זײַן פײַער־לעכע דערקלערונג, אַז „נאַציזם איז אַ געשמאַקזאַך", איז קלאָר די דיפּלאָמאַטישע קאָמערץ, וואָס האָט הינטער דעם געשטעקט, פאַר־חתמעט מיטן „פרײַנדשאַפט־אָפּמאַך" צווישן סטאַלינלאַנד און היט־לערלאַנד. צו דעם אַ רומל איז נאָך נייטיק געווען, אַז די סאָוועטישע הויפּזינגערס זאָלן אַזש אויף דער ייִדישער ראַדיאָ לאָזן הערן: „לאָ־מיר מאַכן אַ לעכאַ:ים / פאַר אַ לעבן אַ נײַעם"... ווי זאָגט אַ ייִדיש פאָלקסווערטל? „זאָל מען בעסער נישט געפּרוווט ווערן / צו וואָס מ'קען געווינט ווערן"... דאָס געהערט צו מאַקיאַוועליס פּערפידער דיפּלאָמאַטישער שול פון צביעות און אַקטואַליזירטער יעזוּיטישער צוויפּנימדיקייט. פון אַזאַ צוויפּנימדיקייט האָט דער נאַציזם נישט געהאַלטן. ער האָט שטאָלצירט מיט ברוטאַליטעט און גרויזאַמקייט. ממילא האָט קיינער קיין טעות נישט געקאָנט מאַכן, צו וואָס עס

---

[9] פ. ב. אַקסעלראָד — „פּאָגראָמען און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג מיט 43 יאָר צוריק", די צוקונפט, אויגוסט 1924, זז׳ 555־550.

האָט געצילט — און צילט אויך הײַנט אונטער פֿאַרשײדענע פֿענער און אַלערלײ שפּראַכן — דאָס געשפּענסט פֿון נאַציזם.

בײַ די קאָמוניסטן איז אָבער רעכט אָנצונעמען די אַראַבישע פּאָגראָמען אין 1929 פֿאַר „רעוואָלוציאָנערע אויסבראָכן", פּונקט ווי צו פֿאַרטײדיקן די אַראַבישע אַנטיסעמיטישע העצעס אין אַרגענטינע ווי אויסדרוקן פֿון „קאַמף קעגן ישׂראל־אימפּעריאַליזם"...

די פֿרײדיקערס פֿון גענאָסיד קענען, בכן, בשום אופֿן נישט צעטומלען די עפֿנטלעכקײט און די מאַסע, בעת בײַ יעדן אויסבראָך פֿון פּאָגראָם איז דאָ אַ גרויסע סכּנה, אַז דער אמת זאָל צעטרעטן ווערן.

דערפֿאַר איז די בלוט־בילבולים אַזוי גרינג אָנגעקומען איבער נאַכט באַרימט צו ווערן. עקסצעסן פֿון אַנטיסעמיטיזם, פֿאָרגעשטעלט ווי וואולגאַרע פּאָליצײ־פֿאַלן, האָבן נאַטירלעך צעטומלט די גאַס. בפֿרט נאָך ווען פּאָליטישע קאָניונקטורן פֿון געוויסע קרײַזן האָבן באַוויגן צו פֿאַרשווײַגן אָדער פֿאַרדרײען דעם אמת. פֿון אַזעלכע סכּנות זײַנען מיר קײן מאָל נישט אויסגעהיט און אַוודאי נישט באַוואָרנט.

טײל מאָל גיבן אונדז קלײנע עפּיזאָדן בעסער צו פֿאַרשטײן גרויסע געשעענישן אײדער באָמבאַסטישע פֿאַקטן, וואָס ווערן צעקלונגען ווי היסטאָרישע אמתן.

ווי אומגלײבלעך עס קלינגט, זײַנען ייִדישע סאָלדאַטן אין מלחמה־צײַט אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אין וואַקכאַנאַליעס פֿון פּאָגראָמשטשיקעס [10]. אַזעלכע, וואָס טײל ייִדן האָבן געהאַלטן פֿאַר די ערגסטע כוליגאַנעס, האָבן אַנדערע גאָר געהאַלטן פֿאַר „אויפֿריכטיקע סאָציאַליסטן" [11]. אַטאַמאַנען, וואָס האָבן שטאָלצירט מיט זײערע מאַסן־רציחות, האָבן גאָר באַשיצט אַנדערע ערטער, באַשר זײ האָבן

---

[10] ש. אַנ־סקי — דער ייִדישער חורבן פֿון פּוילן, גאַליציע און בוקאָווינע, 1914־1917 (דער ווידוי פֿון אַ ייִדישן סאָלדאַט פֿאַרן ד״ר הויזנער).

[11] א. רעוווצקי — „פֿון מײַנע זכרונות", 1919 אין אוקראַיִנע, זז׳ 3־71, אין זער תקופה פֿון רעוואָלוציע, ב׳ 1, בערלין 1924.

דאָרטן אַמאָל געהאַט צווישן ייִדן — פֿריַינד[12]. וואָס זשע איז שוין דער חידוש, אַז ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט פּראָקלאַמירט כמעלניצקין פֿאַר אַ פֿאָלקסהעלד און ער ווערט באַזונגען פֿאַר „די האָפֿענונגען פֿון די פֿאָלקסמאַסן", אָבער עס ווערט קיין וואָרט נישט געזאָגט אין דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע, אַז די דאָזיקע „פּרעכטיקע נצחו־נות" האָבן זיך געבאָדן אין טײַכן ייִדיש בלוט[13]?

דאָס איז דערפֿאַר, וואָס בעת גענאָסיד האָט נאָר איין טײַטש, איין דיאַגנאָז, לאָזט זיך אין פּאָגראָמען אַרײַנטײַטשן און אויסטײַטשן און פֿאַרדרייען אַזוי דעם טרויעריקן אמת, אַז מ'זאָל נישט קענען אַזוי גרינג אַרײַנפֿירן אין אמתן אמת, וואָס וואָרצלט אין הומאַניזם.

פֿאַר וואָס איז די פּאָגראָם־טעמאַטיק אַזוי ווייניק פֿאַרטראָטן אין דער בעלעטריסטיק?

פּאָגראָמען, וואָס פֿאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע, פֿאַרנעמען אַ קליין אָרט אין דער ייִדישער בעלעטריס־טיק. אַפֿילו אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז טאָגברויט פֿון דער ייִדישערווירקלעכקייט, איז קנאַפּ פֿאַרטראָטן אין דער דראַמאַטורגיע, ווייני־קער נאָך אין דער פּראָזע און צום ווייניקסטן אין דער פּאָעזיע. האָט דער בעלעטריסט מורא צוצורירן זיך צו דער טעמע פֿון פּאָגראָם? איז עס דערפֿאַר ווײַל „קיין קונסטווערק קאָן נישט פֿאַרשטעלן אַ פּאָגראָם־טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרויסער שרעקלעכקייט און שוידערהאַפֿטיקייט ווי זי שפּילט זיך אָפּ אין דער ווירקלעכקייט"[14]? איז עס דערפֿאַר, ווײַל דער קינסטלער קען זיך נאָר באַווײַזן „אין

---

[12] רחל פֿײַגענבערג — „די ניסים פֿון ריבניצע", חורבן דובאָווע, וואַרשע 1926.

[13] (רוסיש) 5טער באַנד באָלשאַיאַ סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ, 2טע אויפֿ־לאַגע, זז' 340־342, מאָסקווע 1950.

[14] דוד פּינסקי — פֿאָררעדע צו דער 1טער אויסגאַבע פֿון די פֿאַמיליע צבי.

געשטאַלט פֿון פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט״[15]? אויב ס׳גייט אין דעם, איז 1881 שוין פֿאַרגאַנגענהייט — דאָך איז דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן יענער צײַט נאָך אַלץ מרדכי ספּעקטאָרס אויף דער הייסער מינוט דערציילטער „ייִדישער מוזשיק״. פֿאַר וואָס זשע האָט יענער ביז איצט אויפֿשוידערנדיקער בלוטשטור־רעם נישט געפֿונען קיין קינסטלערישן אויסדרוק, ווי פּרץ האָט גע־וואָלט, אין פּערספּעקטיוו פֿון דער צײַט?

גראָד האָט חיים־נחמן ביאַליק דווקא „אין גרויס אײַלעניש״ געבראַכט צום אויסדרוק זײַנע איבערלעבונגען גלײַך נאָכן פּאָגראָם פֿון 1903 און זײַן „שחיטה־שטאָט״ האָט אים איבער נאַכט אַרײַנגע־פֿירט אין דער אייביקייט פֿון דער וואָרטקונסט. וויפֿל פֿאַלן זײַנען עס דאָ אין דער וועלט־געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור, אַז אַ פּאָעט זאָל מיט זײַן דעבוטליד געקרוינט ווערן פֿאַר דער אייביקייט? אַפֿי־לו אין 1916 איז צו מאָל דער עסטעטישער קריטיקער באַגײַסטערט פֿון „ביאַליקס צאָרן״[16]. בײַ אַנדערע איז אָט דער צאָרן געריכט צו די קרבנות פֿון 1903 געוואָרן אַ ביסל פֿײַנלעך. וואָס הייסט, דער פּאָעט פֿאַרמשפּט אַלעמען? אַזוי האַרב! נאָר מיט מידת־הדין? רק מיט שטראָפֿרייד און שטראָפֿרייד? בנוסח הנביאים — אויף ייִדיש. יע־דעס וואָרט — אַ שפּיז. אַ שוידערבילד און אַ שטראָפֿוואָרט, אַ שוי־דערבילד און אַ שטראָפֿוואָרט. נו, מעג מען זיך אַוועקשטעלן איבערן קאָפּ פֿון אַ יתום און אַפֿילו אַן אַלמן, און אים נאָך אַנאַנד שמײַסן מיט שטראָפֿרייד? ביאַליק לאָזט אויך נישט רוען די, פֿאַר וועלכע ער איז „דער ציאָניסטישער הויפּפּאָעט״[17]. הכלל, די ווירקונג פֿון 1903 דורך ביאַליקס ערשטליד איז אַ פּערמאַנענטע.

---

[15] י. ל. פּרץ — „דוד פּינסקיס „פֿאַמיליע צבי״, ליטעראַטור און לעבן, נ״י 1920, זז׳ 290־291.

[16] בעל־מחשבות — געקליבענע ווערק, ז׳ 239, נ״י 1953.

[17] ל. ראָזענהויז — „די ציאָניסטישע בענקעניש נאָך דער קאָניונקטור פֿונ בלוט אונ ביאַליק דער נאָווי פֿונ אינטערווענצ״, שטערן, נג׳ 4־5, ז׳ 102, מינסק 1932.

גאָר אַנדערש איז דער גורל פֿון פֿאָגראָמליד פֿון 1919. פּרץ מאַרקיש, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן אַכזריותדיק פֿאַרשניטענעם לעבן אויפֿגעשטיגן צו דער בריטפֿאַרנעמיקער מלחמה־עפּאָפּיי, האָט אין אַ מאָמענט אויסגעזען ווי ביאַליקס ממלא־מקום. גלײַך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט „די קופּע" זיך צעקלונגען אין דער פֿאַרייִנגערטער ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז געווען דאָס ווייגעשריי פֿון אוקראַיִנע. אַ ווייגעשריי פֿון אַ פּאָעט, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט מיט בילדער, געמאָלענע מיט אַזעלכע גרעדיכטע פֿאַרבן, אַז מ'האָט די בילדער נישט אַרויסגעזען... מ'האָט גערעדט וועגן די קופּע „ווי וועגן אַ נבֿואה", אָבער אויך וועגן איר „אומפֿאַרשטענדלעכקייט... מעשׂה מרכּבֿה" [18]. דאָס קען מען כאַראַקטעריזירן מיט פּרץ מאַרקישעס אייגענע ווערטער וועגן אימאַזשיניזם: „דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זיך אויסגעלערנט אַפֿילו זען אַבסטראַקציעס. בײַ אַזאַ פֿײַערלעכער מיסטעריע ווי בײַ מתּן־תּורה האָט דאָס פֿאָלק גאָר נישט געזען חוץ... קולות. וכל העם רואים את הקולות" [19]. די דאָזיקע קולות האָבן איבערגעלאָזט אַן עכאָ בלויז — אין דער ליטעראַטור־געשיכטע. אַ ליטעראַרישער דאָקומענט, ווי „מאַרקיש, וואָס האָט געזען אַזוי פֿיל אויפֿלעבונג און חורבן, אַזוי פֿיל טויט און תּחית־המתים... שרײַט, רײַסט שטיקער האָרץ, מוח, בלוט און וואָרפֿט" [20]...

ווייניק נחת האָט דוד פּינסקי געהאַט פֿון פֿאַמיליע צבֿי. סײַ פּרץ און סײַ בעל־מחשבֿות האָבן זי שאַרף קריטיקירט. צו נאָענט געשטאַנען צום צײַטמאָטיוו. ס'הייסט: אַן קינסטלערישער פּערספּעקטיוו. אָבער פּינסקין איז בײַגעשטאַנען נישט בלויז דער געזעלשאַפֿטלעכער זכות. חוץ וואָס די דראַמע איז געדרוקט געוואָרן אין שורייץ ווי רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור איז זי פֿאַרחתמעט געוואָרן אין די

[18] מלך ראַוויטש — מײַן לעקסיקאָן, ב' 1, ז' 131, מאָנטרעאָל 1945.

[19] פּרץ מאַרקיש — „מיט פּאַרמאַכטע אויגן", ביכערוועלט נ' 3, קאָל' 230, וואַרשע 1922.

[20] י. י. זינגער — „פּרץ מאַרקיש", ביכערוועלט נ' 5, ז' 347, וואַרשע 1923.

קאַמפּן פֿאַר נאַציאָנאַלער גרונטפֿעסטיקונג. וויפֿל טענות מ׳זאָל האָבן
צו די נײַן מאָס רייד הן פֿון מגיד ר׳ משה והן פֿון די דרײַ זין, איז
פֿאַרבליבן אַן אידעיִש געמעל פֿון אַ משפּחה און איר אַרום, ווען אויף
דער גאַס הויערט פּאָגראָם. פּינסקי דער אידעאָלאָג האָט געטאָן אויף
דער בינע דאָס, וואָס שמעון דובנאָוו האָט געוואָלט פּועלן בײַ די
ייִדישע פּאַרטייען: זיי זאָלן קומען צו אַ סינטעז. דערפֿון לײַדט אַוּר־
דאַי די קינסטלערישע אַטמאָספֿער, אָבער מיט אַלע בלויזן איז די
דראַמע אָנגעיאָדערט מיט דראַמאַטישע שפּאַנונגען. לאַנגע וויכּוחים
זײַנען אין טעאַטער־ליטעראַטור בכלל נישט קיין מעלה, בפֿרט אין
דער נײַער צײַט, ווען די אומגעדולד שרפֿעט די צונג...

אַ סך ערגער איז אַרויסגעקומען פֿון ראָמאַן דער בלוטיקער
שפּאַס דער מלאך פֿון ייִדישן געלעכטער. אויב די טראַגיקאָמעדיע
שווער צו זײַן אַ ייִד האָט זיך געעפֿנט אַ טיר אין טעאַטער, איז עס
דערפֿאַר, ווײַל שלום עליכם האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער מאַסע כראָ־
ניק וועגן מענדל בייליסעס פּראָצעס (1913-1911), וואָס האָט דער־
דריקט דעם ראָמאַן, און געלאָזט דעם פּאָגראָם הינטער די קוליסן...
דער אָפּקלאַנג הערט זיך בעסער ווי דער קלאַנג...

דער איינציקער, וועלכער איז אַרײַנגעדרונגען אין פּאָגראָם
גופֿא, אין זײַן ווילדער וואַקכאַנאַליע, און האָט ווי אַ פּראָזאַיִקער
דערגרייכט אַ הויכן קינסטלערישן שוווּנג, איז ל. שאַפּיראָ. מאָנו־
מענטאַל זײַנען טייל סצענעס פֿון זײַנע דערציילונגען. אומפֿאַרגעס־
לעך — דורך זייער בילדערישקייט און עמאָציע.

נאָך ביאַליקס שחיטה־שטאָט זײַנען שאַפּיראָס דערציילונגען ווײַ־
סע חלה, דער קוש און דער צלם די דערשיטערנדיקסטע פּאָגראָם־
שילדערונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די אָריגינעלסטע אינ־
טערפּרעטאַציעס און רעאַקציעס, סײַ פֿון די קרבנות, סײַ פֿון די
רוצחים. בעת אין אַלגעמיין איז די ייִדישע פּאָעזיע אין דער דאָזי־
קער טעמאַטיק טרײַ געבליבן דער טראַדיציע פֿון קינות, און דער
„אוי" און „וויי", ווי דער גרונטטאָן, האָט ווי אַ געדיכטער פֿאָרהאַנג
ניט צוגעלאָזט אַרײַנצוקוקן אין די רוצחים און דורך דעם איז די

בעלעטריסטיק ווייניקער איבערצייגנדיק ווי די דאָקומענטאַציע, האָט שאַפּיראָ געוויזן דעם רוצח אין די מאָמענטן פון זיין שגעון. אפילו דעם קרבן האָט שאַפּיראָ געשילדערט נישט בלויז מיט זיין אייגע־נעם שוידער און פּיין, נייערט אויך ווי אַזוי עס קומען־פאָר די גייסטיקע און פיזישע רעאַקציעס אונטער דעם געשפּענסט פון רוצח. מיר זעען די קאָנפראָנטאַציע צווישן מערדער און קרבן, דעם גע־ראַנגל און — די פונקען אין אַש...

אין דרך פון י. ל. פּרצעס וואָרט־שפּאָרזאַמקייט און דראַמאַטי־שער שפּאַנונג, בויערנדיק אין דער מענטאַליטעט פון זיינע געשטאַלטן, האָט שאַפּיראָ אַריינגעבראַכט ליכט אין פינצטערע ווינקלען פון מענטשנס כאַראַקטער און נשמה. אין ווייסע חלה זעט מען דעם הינ־טערגרונט, וואָס האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געפירט צו אַ ברוטאַלן און מיסטישן יידנהאַס, וועלכער דערפירט צו פּאָגראָם — געטריבן פון סאָציאַלן פּראָטעסט, קנאה, סעקסהונגער און פאַרבלענדונג. שאַפּי־ראָס דערציילונגען, קנאַפּ אין צאָל, אָבער גרויס דורך די קינסטלע־רישע ווערטן און עמאָציאָנעלער עקספּלאָזיע, זיינען דעריבער אויפ־גענומען געוואָרן ווי אַ סענסאַציע אין דער יידישער ליטעראַטור און האָבן אַרויסגערופן שטורמישע דיסקוסיעס אין די העכסטע יידי־שע אינטעלעקטועלע קרייזן. פאַר איין וועגס באַהאַנדלט אַשס, ביאַ־ליקס, פינסקיס און אַנדערע שאַפונגען, לשם פאַרגלייך און פאַרטי־פונג פון דער ערנסטער דעבאַטע, ווי נאָך קיין מאָל נישט פריער. ווייל שאַפּיראָ האָט געוויזן „די יידישע וועלט און די גויישע, דאָס באַגיין זיך פון דער גויישער וועלט צו אונדז (און) אונדזער באַגיין זיך צו איר" [21]. און דערפאַר האָט ער „מער ווי וואָסער ניט איז אַנדערער קנאַפּ פּראָדוקטיווער שרייבער באַוויזן צו לעבן אין זכרון פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט פון אים אַזוי זעלטן געהערט" [22].

---

[21] חיים זשיטלאָווסקי — „שלום אַשס אין אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט און ל. שאַ־פּיראָס דער צלם", אין דאָס נייע לעבן, העפט 7, ז' 413, נ"י 1909.

[22] יעקב גלאַטשטיין — „ל. שאַפּיראָ", אין תוך געגומען ב' 1, ז' 82, נ"י 1956.

די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע פון ייד און גוי האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפעטער אַריבערגעפירט אַהרן צייטלין אויפן באָדן פון ארץ־ישראל, ווו דער אַראָבער האָט איבערגענומען די ראָלע פון פאַגראָמשטשיק און חיים ברענער, דער ייִד פון ישעיה־גײַסט, שטעלט אַנטקעגן דער רציחה זײַן שלום־האַנט. דער דיכטערישער בעל־מוח איז אָבער נישט באַגלייט געוואָרן פון דעם פײַער אין אַזאַ דראַמאַטישן גערמאַנגל — פעלט די שפאַנונג, וואָס קען מיט מחשבות ניט אויסגעפילט ווערן... מוח און האַרץ ווירקן גאַנץ פאַרשיידן, זיי האָבן פאַרשיידענע פונקציעס.

אַזוי האָט דער סטיליזאַטאָר אין ליד און פּראָזע, אַלטער קאַציזנע, נישט באַניצנדיק דאָס אייגנאַרטיקסטע פון זײַן שאַפן אין דער דראַמע שוואַרצבאַרד, אַרײַנגעבראַכט די עלעגיע פון אַ ייִדישן העלד, וואָס איז זיך נוקם פאַר די קרבנות. אַ שטילע קינה.

אַנטקעגן די דאָזיקע פאַרליטעראַרישטע קינות איז די כראָניק פון רחל פײַגנבערג, אַ פנקס פון אַ טויטער שטאָט, אי אַ דאָקומענט, אי אַ רירנדיקער מאָנאָלאָג, אַ קוים־קוים רעטושירטע פאָטאָגראַפיע, ווו מיר דערזעען צווישן די הרוגים דאָ און דאָרט קרובים... און ס'איז שווער דערמאָלט צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס האָט אַ וועלכע ס'איז שײַכות מיט קונסט.

איז דער אויספיר: פאַגראָמען, וואָס פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע, פאַרנעמען דערפאַר אַ קליין אָרט אין דער ייִדישער בעלעטריסטיק, ווײַל דער דאָזיקער עקספּלאָזיווער שטאָף איז זייער און זייער אַ ריזיקאַלישער, ווײַל ער לאָזט זיך נישט קאָנטראָלירן: אָדער ער רײַסט־אויף צו פרי, אָדער ער רײַסט־אויף צו שפעט.

ווען די פאַקטן שטיקן דעם שרײַבער, איז דאָס סטיליזירן פון דעם שרײַבער פונקט ווי אויספוצן זיך צו אַ לוויה...

די עקספּלאָזיע פֿון דער חורבן־ליטעראַטור

די עסטעטישע עצה־געבערס אין דער יידישער ליטעראַטור נאָך די פּאָגראָמען, איבער הויפּט נאָך 1903, האָבן אָבער קיין שום דעה נישט אויסגעווירקט אויף דער שטורמישער תקופה פֿאַר, פֿון און נאָך דער 2טער וועלט־מלחמה, וואָס איז קורץ אין יאָרן, אָבער לאַנג וועדליק די שוידערלעכסטע איבערלעבונגען און דערפֿאַרונגען. אַלע טעאָריעס וועגן „פּערספּעקטיוו" און „צייטפֿראַגעס" זיינען ווי פֿאַרגעסן געוואָרן. די ווירקלעכקייט האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּליי־צע צו דער ליטעראַטור־קריטיק...

דאָס איז געשען נאָך פֿאַר דער 2טער וועלט־מלחמה, איבער הויפּט אין פּוילן, ווו די שטאַרקסטע טענער דורך קערנדיקער פּאָ־עזיע האָבן אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען רעאַגירט, מיט אַ זעלטענער שאַרפֿקייט, אינטויציע און געוואַגטקייט, זעענדיק און פֿאָרויסזעענדיק דעם גרויזאַמסטן פּאָגראָם פֿון אַלע פּאָגראָמען צוזאַמענגענומען. בעת „יונג־ווילנע" האָט פּראָקלאַמירט דעם יידישן ווידערשטאַנד דורך דוו־קא און משה שימעל האָט נאָכן פּשיטיקער פּאָגראָם (1936) געטרייסט, אַז „ס'קומען לויטערע טעג", און געעצהט דעם „יינגעלע" אויסווישן די טרערן און „אַליין פֿאַרריכטן די טיר", אַפֿילו ווען „זיי סטראַשען מיט מעסערס", האָט אַהרן צייטלין שוין אין 1933 געזען, ווי „אונדז וועלן גאַזן אויסווערגן", און משה בראָדערזאָן האָט נאָך אין 1938 דורך פּופּציק לידער געזען דעם „י", ווי ער ווערט אַריינגעשליידערט אין תהום — „און כ'שריי אויף קולי־קולות: ראַטעוועט זיך, מענטשן, / עס קאָן שוין ווייטער מער נישט אָנגיין דאָס געוואַלט, / איר זעט, איר זעט, עס ברענט פֿונדאַמענט שוין, / איר זעט, ווי אין די פֿייַ־ערן, ווי איר אַליין פֿאַרפֿאַלט!" — — —

אויב אין רוסלאַנד האָבן „די געשעעניש נאָך די גרויסע פּאָ־גראָמען געדינט פֿאַר זייער מאָדנע שמועסן אויף אייגער און דער זעלביקער טעמע — ווי דאַרפֿן מיר זיך באַגיין מיט די יידן? וווהין זיי אַרויספֿירן אָדער וועמען זיי אַוועקשענקען, אָדער זיי אויף אונד־

זער שטייגער איבערמאַכן?״ [23] — איז פֿאַרן הומאַניסט נאָכן 2טן וועלטקריג קלאָר געוועזן, אַז „קיין איין פֿראַנצויז וועט ניט זיכער זײַן (מיטן לעבן) כּל־זמן אַ ייִד, אין פֿראַנקרײַך און אויף דער גאַנצער וועלט, וועט מורא האָבן פֿאַר זײַן לעבן״ [24].

די עקספּלאָזיע פֿון דער ייִדישער חורבן־ליטעראַטור (בשעת און גלײַך נאָך דער מלחמה) איז דערפֿאַר געווען דער בעסטער באַווײַז, אַז דער פֿאָלקס־חוש איז געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט תּיכּף אויפֿגעכאַפּט און רעאַגירט אויפֿן ווייגעשריי און שווײַגעשריי, וואָס האָט דורכגעבראָכן די מויערן פֿון געטאָ, פֿײַן־לאַגערן און פֿאַבריקן פֿון טויט.

עס וועט דער ווערטפּולער ייִדישער ליטעראַטור גאָר ניט שאַטן, וואָס אין דער חורבן־ליטעראַטור, אין די אומצייליקע יזכּור־ביכער, ווי אין דער חורבן־פֿעריאָדיק און אַפֿילו אין אַ סך שיין געדרוקטע ביכער לידער און פּראָזע, זײַנען דאָ שטומע בלעטער, וואָס ריידן נישט צו קיינעם נישט... ווײַל דער אָפּשפּאָר איז שוין ביז איצט אַזאַ וויכטיקער פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ערשט איצט מעג מען וואַרטן און דערוואַרטן נײַע ווערטפֿולע ווערק, וועלכע זאָלן אַרײַנברענגען מערער ליכט אין יענע פֿינצטערע צײַטן, אי מאָנען און דערמאָנען יעדן מענטשן, וועלכע סכּנות עס לויערן פֿון אַלע זײַטן.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[23] (רוסיש) נ. ס. ליעסקאָוו — „זשידאָווסקאַיאַ קווירקאָליעגיאַ״ (ייִדישע קאָזשעליקעס), 17טער באַנד פֿון אַלע ווערק, פּעטערבורג 1903, ז׳ 140.

[24] Jean Paul Sartre - Reflexiones sobre la cuestión judía ("Reflexions sur la question juive"), p. 142, Buenos Aires, 1948.

1

די וועלט איז זינדיק

ז. שניאור

יידישע געזאנגען

פּאָעמע

„למה רגשו גוים ולאומים יהגו ריק״ [1]
תהילים, ב׳, א׳

— 1 —

וואָס יאָגן פעלקער מיט געשריי,
וואָס ליאַר׳מען זיי, וואָס פּלוידערן זיי?
„אַוועק! ס׳איז אונדזער ערד און הימל,
ס׳איז אונדזער זאַנג און אונדזער בלימל!...״
און לאַנג די הענט און לאַנג די צינגער,
אַן אַלטע ליד מיט נייע זינגער.
זינגט, זינגט... מער פייער, מער געפיל!
מיר ווייכן, לויפן אַן אַ ציל.
די וועלט — אַן אָפּגעברענטע הויז,
און ס׳הונגערן בײדע: קאַץ און מויז;
און ס׳בלייבט גערעכט ביים לעצטן ביין
נאָר דער — ווער נעגל האָט און ציין.

מיר ווייסן אָבער: רויט און שטום
פליסט אונדזער זאַפט אין אייער בלום;
און אונדזער טרער מאַכט גלאַנצן רייך

---

[1] (יהואש־איבערזעצונג) פאַר וואָס רודערן די פעלקער און די אומות טוען ברומען אומגעשטט?

וי גלאָז און גינגאָלד אײַער טײַך;
פֿון יעדן פֿאַלאַץ־ווינקל לויערט
אַ קינד פֿון אונדז אין שטיין פֿאַרמויערט.
איר האָט אונדזער לײַב און זעל צעפֿרעסן
און גרויס געוואָרן און פֿאַרגעסן,
ווי יעדער שיכּור נאָכן זויף,
ווי יעדער משרת וואָס קומט־אויף.

אויף אַהרונס ציץ און כּהונה־קליד
האָט איר אַ צלם אָנגעניט;
באַקרוינט דעם פּויפּס זײַן פֿליכנקאָפּ
און אָנגערוקט דעם פֿעטן פּאָפּ.
אַבֿרהמס שטאַמבוים אָפּגעשיילט,
זײַן יחוס ברייטהאַרציק פֿאַרטיילט,
פֿונעם נעגער ביזן צפֿון־בער,
וואָס שנאָרכט און זייגט זײַן לאַפּע שווער...
אין אײַערע כּאָרן, טיף און מיד,
קלינגט עד־היום נאָך דודס ליד;
די חגא־מעסעס מורמלען אײַך
פֿון ירדנס פֿאַליעס — הייליקער טײַך,
פֿון דעם לבֿנונס לעצטן בוים
און פֿון כּנרת גרינענשוים.
דעם משכּנס זילבערנע טראָמייטן,
מיטן פֿרײַען מדבר־שאָל און ברייטן,
האָט איר פֿאַרשמאָלצן אין אַ גלאָק;
בים־באָם... האָרכט־צו! ער קלינגט און שרעקט:
די וועלט איז זינדיק און פֿאַרפֿלעקט.
דער ייִד — ער איז דער זינדנבאָק!...
איר האָט, מיט גראָבן פּורפּורהעמד
באַדעקט דעם טרויער פֿון דער שכינה,

גענייט איר מאַכן פֿאַלש אַ מינע,
פּונקט ווי מיר און זי — מיר זײַנען פֿרעמד.
זי קוקט אונדז אָן, ווי מיר געפֿאַנגענע,
באַטויבט פֿון קריסטלעכע געזאַנגען:
נאָר אין דער שטיל, אין מיטן נאַכט,
צערײַסט זיך איר מאַדאָנע־טראַכט
און ווײנט אַ ביטערן געוויין,
אויף אונדז איר פֿאָלק, אויף זיך אַליין.

איר האָט באַמיסטיקט יעדעס לאַנד
מיט אונדזער מוח. ייִדנשאַנד
האָט אײַער ערע זאַט געשפּײַזט,
און ווי פּראָגרעס שטייט־אויף און שפּרײַזט —
זענ' אונדזערע קדושים זײַנע בריקן,
אויף תּהום און זומפּ, אין וויסטע ערטער.
ער שפּרײַזט און טויבט מיט הויכע ווערטער
זײַן מאָרדן, ברענען און דערשטיקן.
קיין נײַער נאָמען ברענגט אונדז נײַהייט
פֿאַרצײַטנס — גאָט, אַצינדער — פֿרײַהייט.
דאָ הייסט עס: פֿאָטערלאַנד, דאָרט — זיג,
און דאָרטן... אַ פֿאַרשפּילטער קריג.

אַצינד האָט אײַער ריטערהאָרד
אויף אונדז געבראַכט אַ ברודערמאָרד,
מיט גאולה־דרשות פֿון די טראָגנען.
איר האָט מיט אײַערע בונטע פֿאָנען,
די קלאָרע אויגן אונדז פֿאַרבונדן,
די וועלט אין קריג אַרומגעצונדן;
און ווי אין רוימערצירק געהייסן
זיך וואַרפֿן ווילד אין קאַמף, אין הייסן,
איינער אויף צוויי און צוויי אויף איינעם,

געלעבט צעשפּרייט, געפֿאַלן אין איינעם:
פֿאַר דײַטשלאַנדס גראָבן אַפּעטיט,
פֿאַר פֿלאָט און האַנדל פֿונעם בריט:
פֿאַר פֿראַנקרײַכס ערע און רעוואַנש,
פֿאַר עסטרײַכס פֿעלקערלעך־מעלאַנש;
פֿאַר רוסלאַנדס שיכּרות, רוסלאַנדס זינד,
פֿאַר פּוילישן האָנער — רויך און ווינד;
פֿאַר דעם פֿאַרקויפֿטן פֿעטער טערק
און פֿאַר אַמעריקעס נײַע מערק.
פֿאַר אַלעמען און אומעטום,
נאָר ניט פֿאַר זיך... אָ, קוקט זיך אום!
זיי ליגן שטיל, זיי הויערן שטום,
אין פֿעלקער־יאַטקע — גרויס און ברייט,
אויף יעדער גרענעץ, יעדער מיסט,
צעריסן, אָנגעהויפֿט, צעזייט:
די מײַלער וועלק, די אויגן וויסט
אָן הענט און פֿיס, אָן רוק׳ און לענד,
געטייט פֿון בלינדע ברודערהענט.
אַ סך אַבֿרהמלעך, יוספֿס, רפֿאלס,
נחמיהס, שמעונס און ישׂראלס...
אַלץ „שׂונאים״ פֿון צעקריגטע לענדער
אין בונטע, זעלנערשע געוועַנדער
די גופֿים — שטאַר, די גײַסטער לעבן,
זיי פֿלאַטערן אין לופֿט און שוועבן,
באַפֿרײַט פֿון קערפּערלעכע קייטן,
און בעטן מחילה מת בײַם צווייטן
און ברעכן אָפּגעוועלקטע הענט:
אָ, זײַט אונדז מוחל, אויב איר קענט,
פֿאַר אונדזער שרעקלעכן פֿאַרברעכן!
מיר זײַנען אָפּפֿער פֿון אַ לץ.

דער בלוטיקער מלחמה־געװ
װײל יהוהס װאָרט און ליכט פֿאַרשװוּנדן, —
פֿון אַלטן, רױמישן געטערגלאַנץ
איז ער... נאָר מאַרס געבליבן גאַנץ,
און נעמט פֿון אונדז ביז איצטער ראַכע,
פֿאַר אַלע געצן קרומע, שװאַכע,
װאָס מיר'ן װאָגלענדיק צעטראָטן
מיט יהוהס קרעפֿטיקע געבאָטן...
דאָס לעבן װערט אונדז שװער און שװערער,
איר באַרגט און רױבט אַלץ מער און מערער,
און גרױזאַם, פֿינצטער װאַקסט די שולד,
איר באָרגט גאונות, פֿלײַס, געדולד,
גאולה־טרױמען, לעבנס־גלות;
מיר שרײַבן רעכ'נונגען מיט בלוט.
די גאַנצע ערד איז באַלד פֿאַרשריבן,
און אײדער אָנגעקלאָגט — פֿאַרטריבן...
באַנקראָט, באַנקראָט די גאַנצע ערד!
אױף אױסצוקױפֿן אונדז'רע לײדן,
מחוץ איר, פֿעלקערלעך, פֿאַרזעצן
קיסרים־קרױנען, פּישער־נעצן,
דעם אַקער װי די העלדנשװערד.
נאָר, אױף דעם משפּט אױסצומײַדן,
דער גױישער יושר זאָל ניט זױגן —
שעכט איר אױס, אָ, ריטערפֿײַנט!
די מאַנערס פֿון אַמאָל און הײַנט,
מיט זײערע מאַטע מזרח־אױגן...
און שאָבט, און שמירט, און װילט פֿאַרמעקן,
מיט פֿרישן בלוט די אַלטע פֿלעקן.

קאָפּענהאָגן 1919

9. בימקאָ

געשלעגן

... אַרויסגעגאַנגען איז אין יענער צײַט אַן אַלטער ייִד פֿון בית־המדרש, אַ זקן, קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערהאַלטן אויף די פֿיס, אײַנגעבויגן, מיט טריבע אויגן, זיך געשלעפּט, אָנגע־קלאַפּט אַלץ אין איינעם מיטן שטעקן אין די ווענט, אַ פּנים בלינד געווען און געשאָפּט ב׳וועג; געוואָלט האָט ער אויך אַ פּנים אַרויסגיין צום „פּאָוויאַט״[1], געוויר ווערן פֿון זײַנס אַן אייניקל, וואָס ער האָט געהאַט שטיין... און ווי דער ייִד איז נאָר אויפֿן מאַרק אַרויסגעקומען, האָט אַ יונגער שייגעץ בײַ אים דעם שטעקן אַרויסגעריסן מיט עזות, אים דערלאַנגט אַ שטורך, פֿון וואָס דער אַלטער איז אומגעפֿאַלן צו דער ערד און דאָס בלוט האָט זיך אים גענומען גיסן פֿון מויל.

האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ געשריי אויף די שוועלן פֿון די ייִדישע קראָמען:

— גוואַלד, מ׳האָט אַ ייִד דערהרגעט!...

און ייִדן האָבן פֿאַר פּחד גענומען לויפֿן אין די טויערן מיט אַ געשריי, מיט אַ געפּילדער, ווי די איבערגעשראָקענע האָזן, די קעפּ אַראָפּגעבויגן, אַחוץ עטלעכע געציילטע, וואָס האָבן זיך מפקיר גע־ווען און אַרײַן אין רעדל, געכאַפּט דעם זקן אויף די הענט, אים אַרויסצוטראָגן, אַ האָגל פֿון שטעקענעס איז געפֿאַלן איבער זייערע קעפּ, און נאָך נישט אָנגעגאַנגען אַ טריט — זײַנען שוין אַלע געווען אָנגעגאָסן אין בלוט...

געשטאַנען איז דער עולם „ווילע״־יונגען, וואָס האָט פֿון אַ ווײַלע אַהער געטראַכט פֿון אָנהייבן, אַזוי ווי אַ מחנה אויפֿגערייצ־טע וועלף, וואָס האָבן נאָר וואָס אויסגעבראָכן די קראַטן, און פֿאַר גרויס אַנטציקונג, האָבנדיק פֿאַר זיך אַ שלאָפֿנדיקע סטאַדע אָקסן,

---

[1] קרײַז, דיסטריקט.

— נאָר וואָס זיי שטייען נאָך, האַלב אומבאַוווסט פאַר זיך, צוזאַמענגערוקט, די אויערן אָנגעצויגן, ווי אַ בייזער שרעקנדיקער ווינט וואָלט דורכגעלאָפֿן... בערלען האָבן זיך די האָר אויפֿגעשטעלט ווי אויפֿן רוקן פֿון אַ ווילדן הונט. אַ שווייַגנדיקער איז ער אַרייַנגעפֿאַלן צווישן די שקצים, איינער אַליין. נישט קוקנדיק, ווער ס'איז מיט אים, האָט ער זיך געוואָרפֿן אין דעם קנויל פֿון מענטשן, אָנגעטאָפּט דעם שייגעץ, וואָס האָט אָפּגעטאָן די מעשׂה, פֿלינק אַרויסגענומען דעם שטעקן פֿון זייַן האַנט, אים פֿאַרמאָסטן אַ פֿראַסק איבערן פּרצוף, פֿון וועלכן יענער האָט זיך אַ טאָטשע געטאָן ווי אַ שיכּור און זיך איבערגעקוילערט צו דער ערד...

— אַן אַלטן ייִד וועסטו שלאָגן! — האָט ער געקייַכט, געטרעטן אים מיט די פֿיס און געוואָרגן מיט זייַנע הענט, אַז בייַם שייגעץ זייַנען אַרויסגעקראָכן די אויגן פֿון קאָפּ...

די איבעריקע שקצים האָבן זיך לכתחילה צוריקגעהאַלטן, עפּעס ווי צעמישט, פֿאַרטומלט פֿון דעם ווידערשטאַנד, וואָס איז פֿאַר זיי געקומען אַזוי אומגעריכט, און האָבן זיך פֿון דער ערשטער רגע נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג, וואָס ס'איז געשען. נאָר געזען האָבן זיי, ווי אַ זייעריקער ליגט אויף דער ערד און אַ ייִד טרעט אים מיט די פֿיס — האָבן זיך אַלע געוואָרפֿן אויף אים, מיט די שטעקלעך איבערן קאָפּ, און דענסטמאָל האָבן זיך די יונגען צוזאַמען מיט די קצבֿים־שקצים אַ לאָז געטאָן צווישן די כאַמעס און גענומען אַרבעטן מיט די הענט; קצבֿים־יונגען האָבן אַרויסגעצויגן שטאָלן פֿון די כאָלעוועס און געשניטן ווי אין קרויט... דער מאַרק מענטשן איז באַלד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן פּלאָנטער פֿון יונגען מיט שקצים, וועלכע זייַנען אַלץ אין איינעם געפֿאַלן צו דער ערד, אויפֿגעהויבן זיך, מיט עקשנות אַרומגענומען, געביסן מיט די ציין, געריסן פּאַסן פֿון די קורטקעס[2]... שטעקלעך זייַנען געפֿלויגן, זיך געדרייט אין לופֿטן ווי די ליידיקע זאַנגען בייַם דרעש-

[2] קורצע מאַנטלען, ווי רעקלעך.

שן... דאָ און דאָרטן האָט מען געקאָנט זען, ווי עס ליגט אויף דער ערד אַ יונג מיט אַ שייגעץ,ביידע האָבן זיך ברידערלעך אַרומגענו־מען, זיך געקוילערט, געקוילערט; אַ מאָל — איז דער יונג געבליבן ליגן פֿון אונטן, באַלד — דער שייגעץ, ביז ענדלעך דער יונג בלײַבט פֿון אויבן, די אויגן — פֿאַרלאָפֿן, די ציין — צוגעדריקט, און רעוועט ווי אַן אָקס:

— אַלטע ייִדן וועט איר שלאָגן ...

אַרום האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ טומל, אַ געפּילדער, אַזוי גוט ייִדן ווי פּויערלעך, וועלכע זײַנען זיך אָנגעלאָפֿן אויף די געשרייען און פֿאַרבראָכן די הענט, רײַסן זיך די האָר פֿון די קעפּ. פּויערטעס מאַכן קוויטשן, אַז זיי פֿאַרגלישען [3], און דאָ שלאָגט מען זיך, מ׳ליגט אויף דער ערד און מ׳רײַסט זיך ווילד, מיט רציחה, און ס׳איז צו זען: ווי אַלע ווײַלע לויפֿט־אַרויס אַן אַנדערער שייגעץ פֿון קלימ־פּער, דאָס בלוט גיסט זיך אים פֿון קאָפּ, און ער שרײַט:

— אָ, יעזוס... יעזוס...

אַזוי אײנער נאָכן אַנדערן לויפֿן־אַרויס די שקצים, צעבלוטיק־טע, צעהרגעטע, צעשפּאָלטענע קעפּ, אויפֿגעשיילטע ליפּן. זיי צע־לויפֿן זיך. דער מאַרק ווערט מיט דער מינוט שיטערער, און ליי־דיקט זיך באַלד אויס פֿון די אַלע פּויערים־שקצים... עס קלײַבן זיך שוין די ייִדן מיט די קײַלער־שקצים אין איינעם אויבן אָן. אויך בײַ זיי זעט מען עפּעס, בײַ וועמען איז דער קאָפּ צעקײַלט, אַ שטערן אויפֿגעלאָפֿן, אַ באַק אָפּגעשיילט. נישטאָ קיין אײנער, וואָס זאָל נישט האָבן קיין בלויע פּרעגעס, ברוין און בלוי אונטער די אויגן...

בערל שייגעץ ווישט זיך מיטן אַרבל די ליפּ, וועלכע איז צע־שפּאָלטן, און ס׳טריפֿט בלוט. ער שעלט פֿאַר כּעס אויף וואָס די וועלט שטייט:

---

[3] פֿאַרטויבן.

— גאַנצע „ווילערס״ [4] די כאַמעס, צו שלאָגן ווײַבער מיט אַלטע ייִדן, אַ בראַנד מעג זיי קומען אין די בײַכער אַרײַן, אַ פּלאָם אין די אויגן! מיט אונדז זאָלן זיי זיך קאָנען פֿאַרהערן!...

— אַ קטאָ טשי טאָ זראָביל [5]? — פֿרעגט בײַ אים אַ קײַלער־שיגעץ.

— ווער ס׳האָט מיר דאָס געטאָן, וועט שוין אַצינד אָוועקגיין אין דער ערד אַרײַן, נישט צו די זעלנער... — ווײַזט בערל מיט אַ פּויסט צו די דאָרפֿישע שקצים, וואָס האָבן זיך גענומען עפּעס דרייען ווי די אָנגעשלאָגענע כפּרות אין די ווינקלען פֿון מאַרק...

—די גאַנצע גבֿורה זייערע ליגט נאָר אין די שטעקעלעך... — טוט־אויף דער קליינער ברוכל, וועלכער איז אַליין געלעגן פֿאַר דער גאַנצער צײַט באַהאַלטן ערגעץ אין אַ לאָך, געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און ערשט אַרויסגעקראָכן, מאַכנדיק זיך פֿאַר אַ גבֿרן, אַ העלד, וואָס פֿון זײַנס אַ פּלאָסק האָבן זיך אוודאי צען שקצים איבערגע־קוילערט, — נעמט מען צו בײַ זיי די שטעקעלעך, אַזוי נעמט מען צו בײַ דעם די הענט...

— כי־כי־כי!... — לאַכט הייזעריקלעך דער לאַנגער שמואל, בײַ וועמען מ׳זעט כמעט נישט אַרויס די אויגן פֿון קאָפּ, און האָט אַ פּנים וואָס איז ברוין און בלוי — מ׳וועט זיי נאָך די הענטעלעך אויך אַראָפּנעמען, נישט בלויז די שטעקעלעך...

— אָבער ווער האָט דיך אַזוי אײַנגעריסט [6]? — קײַכט פֿאַר געלעכטער בערל שיגעץ. — קוק דיך נאָר אָן, וואָלטסט דיך, כ׳לעבן, נישט דערקענט...

דער לאַנגער טוט אַ פֿיר מיט ביידע הענט איבערן פּנים און, אַ פּנים, ער פֿילט זיך גוט — שעלט ער, ווערט בייז און וואַרפּט זיך...

— און וואָס זאָל זײַן?... אַז מ׳ברויך זיך גיין שלאָגן אויפֿן ניכ־טערן!... דאָס האַרץ חלשט, און דאָ גיי האָב צו טאָן מיט אַזאַ גע־הינטעכץ [7]...

---

[4] גיבורים. — [5] און ווער האָט דיר דאָס געמאַכט? — [6] אויסגעשמירט, פֿאַר־פּאַטשקעט. — [7] הינטישן מין.

און דער גאַנצער עולם שיט זיך אַראָפּ צופרידן, לאַכנדיק, צו לייזערן אין שענקל, צו רעכט מאַכן דאָס ערשטע אָנבייסן נאָכן ערשטן געשלעג פון טאָג...

*

אין דער אייגענער נאַכט האָט זיך לייזער שענקער נישט אויס־געטאָן; אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען על התורה ועל העבודה, גערייניקט די טישן, געוואַשן די פּאָדלאָגעס, געשאָבן, געפּליקט דעם שמאָדער מיט די ציין... ער האָט אויסגעליידיקט אויך זיין שטיבל, וואָס ער האָט פאַר אַ גאַנץ יאָר געהאַט פאַר אַ מקום־מנוחה פאַר זיין ווייב און קינדער, אַריבערגעטראָגן דאָס ביסל בעבעכעס זיינס ערגעץ אויף אַ בוידעם, פאַרשטופּט אין אַ לאָך, גראָד ווי ער וואָלט זיך געריכט אויף צו מאָרגנס אויף עפּעס אַ וואָזשנע רעוויזיע; די גראַ־טעס זיינען אויסגעליידיקט, דאָס ווייב — פאַרקאַטשעט די אַרבל, דאָס קלייד ביזן גאַרטל, שווענקט, פרישט־אויף דעם קאַסטעטיש: אַלץ זאָל בלאַנקען, לייכטן. און די אמתע סיבה פון דעם אויפריכטן, ווען מ'זאָל אים פרעגן, וועט ער אייך גלייך דערציילן:

— אַז מאָרגן הייבט זיך אָן דער פּריזיוו, און דאָס איז זיין סע־זאָן, אויף אים קוקט ער אַרויס ס'גאַנצע יאָר; אין די טעג וועלן ביי אים זיין אַלע רעקרוטן, סיי אַזעלכע וואָס וועלן אָוועקגיין דינען, און סיי אַזעלכע וואָס וועלן זיך אויסדרייען, וועלן אַלץ מוזן אָנ־קומען צו אים, פאַרזוכן זיינס אַ גלעזל בראָנפן, אַ קופל ביר אַראָפּ־לאָזן און אַ פריש געבראָטן שטיקל געגנדזנס פאַרבייסן...

שוין קעגן טאָג האָט ער אָוועקגעשיקט ס'ווייב מיט אַ שטיק דערין געגנדזלעך צום שוחט, אַליין זיי געהאָלפן פליקן און אָפּמאַכן. נאָך דעם זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז אין דער אַנדערער שטוב נישטאָ ווו צו זיצן, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אויפן בית־המדרש־הויף, ווו ס'ליגן אָנגעגרייט בענק, אויף די ימים־נוראימדיקע טעג, און וועל־כע אויך דער שמש באַניצט פאַר אַ גאַנץ יאָר צו אַלע שמחות אין שטאָט, ווי ביי חתונות און בריתן, און ביי די בענק האָט ער זיך שיער נישט איבערגעריסן, ביז ער האָט זיי געברענגט צו שלעפּן

אַהיים, צו זיך אין שטוב, און אַרומגעשטעלט אַרום די ווענט.

אַצינד, ווען דער עולם האָט זיך אַרײַנגעפּאַקט צו אים אין שענקל און דערזען די אָדערקעס מיט די פּופּקעס, ווי זיי ליגן אויסגעסדרט אויפֿן קאַסעטיש, אַזוי האָט עס זיי אַ ציפּ געטאָן פֿאַר די לעבער, און די שלונע [8] איז יעדן געקומען אין מויל אַרײַן; דאָס גלאַנצן פֿון די מעשענע קראַנען פֿאַרבלענדט די אויגן און דער עולם, ווי די הישעריקן, האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן, און אײדער וואָס־און־ווען איז דער טיש געווען גאָל, אָפּגעלײדיקט, כּלחוך השור [9], אָפּגעלעקט מיט די ביינער...

נאָך דעם צעזעצט מען זיך אַרום די טישן און בענק. לײזער שטעלט־אויף אַ פּאָר פֿרישע פֿעסלעך ביר און די גלעזער הייבן־אָן שוימען, אויסלײדיקן זיך איינס נאָכן אַנדערן אין די טוצן אַרײַן... און אַז דער עולם איז שוין באַלד מלא, אָנגעפֿרעסן און אָנגעזויפּט, פֿאַרשאַרצט זיך לײזער די פּאָלעס און מיט פֿינקלענדיקע אײגעלעך דערלאַנגט ער אַ חשבון:

— כּך וכך קומט אים פֿאַר פּופּקעס... כּך וכך פֿאַר גענדזלעך... כּך וכך פֿאַר ביר...

און מאַכט זיך נאָך אַן אויסרייד:

— ער וואָלט גאָר נישט גערעדט, נאָר מחמת ער פֿאַרשטייט, אַז מיט דעם ביסן גייט נאָך נישט דער עולם שלאָפֿן דעם טאָג... און איבער דעם ברויך ער תּיכּף באַשטעלן פֿריש ביר, און ס׳„ברויז״ שיקט נישט אָן געלט, די גענדזלערקע גיט אַוודאי נישט, טרײַבט ער חלילה זיי נישט אַרויס, זיי מעגן זיך נאָך דעם זיצן אַ גאַנצן טאָג אויך...

בערל באַלײדיקט זיך נישט; ער פֿאַררײַסט דעם קאָפּ מיט אַ מינע פֿון אַ גדול און ווײַזט־אָן אויפֿן פֿרישן עולם, וועלכער צאָלט. צווישן דער חבֿרה ווילערס געפֿינען זיך דאָס מאָל אַ סך פֿון די

---

[8] דאָס שפּײַעכץ (סלינע). — [9] (במדבר כ״ב, ד) ווי עס פרעסט־אויף דער אָקס.

„ווייכע" מענטשלעך, וועלכע האָבן אַ גאַנצן זומער זיך געקענט ווי נישט ס׳איז אויסדרייען, אָבער ווײַטער גייט עס נישט, און מ׳מוז מיטטאַנצן... די דאַזיקע שטייען פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, דרייען די געקרײַזלטע פּיאותלעך עפּעס אַזוי פאַרטיפט, און פילן זיך ווי אַ סטאַדע פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, וואָס אין פלוג פרעגט זיך טאַקע:

— ווי קומען די ריבן אין דעם זאַק אַרײַן?

נאָר־וואָס פון זייערע געזיכטער קאָן מען אַראָפּלייענען אַ טיפע קרענקלעכע מינע, ווי איינער זאָגט:

— אמת, מיר קומען טאַקע נישט, נאָר אַ ברירה האָט מען? פון די זעלבער קען מען זיך טאַקע ווי ס׳איז נישט אַרויסהעלפן, אָבער פון אַ רעקרוט זײַן — נישט; דאָ גייט עס נישט!...

און צווישן די ווילע־יונגען געפינען זיך אַ סך פרישע, וואָס זײַנען צוגעקומען פון די שטעטלעך: געזעלן־יונגען — די האָבן פונקט ווי די פויערים־שקצים זיך מיטגעבראַכט די זאַכן מיט די קעסטלעך, און כאָטש — אַ פּנים חדשות, איז עס גאָר נישט קיין מניעה, מ׳זאָל זיך געבן גלײַך די הענט אין דעם זעלביקן טאָג, ווי די אַלטע גוטע־ברידער, און צוזאַמען לעבן אַ טאָג...

צו דער צײַט האָבן זיך געדרייט די שקצים אויפן מאַרק, זיך געקליבן מחנותווײַז און געזוכט אַן עצה: מיט וואָס זיך אָפּצורעכע־נען פאַר די קלעפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען. און יענע, וואָס מיט די געשוואָלענע קעפּ, האָט מען אַרײַנגעפּירט צווישן די פרישע שקצים, באַוויזן זייערע צורות און אויפגערייצט:

— זעט... זעט, וואָס די ייִדן האָבן אונדז געטאָן... זעט ווי זיי האָבן אונדז צעקײַלט... צעבײַלט.. וועט מען זיי דאָס אַזוי שענקען?...

און פון אַלע גמינעס האָבן זיך די שקצים געקליבן און גע־גרייט. און איינער, וואָס האָט גאָר נישט געקאָנט רירן מיטן קאָפּ, און זײַן פּנים האָט אויסגעזען ווי אַ פרישבלוי צעפּרעסן הײַפּטל קרויט, האָט זיך געשוואָרן:

— אַז דאָס האָט אים גאָר אַן איגענער געטאָן!... אַ קשעש־ציאַנין [10]!...

מאַכט זיך אַ מעשׂה: ס׳ברויכן גראַד אָנקומען אייניקע יונגע־לײַטלעך, אויסגעדברטע, וואָס האָבן גאָר נישט געוווסט פֿון קיין פּותר און קיין חלום, און געוואָלט פּשוט אַרײַנגיין אין הויף פֿון „פּאָוויאַט". דאָ האָבן זיי פֿאַרשטעלט דעם וועג עטלעכע שקצים, בײַ וועלכע דער כּעס פֿון פֿריִער האָט ערשט גוט געברענט, און ס׳האָבן זיך שוין געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן געשווירן מיט ראַיות, מיט אותות־ומופֿתים:

— אַז זיי האָבן פֿריִער געשלאָגן...

האָבן זיך די שקצים געוואָרפֿן אויף די יונגע־לײַט און גענומען זיי שלאָגן מיט שטעקעלעך איבער די קעפּ, אַז די ייִדישע יונגע־לײַט זײַנען תּיכּף געפֿאַלן צו דער ערד און זיך באַגאָסן מיט בלוט. האָבן די טאַטע־מאַמעס, וואָס זײַנען געווען מיט זיי, זיך געוואָרפֿן איבער זיי מיט זייערע לײַבער, אָפּוערן די קינדער, און אויפֿגעהויבן אַ האַרצרײַסנדיק געשריי:

— ייִדן, ראַטעוועט אונדזערע קינדער!... באַשירעמט אונדז פֿון די גויִמס הענט!...

די איבעריקע שקצים, האָבנדיק נחת פֿון דעם שפּיל, האָבן זיך געוואָרפֿן איבער די שטעלן פֿון מאַרק, אָנגעפּאַקט זיך פֿולע קעשענעס מיט עפּל, פֿלוימען, באַרנעס און מיט דער רעשט זיך געמאַכט פּאַר אַ שפּילעכל: געוואָרפֿן מיט פֿאַרגעניגן איבערן מאַרק. האָבן ייִדן, קרעמערס, גענומען פֿאַרהאַקן די טירן פֿון די קראָמען און ווײַבער זיך צו פֿליקן אויף זייערע קוויטשיקע קולות:

— ייִדן, מ׳ראַבעוועט אונדז... מ׳נעמט אונדז צו דאָס לעבן מיטן פֿאַרמעגן!...

אין די אַנדערע גאַסן, ווו עס האָבן דערגרייכט די קולות מיט די געשרייען, האָט מען געמיינט: מ׳שעכט דאָרטן אויס גאַנצע גע־

[10] קריסט

זינדן, און אַלץ האָט זיך איבער איין רגע אָפּגעטאָן פון גאַס. די הויפן זײַנען געוואָרן ליידיק. טיר־און־טויער פאַרהעמערט. מ׳איז געלאָפן זיך באַהאַלטן: ווער אויף אַ בוידעם, ווער אין קעלער, ווו נאָר איינער קאָן...

דענסטמאָל איז אויך אַ ייד מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ און אַ צעריסענעם פּנים, פון וועלכן דאָס בלוט האָט געיאָרזשעט, און זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון דער בראַנד, אַרײַנגעפאַלן אַ פאַרצאַפּלטער צו לייזערן אין שענקל.

— גוואַלד, יידן, איר זיצט דאָ און עסט בנעימות, און אין דרויסן ווערט חרובֿ אַ שטאָט! אַ ישובֿ גייט־אַוועק פון דער וועלט! מ׳שעכט קינדער אין די וויגן!...

איז דער חבֿרה דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן: דאָס פלייש געבליבן שטעקן אין די העלדזער, אַ טריט ווײַטער נישט צו גיין, די גלעזער ביר האָבן זיך אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט און אַ רגע געקוקט סתם אין דער וועלט אַרײַן, ווי אַ שטייגער זיך געוואָלט אײַנהערן צו דער גאַס אין דרויסן, וואָס אַזעלכעס ס׳קומט־פאָר דאָרטן, געוואונדערט זיך צום ייד, ווי ער וואָלט זיי עפּעס נישט געוועזן באַגלייבט און די גאַנצע געשיכטע נישט מער ווי אויסגעטראַכט... האָט אָבער גערעדט זײַן צעבלוטיקטער קאָפּ:

— שענקען אַזאַ זאַך?... נבֿלה עשׂה בישׂראל — און זיי שווײַגן!...

— קינדער, אויף קידוש־השם! — האָט נאָך עמעץ געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

און ווי די אמתע גיבורי־ישׂראל האָבן זיי זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און מיט אָנגעדראָלטע פויסטן, מיט פולע אויגן בלוט זיך געלאָזן איבער דער גאַס; און ס׳איז געווען, ווי זיי האָבן דערזען דעם חורבן, דערהערט די געוויינען פון די מוטערס, דערזען די קאַלוזעס בלוט אויף די שטיינער, זײַנען זיי געוואָרן ווילד פאַר כּעס און רציחה, האָבן אַרויסגעכאַפּט קלאָניצעס, נאַרציקעס [11] פון די וועגן, פון

11 קלעצער, שטעקנס.

די אייגענע פויערשע וועגן, און גענומען פּאַכען מיט זיי צווישן די קעפּ פון די שקצים, וואָס האָבן געווילדעוועט אויפן מאַרק. די שקצים האָבן דאָס מאָל אויך נישט געשוויגן; זיי האָבן זיך, אַ פּנים, פון פריִער געהאַט גוט אונטערגעגאַרטלט צו דער מלחמה, און עס האָט זיך צעשפּילט אַ בלוטיק געשלעג. די יונגען מיט די קצבֿער־שקצים האָבן שוין באַקומען גוט אָנגעשלאָגן, נאָר וואָס מער זיי האָבן באַ־קומען, אַלץ ווילדער זײַנען זיי געוואָרן; די פויערים־שקצים זײַנען געווען אַ סך, צען אַוודאי אויף איינעם, און אפשר — הונדערט אויף איינעם. נאָר די יונגען האָבן זיך נישט פאַרלוירן. ווי עכטע, געניטע און אַלטע שלעגערס איז קיין איינציקער קלאַפּ פון זייערס אַ האַנט נישט געגאַנגען לאיבוד; עס האָט זיך צעשפּילט בײַ זיי דער כּוח־הדם און זיי האָבן גאָר נישט געשפּירט די שטעקענעס, וועלכע פאַלן אַלץ אין איינעם איבער זייערע לײַבער, האָבן אַפילו נישט געפילט ווי זיי ווערן אָפּגעגאָסן מיט בלוט, נאָר וואָס אַ רגע ווײַטער געוואָרן מער ווילד, מער צערייצט און האָבן געשניטן פון אַלע זײַטן... עס איז נאָר געווען צו זען: ווי עס פאַלן די שקצים, פאַלן פון די פיס, גליטשן זיך אויס, ווער איבער אַ וואָגן, ווער אויף דער ערד, שטעלן זיך צוריק אויף די פיס און פאַלן נאָך אַ מאָל, ווער — צווישן די פענצטער, צווישן די וועגן... עס גיסט זיך בלוט פון די קעפּ, וואָס זײַנען בײַ פיל אָנגעלאָפן, געשוואָלן, און יענע לויפן־אַרויס פון דעם קלימפּער, פלאָנטערן זיך אויף די פיס עפּעס ווי האַלב־שיכּור און צעמישט, אַזוי איינער נאָכן אַנדערן, ביז זיי ווערן פאַרפאַלן ערגעץ אין אַן אַנדער גאַס אַרײַן... און אַזוי האָבן זיי צעטריבן און פונאַנ־דערגעיאָגט די אַלע פויערים־שקצים איבער אַלע וועגן פון שטאָט אַרויס.

געבליבן איז חבֿרה „ווילער" אין אַ מעמד, אַז ס'איז געווען אַ חורבן צו זייערע יאָרן: אַן נעז, אַן אויגן, מיט צעקײַלטע פּנימער, און איידער זיי האָבן צײַט געהאַט זיך אַרומצוואַשן, וועמען מ'ברויך פאַרבינדן אַ לאָך אין קאָפּ, וועמען גלאַט אָפּוואַשן דאָס בלוט, וואָס

גיסט זיך ווי פֿון אַן אָפּגעעפֿנטן צאַפּן, איז אָנגעקומען צו לויפֿן אַ רעקרוט, און אויסגעשריגן מיט איין אָטעם:

— קינדער, ליאַסעווען[12], אונדזער גמינע[13] איז די ערשטע!...

ה. רויזענבלאַט

עס האָבן מיך נאַרישע דורות דערצויגן...

גאָט! —
אין בלוט און אין פֿײַער דאָס בלוט מײַנס געלײַטערט,
און דו האָסט נאָך ווײַטער פֿון מיר זיך דערווײַטערט,
דערווײַטערט כּדי — ניט צו זען מײַנע טרערן:
כּדי מײַנע יאָמער־געשרייען ניט הערן.

עס האָבן מיך נאַרישע דורות דערצויגן:
„אַ וויטיק אין קול און אַ טרער אין די אויגן!“
איצט שרײַ איך און דו קענסט מײַן וויטיק ניט הערן.
איצט קלאָג איך און דו קענסט ניט זען מײַנע טרערן.

נאָר וואַרט — כ'וועל אַ דור מיר אַ נײַעם דערציִען:
דאָס פֿײַער פֿון דר'ערד זאָל אין אויג בײַ אים גליִען!
דער ווינט און דער ים זאָל אין בלוט בײַ אים שרײַען —
עס דאַרף זיך דער ווינט און דער ים ניט באַפֿרײַען...
גאָט!

1920

[12] מען ציט גורל. — [13] (אין פּוילן) קהילה.

ש. מיללער

עס ברענט

אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „דור המדבר"

דורך די אָפענע פענצטער פון נחומקע דער מאַדיסטקעס אַרבעטשטוב דערטראָגט זיך אַ מידלשע שטימע זינגענדיק:

אין דרויסן ברענט אַ פּיי־ער,
מיט אַ גרוי־סן פלאַם,
מען קען שוין אין גאַס ניט אַרוי־ס־גיין,
אין קעשעניעוו איז אַ פּאַגראָם.

אַברהם, וועלכער האָט זיך געדרייט פאַרביי דער אַרבעטער־שטוב, וואַרטנדיק אויף אסתרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט, דאַן ווידער גענומען אַרומשפּאַנען, ניט הערנדיק מער דאָס ליד, ניט וואַרטנדיק אַפילו אויף אסתרן. ווער האָט עס פאַרפאַסט אָט דאָס ליד? ווו? אין קעשעניעוו? ווען? ווי אַזוי איז עס געקומען אַהער צו נחומקע דער מאַדיסטקעס אַ ליד וועגן קעשעניעוו!

די ערשטע ידיעה וועגן קעשעניעווער פּאַגראָם האָט אים צעטומלט און דערשלאָגן. פּאַגראָם? וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס וואָרט איז פאַרשוווּנדן, בילדער זיינען אַרויפגעשווומען.

עס לויפט אַ יונג ווייבל מיט אַ קינד אויף די הענט, נאָד איר יאָגן זיך צוויי געזונטע, יונגע שקצים. די מוטער לויפט, דאָס קינד שרייט, פאַרגייט זיך. די מאַמע טוליעט דאָס קינד צו דער ברוסט, דריקט עס שטאַרק, שטאַרק, און לויפט, לויפט. זי וואַרפט אַ קוק אויף צוריק, ספּאָטיקעט [1] זיך, פאַלט. עס פאַלט־אַרויס דאָס קינד פון אירע הענט — טויט, דערשטיקט. די כוליגאַנעס יאָגן זי אָן...

[1] פאַרטשעפּעט זיך.

עס שטייט אַ שמש, אַ קליינער, אַ דאַרער ייִד מיט אַ גרוי שי־טער בערדל בײַם אָרון־קודש, די אָרעמס אויסגעשפּרייט איבערן אָרון־קודש: ער׳ט ניט לאָזן! ער׳ט ניט לאָזן פֿאַרשוועכן די ספֿרי־תּורות. אַ שטענדער אין קאָפּ, אַ צעשפּאָלטענער שאַרבן, אַ פֿאַר־בלוטיקטער טלית, צעריסענע יריעות...

צעריסענע קישנס. פֿעדערן פֿליִען, וויגן זיך אין דער לופֿט. אין פֿעדערל, אַ צווייטס זעצט זיך, פֿאַלט־אַרונטער, בלײַבט ליגן אין אַ קאַליזשקעלע מענטשלעך בלוט. אַ רייך, ווײַס פֿעדערל אײַנגע־טונקען אין מענטשלעך בלוט...

בלוט — הריגות. רציחות. ייִדן, גויִים. פּאָגראָם. גויִים שלאָגן ייִדן. גאָר אַמאָל זײַנען גויִים פֿאַר אים געווען — בערעזאָווקע. איז ער דאָס אויסגעוואָקסן צווישן זיי. קאָרניי, וואַסיל יאַקימטשוק און הריצקע דער שיכּור וואָס האָט געשלאָגן זײַן ווײַב סיענקע. וואַסילקע, מיט וועמען ער האָט זיך געשפּילט. גויִים שלאָגן זיך — דאָס האָט ער געוווסט, געזען. אָבער דאָס זײַנען דאָך געווען פּראָסטע גויִים, מוזשיקעס. אין שטאָט זײַנען דאָך ניטאָ קיין מוזשיקעס — אַרבעטער, פּראָלע־טאַריער, גויִישע, ייִדישע, אַרבעטער־קלאַס — טאָ ווי שיקט זיך עס? אַרבעטער־קלאַס און כוליגאַנעס? רעוואָלוציע און פּאָגראָם? און ייִדן — געשלאָגן, צעממיתט, פֿאַרגוואַלדיקט. און זיי האָבן זיך נישט גע־שטעלט אַנטקעגן?

אין דרויסן ברענט אַ פײַער
מיט אַ גרויסן פלאָם,
מען קען שוין אין גאַס ניט אַרויסגיין,
אין קעשעניעוו איז אַ פּאָגראָם.

האָט ער אַליין גענומען אונטערברומען. שוין אַריבער אַ יאָר אין דעם, דאָס וואָרט פּאָגראָם, איבערגעחזרט אין דער ווירקלעכ־קייט, נאָך קעשעניעוו האָמעל, האָט ווי אַ נאָדל אַרומגעוואַנדערט אין זײַן קערפּער, שטיל, שטיל, און עס גיט ווידער אַ שטאָך. דאָס

לידל... זינגט שוין מער ניט. אַבֿרהם האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייַ־גערל: זי וועט שוין באַלד אַרויסגיין. אָפּגערעדט צו טרעפֿן זיך מיט איר נאָך דער אַרבעט. זינגט דער ליאָמע, זינגט יענעם אָנבייַסן אין דער פֿרי, בייַ דער מומע אין שטוב... האָט ער אויסגעמיטן צו קר־מען אַהין. „עס שטייט איר ניט אָן דער שידוך" — האָט ער באַ־שלאָסן בייַ זיך, אַ שמייכל געטאָן און געהיט זיך ניט צו קומען אין שטוב. ווי אויף צו־להכעיס האָט מען אים באַלד נאָך דעם צוגענו־מען פֿון דער גרופּע שנייַדער־מיידלעך, אים אָוועקגעשטעלט בייַ די פּריקאַשטשיקעס [2]. די אַרבעט אַפֿילו אינטערעסאַנטער, ניט גע־דאַרפֿט לערנען קיין „אַלף־בית". ער האָט אויפֿגעשטעלט אַ ביבלי־אָטעק, אייַנגעשטודירט אַ ספּעקטאַקל. אַבֿרהם איז געווען צופֿרידן מיט דער אַרבעט. צייַטנווייַז האָט ער דאָך געבענקט נאָך די שנייַ־דער־מיידלעך. די פּריקאַשטשיקעס — געשליפֿענע צינגלעך, דער־פֿאַר די שנייַדער־מיידלעך — אויפֿריכטיקער, ערלעכער. האָט ער געבענקט נאָך די שנייַדער־מיידלעך, נאָך... אסתּרן. מ'האָט זיך גע־זען. ווינטערצייַט איז זי עטלעכע מאָל געווען אויף זייַן קוואַרטיר. ער איז אַ לערער, גיט לעקציעס. צו אים קומען תּלמידים, תּלמי־דות. אַזוי האָט ער דערקלערט איין באַלעבאָסטע, אַ צווייטער. איינע האָט אָנגענומען דעם פּזמון, אַ צווייטע האָט מיט אָן אַלווייסנדיקן קוק געזאָגט: „מיר קענען שוין די שילערינס! שילערינס!"... פֿאַר־נעם זיך מיט איר אין איינעם! קוואַרטירן האָט ער געביטן, אָבער אסתּר האָט ניט געקענט קומען אַזוי אָפֿט. גאַנץ אָפֿט האָט ער אַליין מורא געהאַט קומען צו זיך אויף דער קוואַרטיר. אַ פֿאַרדעכטיקער פֿאַרשוין האָט זיך אַרומגעדרייט. געקומען דער פֿרילינג, זומער — איז דער וואַלד געוואָרן זייער „קוואַרטיר". איצט, שפּעטזומער, אוי־גוסט, נעכט — משוגע צו ווערן. אָפּגערעדט אַרויסגיין, אַ שפּאַציר בלויז, אָבער ווי אויף צו־להכעיס דאַרף ער הייַנט גיין אויף אַ דיס־קוסיע. איז ער עס געקומען איר זאָגן. ווען גייט זי שוין אַרויס?

---

[2] אָנגעשטעלטע, משרתים.

„א יוד ווי איך אנטלויפט נישט...״
קסילאָגראַפיע פון יוסף בודקא

גייך, די דיסקוסיע וועט ער ניט דורכלאָזן. אסתּר וועט זײַן ברוגז. ווען ער קען זי מיטנעמען!

אסתּר איז אַרויסגעקומען. זי האָט זיך דערפֿרייט פֿון זײַן קומען, הנאה געהאַט פֿון זײַן וואַרטן אויף איר. דערהערט, אַז ער דאַרף גאַר אַוועקגיין, האָט זי אַ דריי געטאָן דאָס פּנים נעבעטער צו זײַנעם. איר קוק: דערויף ביסטו געקומען? ער האָט עובֿר געווען אויף דעם קאָנספּיראַציע־געזעץ: איר דערציילט, ער גייט אויף אַ דיסקוסיע בײַם ד״ר בינשטאָק אין הויז, און דערזען ווי איר קוק האָט זיך געביטן. איצט האָבן די אויגן געבעטן: אפשר קען איך אויך גייך? זײַן קוק האָט געענטפֿערט: איך וואָלט אויך געוואָלט, אָבער — „ווייסט׳אָך, מ׳טאָר ניט, שוין אַזוי אויך געזינדיקט, דיר דערציילט״... און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַליין.

ד״ר בינשטאָקס הויז איז געווען אַ כּשר הויז. אַ דאָקטער! מענטשן גייען־אַרײַן און אַרויס פֿון פֿרי ביז שפּעט בײַ נאַכט — מאַלע וועלכע מענטשן? דערצו איז ד״ר בינשטאָק — אַ מיטגליד פֿון שטאָטישן קלוב, אַן אָנגעזעענער מענטש; אויף זײַן הויז וועט מען קיין איבערפֿאַל ניט מאַכן. פּאָליציי האָט דרך־ארץ פֿאַר אַ פּאַראַדנעם אַרײַנגאַנג, אַ גלעקל...

אַבֿרהם האָט ניט געהאַט קיין ספּעציעלן דרך־ארץ פֿאַר אַ פּאַראַדנעם אַרײַנגאַנג, אָבער ווען ער האָט אַ צי געטאָן דאָס גלעקל, האָט ער דערהערט זײַן האַרץ קלאַפּן. אַרײַנגעגאַנגען אין קאָרידאָר, האָט ער דערפֿילט אַ מין מורא. אַרײַנגעקומען אין זאַל, דערזען מענטשן, פֿרעמדע; אומבאַקאַנטע, האָט ער זיך דערפֿילט פֿאַרלוירן. די אָנוועזנהייט פֿון לוריען, חבֿר דאַוויד — האָט אים אויפֿגעמונטערט. לוריע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: ביסט דאָ? גוט, זעץ זיך! אַבֿרהם האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן דאָס צום ווינציקסטן אַנזעעוודיקע פּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט. דער געשפּרעך־פֿאַרעם, וואָס האָט זיך עטוואָס אויסגעדינט בײַ זײַן אַרײַנקומען, איז ווידער אויפֿגענומען געוואָרן אין דער פֿולער דיק.

— מאַנדזשוריע, סטעסעל, קוראָפּאַטקין... נו, יאָ, מיט די היט־לען זיי פֿאַרוואַרפֿן...

דער מלחמה־געשפּרעך האָלט לאַנג ניט אָן. אויפֿן סדר היום — פּלעווע, סאַזאָנאָוו, טעראָר.

— פֿאַרגלייכט אומישנע, לעקערט, דאַשעווסקי און באַלמאַשאָוו, סאַזאָנאָוו... — הערט און זעט אַבֿרהם אַ פּרעמדן ריידן — אַ קויל אין פּאַן וואַלן, אַ צופּעליקע קויל... אַ מעסער קרושעוואַנען... און סיפּיאַגין, און פּלעווע... דאָ האָט איר דעם אונטערשייד פֿון צופּע־ליקע טאַטן און אָרגאַניזירטע. פֿאַרשטייט מיך, איך טאַדל ניט לע־קערטן אָדער דאַשעווסקין. זיי, ווי באַלמאַשאָוו און סאַזאָנאָוו, האָבן געוואָלט אויספֿירן די ניט־געשריבענע אורטלען פֿון דעם פֿאָלקס־געוויסן... כּדי אָבער אָט די אורטלען זאָלן דורכגעפֿירט ווערן ווי עס דאַרף צו זײַן, מוז עס געטאָן ווערן פֿון אַן אָרגאַניזאַציע, ניט פֿון יחידים.

— אונדזער אָרגאַניזאַציע קען זיך ניט אָפּגעבן מיט אַזוינע אַרבעטן! — האָט חבֿר דאַוויד טרוקן געענטפֿערט — קרושעוואַן איז אַ כוליגאַן, פּלעווע אַן אַרכי־כוליגאַן, אָבער מיט אָוועקהרגענען אַ כוליגאַן, מעג ער זײַן אַ פּאַן פּלעווע, וועט מען ניט אויסראָטן דעם כוליגאַניזם, פּונקט ווי מיטן אָוועקהרגענען אַ פּריסטאַוו צי אַ גו־בערנאַטאָר וועט מען ניט אָפּשאַפֿן די זעלבסטהערשאַפֿט. סוויאַטאָ־פּאָלק־מירסקי איז דער זעלביקער פּלעווע — אַ זשאַנדער, אויב אַפֿילו מיט זײַדענע הענטשקעס.

דער בלאָנדער בחור, דער פּרעמדער, האָט פֿאַרצויגן זײַן פּאַ־פּיראָס און, מיט איין אויג פֿאַרזשמורעט, איראָניש אַ פֿרעג געטאָן:

— און ווי וועט איר זי אָפּשאַפֿן, די זעלבסטהערשאַפֿט, מיט... בראָשורן?

— לאַכט ניט אַזוי פֿון בראָשורן. יעדע בראָשורע, יעדעס וואָרט איז אַ קערנדל פֿאַרזייט.

— ריכטיק! — האָט דער פּרעמדער זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול מיט אַ מינע: איך קען שוין מער ניט אײַנציזן — אַ קערנדל פֿאַר־

זייט, דאָס איז ריכטיק, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווי קענט איר זייען, ווי קענט איר צעאַקערן אַ פֿעלד, ווען עס ליגן שטיינער אין וועג? איר קוקט זיך צו צום פֿויער? איידער ער גייט אַקערן נעמט ער צו די שטיינער פֿון וועג. דאָס, וואָס מיר טוען. האָקט־אונטער די סלופּעס, ווען די פֿאַרקאַנגעס שוין אַליין פֿאַלן. און איר — זיצט בײַם ים און וואַרט אויף אַ גינציק וועטער, וואַרט ביז דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך אויסבילדן...

— און איר ווילט אַריבערשפּרינגען דעם ים. די געשיכטע קען מען ניט פֿאַרגוואַלטיקן.

— און איר האָט נאָר מורא טאָמער וועט מען פֿאַרגוואַלטיקן די מאַדאַם געשיכטע. און, ווייסט איר, אײַער מאַדאַם געשיכטע האָט שוין לאַנג פֿאַרלוירן איר אומשולד. געשיכטע?! וואָס איז אַזוינס געשיכטע? סתּם געשיכטע איז אַ מיף[3]. געשיכטע ווערט געמאַכט פֿון מענטשן, אָבער די מענטשן דאַרפֿן מאַכן, טאָן, האַנדלען. באַל־מאַשאָוו, סאַזאָנאָוו — דאָס זײַנען מענטשן. הונדערטער באַלמאַשאָוס, סאַזאָנאָוס, צי אַפֿילו דאַשעווסקיס, אָרגאַניזירט, באַוואָפֿנט, און עס וואָלט ניט געווען קיין קעשעניעוו, האָמעל. די אַלע גראַמילעס זײַנען דאָך, אין גרונט גענומען, פּחדנים, איין זאַלפּ און...

— מיט אַנדערע ווערטער, אַנטקעגן דער שוואַרצער מאה ווילט איר אַ רויטע מאה...

„די רויטע מאה" — דאָס איז שוין געווען אַ צו שאַרפֿער שטאָך. דער באַלעבאָס, ד"ר בינשטאָק, האָט זיך געפֿילט פֿאַרפֿליכטעט צו מילדערן אַ ביסל דעם געשפּרעך:

— איר פֿאַרגעסט איין זאַך, חבֿר דאַוויד, די שוואַרצע מאה איז, אין גרונט גענומען, די רעגירונג. זאָל די רעגירונג ניט וועלן, איז ניטאָ קיין פּאָגראָם. דאָס פֿאָלק...

ד"ר בינשטאָק האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן זײַן זאַץ, אַרויסזאָגן זײַן מיינונג וועגן פֿאָלק.

---

[3] (רוסיש) מיטאָס, לעגענדע.

— רעגירונג! רעגירונג! — האָט אויסגעפּלאַצט איינער אַ בחור, אומבאַקאַנט פֿאַר אַבֿרהמען, אויפֿגעשפּרונגען פֿון זײַן בענקל — איר רעדט אַלץ וועגן דער רעגירונג אַזוי ווי נאָר זי וואָלט געווען די שולדיקע. דאָס פֿאָלק איז גאָט די נשמה שולדיק. און ווער האָט פּאָגראָמירט, ווייסט איר? ניט די רעגירונג, אַפֿילו ניט קרושעוואַן. פּאָגראָמירט האָט דאָס פֿאָלק! דאָס אומשולדיקע פֿאָלק! שכנים, מענ־טשן, מיט וועמען מ׳האָט געלעבט טיר בײַ טיר. וואָלט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אַרבעטער, סאָציאַליסטן, וואָלט איך פֿאַרשטאַנען: „דאָס האָט געטאָן די רעגירונג. זי וויל פֿאַרניכטן אירע שונאים". אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ פּאָגראָם אויף ייִדן! גויים, שכנים האָבן פּאָגראָמירט ייִדן! ניט שוואַרצע מאות; נאָר טויזנטער, אפֿשר גאָר מי־ליאָנען...

— אַ פּאָגראָם איז טאַקע געמאַכט געוואָרן אויף ייִדן, דאָך איז עס ניט קיין ייִדישע פֿראַגע, — האָט דער באַלעבאָס, ד״ר בינשטאָק, מיט פֿאַרדראָס געענטפֿערט. אים איז ניט געפֿעלן געוואָרן דעם יונגן־מאַנס אויפֿשפּרינגען, זײַן היציק ריידן און, דער עיקר, די טע־מע — ייִדן.

— וואָס הייסט, דאָס איז ניט קיין ייִדישע פֿראַגע? — האָט דער יונגער־מאַן בשתּומם איבערגעפֿרעגט — הערט אַ מעשׂה! בלויז האָט זיך געגאָסן ייִדישע, און די פֿראַגע איז ניט קיין ייִדישע!

— מײַן ליבער נעכאַמקעס — האָט דער באַלעבאָס טאַטיש אַ זאָג געטאָן — איך, ווי אַ דאָקטער, האָב שוין אין מײַן לעבן געזען גענוג בלוט. קיין ייִדיש בלוט האָב איך נאָך ניט געזען. געזען מענטש־לעך בלוט, אָבער ניט קיין ייִדיש בלוט. ניטאָ קיין ייִדיש בלוט! — האָט ער פֿאַרענדיקט אָפּגעהאַקט, ווי איינער רעדט: „ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן".

נעכאַמקעס האָט אָנגעקוקט דעם ד״ר בינשטאָק אָט ווי ער וואָלט געווען אַן אויסלענדער, רעדט אַ פֿרעמדע שפּראַך און וויל פֿון פּנים בלויז פֿאַרשטיין וואָס יענער זאָגט. אַ קורץ שווײַגן נאָך ד״ר בינ־שטאָקס לעצטן וואָרט און מיט אַ מאָל אַ פֿראַגע:

— און אין שפּיגל קוקט איר אַ מאָל?

ד״ר בינשטאָק האָט כּעסיק אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ. צווי שפּיצן פֿינגער האָבן אַ קניפּ געטאָן די פּענסנע איבער דער נאָז. אַלעמענס אויגן האָבן אַ שפּרונג געטאָן צו נעכאַמקעסן, דאַן צו ד״ר בינשטאָקס געזיכט. די ייִדישקייט האָט אַרונטערגעשריִען פֿון זײַן פּנים. דער שטערן, די נאָז, די גאָלדענע פּענסנע, דאָס מויל, דאָס בערדל, דאָס בײַכל, אַ טיפּישער ייִדישער דאָקטער. דאָקטער בינשטאָק האָט זיך פֿאַרשעמט פֿון אַלעמענס בליקן, געפֿינגערט די פּענסנע. אַלע האָבן פֿאַרשעמטע צוגעכאַפּט די בליקן, ווער ס׳האָט אונטערגעדריקט אַ שמייכל, און אַלע האָבן זיך דערפֿילט אומבאַקוועם, מער פֿון אַלע־מען נעכאַמקעס.

— וואָס איך האָב געמיינט — האָט ער פֿאַרשעמט אָנגעהויבן

— וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן איז: צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, איר זײַט אַ ייִד! דאָ אַ ייִדיש פֿאָלק...

דאָקטער בינשטאָק האָט אַרויסגעוויזן זײַן רוגז ניט ענטפֿערנ־דיק נעכאַמקעסן, ניט קוקנדיק מער אַפֿילו אויף אים. נעכאַמקעסעס רייד זײַנען אַזוי אַרום געבליבן הענגער אין דער לופֿטן און זיי האָבן ניט געלאָזט עמעצן אַרויסריידן אַ וואָרט. חבֿר דאַוויד האָט אַ צי געטאָן די ווערטער:

— קיינער לייקנט ניט, אַז עס זײַנען דאָ ייִדן. זעט איר, דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס איר האָט דערמאָנט, דאָס איז שוין עפּעס אַנ־דערש. וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק מיינט איר? דאָ ייִדן אַרבעטער, דאָ ייִדן בורזשויען...

— בײַ רוסן זײַנען אויך דאָ אַרבעטער און בורזשויען, דאָך וועט איר צוגעבן עס איז דאָ אַ רוסיש פֿאָלק.

— הייבט זיך ניט אָן! איך שענק אײַך אַוועק די רוסישע בור־זשואַזיע פּונקט אַזוי גוט ווי די ייִדישע.

— און נאָך דער רעוואָלוציע, ווען קיין בורזשויען וועלן ניט זײַן, וועט זײַן אַ רוסיש פֿאָלק צי ניין?

— פֿאַר וואָס דווקא אַ רוסיש פֿאָלק? — האָט חבֿר דאַוויד גע־

רעדט מיט גרינגשאַצונג — עס וועלן זײַן מענטשן, פּראָלעטאַריער, וואָס וועלן ריידן רוסיש, טאַטעריש, ייִדיש, וועלכע שפּראַך זיי׳לן נאָר וועלן.

— און ייִדן ווי אַזעלכע?

— ייִדן ווי אַזעלכע? — דער אַקצענט אויף „אַזעלכע" האָט אויסגעדריקט חבֿר דאַווידס גאַנצע גרינגשאַצונג צו זײַן שוואַכן אָפּאָ־נענט — עס וואָלט אײַך ניט געשאַט צו לייענען קאַרל מאַרקס. דער סאָציאַליזם לייזט די ייִדישע פּראַגע! — דער אויסלאָז האָט געגעבן אַנצוהערעניש: ניטאָ וואָס צו ריידן מיט איינעם, וואָס ווייסט אַפֿילו ניט דעם אַלף־בית. גיי אַהיים לערן זיך אויס לייענען... קאַרל מאַרקס!

— און אײַך וואָלט ניט געשאַט איבערצולייענען הערצלס ייִ־דענשטאַט.

— אויב שוין יאָ לייענען הערצלען, וואָלט איך געוואָלט לייע־נען זײַן געשפּרעך מיט פּלעווען.

חבֿר דאַווידס קוק נאָך די ווערטער: נו, האָסטו עס געדאַרפֿט?

נעכאַמקעס האָט אַ קוק געטאָן אויף חבֿר דאַווידן אָט ווי ער וואָלט אים געוואָלט דורכשטעכן מיט די אויגן. ער האָט אָבער גאָר ניט געזאָגט, חבֿר דאַווידס שטאָך האָט געגרייכט טיף. אַרום דאַווידס מויל האָט געשוועבט אַ זיגערישער שמייכל. אין זאַל האָט זיך דער־פֿילט אָט ווי מ׳וואָלט נאָר וואָס איינעם אָפּגעשמיסן. גוט, וואָס דער באַלעבאָס האָט ניט אײַנטייל גענומען אין אָט דער עקזעקוציע. עס איז סתּם אַ נישט־אײַנגענעמע סיטואַציע, וועלכע ער, מעשׂה באַ־לעבאָס, דאַרף ראַטעווען, און ער ראַטעוועט אַלעמען, רופֿט די געסט אין עסצימער — אַ גלעזל טיי.

ווי פֿון זיך גרופּירן זיך די מענטשן אַרום טיש, אייגענער צו אייגענעם. בײַ דער טיי פֿירן זיך אויך געשפּרעכן, אָבער שוין מער געמיטלעך. איינער האָט שוין אַפֿילו דערציילט אַ וויץ. אייניקע לאַכן.

אַבֿרהם האָט אויסגעמאַרקירט צו זיצן נעבן לוריען.

— און איר? וואָס האָט איר געשוויגן דעם גאַנצן אָוונט?

— ווערטער — האָט לוריע אַ זאָג געטאָן, פירנדיק מיטן פינ־גער איבערן ראַנד פון דער ליידיקער גלאָז, — שלײַפן די צינגער.

— און מיר איז געפעלן געוואָרן דער אַ... — האָט ער מיט די אויגן אַ ווײַז געטאָן. — ווער איז ער?

— ער? בלינאָוו. ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש בלינאָוו. אַ סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער, דאָס האָט איר דאָך שוין געהערט. און וואָס איז אײַך געפעלן געוואָרן אין אים?

— כ׳מיין, וואָס ער האָט געזאָגט, וועגן פאַרטיידיקן זיך, איין זאַלפּ...

— אַ! און זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איר האָט שוין אַ מאָל געהאַלטן אַ רעוואָלווער?

לוריע איז געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. אַבֿרהמען האָבן די ווערטער געקלונגען אַפּלאָכעריש, שפּאָטיש, אָט ווי אַמאָל...

— קיין רעוואָלווער האָב איך ניט געהאַלטן — האָט אַבֿרהם, רויט ווערנדיק געענטפערט — אָבער זאָל עס קומען דערצו, וועל איך אים האַלטן.

— אָבער זײַט איר עמפּינדלעך! טאַקע נאָר ווי אַ ייִד קען זײַן עמפּינדלעך... — האָט שוין לוריע גוטמוטיק אַ קוק געטאָן אויף אַבֿרהמען — זעסט, אַזש רויט געוואָרן! — און ווי ווערלנדיק פאַר־גלעטן זײַן פריערדיקן שפּאָטישן טאָן גיט ער צו שפּאָטיש אויף זײַן אייגענעם חשבון — אַ נס, וואָס חבֿר דאַוויד הערט עס ניט. ער וואָלט מיר שוין אָוועקגעגעבן אַ גאָב פאַר אָט דער „ייִדישער עמפּינדלעכ־קייט”. ניטאָ אַזאַ זאַך. ער האָט עס אין קיין ביכל ניט באַגעגנט.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך — האָט אַבֿרהם שוין תקיפדיק אַ זאָג געטאָן — שוין עטלעכע מאָל ווי איך הער פון אײַך „ניט געלייענט אין ביכל”. איר לאַכט פון ביכלעך און אַליין לייענט איר זיי, גיט אַנדערע צום לייענען. האָט איר דאָך מיר געגעבן ביכער און איר לאַכט פון חבֿר דאַווידן: „ניט געלייענט אין ביכל”!

— איך לאַך ניט פון חבֿר דאַווידן — האָט לוריע געענטפערט שוין אָן אַ שמייכל. חבֿר דאַוויד איז איינער פון די בעסטע, ערלעכ־

סטע חבֿרים, כאָטש ער האָט צו פֿיל ביכער ניט געלייענט. דערפֿאַר אָבער, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, איז געוואָרן בײַ אים אַ תורה, ניט אָפּצוּווישן פֿון איר. אָט פֿון דער תורה, ניט איך לאַך, נאָר איך שמייכל אַ מאָל אונטער. איר פֿאַרשטייט? ביכער זײַנען זייער ניצלעך. ביכער וועלן אפֿשר אַ מאָל נאָך העלפֿן אויסלייזן די וועלט. אָבער ביכער אַליין זײַנען פֿון דעסט וועגן גאָר ניט. פּאַפּירענע בריקן! גיין אויף זיי איז אַ ביסל ריזיקאַליש. אַ בוך איז ווי אַ שטעקן: דער בלינדער קען אָן אַ שטעקן גאָר ניט גיין, דער זעעוודיקער קען זיך אויף אים אָנשפּאַרן, אָבער עס איז ניט מער ווי אַ שטעקן. צו דעם שטעקן דאַרף מען האָבן פֿיס. צו דעם בוך דאַרף מען אַ קאָפּ, אַ מוח, וואָס זאָל קענען טראַכטן זעלבשטענדיק, אויגן וואָס זאָלן קענען זען זאַכן ווי זיי זײַנען. פֿאַר גאָר פֿיל ווערן ביכער קוליעס — אָן די קוליעס קענען זיי זיך ניט אַ ריר טאָן. זיי טראַכטן אויף קוליעס.

אַ שמייכל אויף לוריעס מויל. אים איז געפֿעלן געוואָרן זײַן אייגן ווערטל. דאָך איז דער שמייכל בלויז אַרום מויל; די אויגן זײַנען אומעטיק.

— געהערט, וואָס מ'האָט גערעדט? דאָ ייִדן, ניטאָ קיין ייִדן? דאָקטער בינשטאָק האָט געלייענט ביאָלאָגיע צי פֿיזיאָלאָגיע. לויט די „לאָגיעס" איז ניטאָ קיין ייִדיש בלוט און ער איז גערעכט. חבֿר דאָוויד האָט געלייענט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און לויט די ביכער איז אויך ניטאָ קיין ייִדן. און טאַקע, אויפֿן קלײַדל קען מען ניט דער־קענען, צי דאָס איז גענייט געוואָרן פֿון מאַריאַשען אָדער פֿון פּאַ־ראַשען... ייִדישער אַרבעטער, רוסישער אַרבעטער — וואָס איז דער חילוק? און ער איז אויך גערעכט. עס איז אָבער דאָ אַ לעבן, איר פֿאַרשטייט? אַ לעבעדיק לעבן! אָט דער נעכאָמקעס — ער געפֿעלט מיר ניט, זײַן „תורה", ציוניזם, נאָך ווינציקער, אָבער די געשיכטע מיטן שפּיגל, אַ ביסל צו האַמעטנע געווען. געזען דעם דאָקטער, ווי ער האָט געקנײַפּט די פּענסנע? אָבער מיר איז דאָס געפֿעלן גע־וואָרן. אַ מענטש דאַרף זיך קענען. אָט נעמט מיך. מיט וואָס בין איך אַ ייִד? געבוירן געוואָרן בײַ ייִדישע עלטערן. אָבער קיין מאָל ניט

געהערט אַ וואָרט ייִדיש. ערשט בײַ די שנײַדער־מיידלעך בין איך „פֿאַרזשידעוועט״ געוואָרן... — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — פֿון בלוט האַלט איך אויך זייער ווינציק. געלייענט דעם בלוט־ראַסע־טעאָרעטיקער גאָבינאָ, אַ פֿראַנצויז? קוואַטש! אַזוי, דאָ ייִדיש בלוט, ווי בלוי בלוט. נאָך מײַן דערציִונג, קולטור — אַ רוס און פֿון דעסט וועגן, ווען איך האָב דערהערט קישענעוו, איז ווי מ׳וואָלט מיר דער־לאַנגט מיט אַ האַק איבערן קאָפּ. ניט דער וויטיק. מאַלע וואָס מ׳הרגעט מענטשן אין רוסלאַנד. פּאָליאַקן האָט מען מער געהרגעט, אָבער קיין פּאָגראָם האָט מען אויף פּאָליאַקן ניט געמאַכט. פּאָגראָם! אָט דאָס! די באַליידיקונג! פֿאַרשטייט? אָבער וועגן דעם האָט קיינער ניט גערעדט, און מ׳קען וועגן דעם ניט ריידן, און אָט דאָס אַ נאָ־יעט [4], און נאָיעט, אַ ווונד וואָס יאָטערט זיך, און קיינע פּריפּאַר־קעס [5] העלפֿן ניט. חבֿר דאַוויד האָט זײַן פּריפּאַרקע: רעוואָלוציע. דער נעכאַמקעס האָט זיך זײַן פּלאַסטערל: פּאַלעסטינע. און איך, איך האָב קיין פּריפּאַרקע: קראַנק, דאָס ווייס איך, און קיין רפֿואה האָב איך ניט.

אַזאַ אומעטיקער, אויפֿריכטיקער טאָן. אַזעלכע אומעטיקע אויגן. די ווערטער — אַ דינע פּאַרע, וואָס נעמט אַרום, וויקלט זיך, קרײַזלט זיך, דרינגט ענדלעך אַרײַן אין די קלענסטע עפֿענונגען; די אויגן — ווייכער אומעט, זיי בעטן ממש: קענסטו העלפֿן? אַבֿרהם האָט צום ערשטן מאָל געזען אַזעלכע אויגן בײַ לוריען. עפּעס אין גאַנצן שוואַרצאַפּל, און אַנשטאָט זייער געוויינלעכן ברוין זײַנען זיי איצט שיִער ניט שוואַרץ, רײַפּע קאַרשן. אַבֿרהם פֿילט זײַנע אייגענע אויגן ווערן איבערגעפֿילט.

— קראַנק, דאָס ווייס איך, און קיין רפֿואה האָב איך ניט...

בעטן אַנטשולדיקונג בײַ לוריען פֿאַר זײַן פֿריִערדיקן רוגז אויף אים, אָבער דאָס מויל האָט זיך ניט געעפֿנט. די באַליידיקונג. יאָ, דאָס איז עס. ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס פּינטעלע אויפֿן שין.

---

[4] נאָגט, ציט. — [5] קאָמפּרעסן.

ל. שאַפּיראָ

זעלבשרײַ

אַ שוואַרצע נאַכט. אַ תּהום אַ הימל.
עס שלאָפט קיין מענטש פון עק צו עק.
קיין איינציק אויג פאַרמאַכט דער דרימל
אין אָט דער נאַכט פון שאַנד און שרעק.
אַ שוואַרצע נאַכט. מיט טויזנט אויגן
פאַרקוקט דער טויט צו אונדז אַהער.
ער האָט זײַן שווערד פון שייד געצויגן
און ציט אים שוין צוריק ניט מער.
גיט אַכט, גיט אַכט, איר, טרײַע וועכטער!
איר הערט?... דורך נאַכט פון צײַט צו צײַט
דערגרייכט צו אונדז אַ ווילד געלעכטער,
אַ בייז געשפּעט פון שונאס זײַט.
— — — — — — — — — —
דײַן בליק איז ווילד. דײַן שטערן, ווידער,
איז בלאַס און פײַכט פון קאַלטן שוויס.
דו ציטערסט, פרײַנד, מיט אַלע גלידער —
עס איז דיר קאַלט?... עס איז דיר הייס?...
— — — — — — — — — — — — — —
איך קאָן ניט מער!... מײַן יעדער אָבר,
דאָס גאַנצע בלוט מײַנס, אויפן קאָפּ די האָר —
דאָס אַלעס שפּירט דעם הויך פון קבֿר!
ווייסט, וואָס איז אַלט זײַן צוואַנציק יאָר?!
איך קאָן ניט מער... די אַנגסט מיט צוואַנגען
פאַרקוועטשט מײַן האַרץ אין טויטער קלעם,
האָט ווער מײַן ווילן דען געפאַנגען?
איך שטאַרב. נאָך וואָס? פאַר וואָס? פאַר וועם?

עס ברענט אין בלוט אַ העליש פֿײַער.
מײַן קאָפּ איז שווער ווי בלײַ, ווי שטיין.
איז עמעץ מער מיר ליב און טײַער
פֿון מיר אַליין? פֿון מיר אַליין?
ניין! אונטער דר׳ערד, אין שטיינער־שפּאַלטן
פֿאַרקריכן וועל איך, ליגן שטום —
און וועל פֿון טויט זיך אויסבאַהאַלטן!
און אַלע איר — קומט־אום! קומט־אום!
— — — — — — — — — — — —
עס הערט דעם קרעכץ און ווערט פֿאַרציטערט
די נאַכט אַליין אויף איין מינוט.
ווי שרעקלעך שווער עס איז די גסיסה
פֿון שטאַרקן גוף, פֿון יונגן בלוט!
אין האַרטן שטאָל פֿאַרוואַנדלען אײַזן —
ווי הויך און שטאַרק מוז זײַן די היץ!
ווי שווער דער שטויס איז צווישן וואָלקנס,
וואָס רײַסט־אַרויס אַ העלן בליץ!
אָ, גאָט! מיר בעטן קיין נצחון!
וויש־אָפּ פֿון פֿאָלק זײַן גרויסע שאַנד.
דערלויב אונדז זען דעם שונאס פּנים
און שטאַרבן מיט דער שווערד אין האַנט.
דערלויב אונדז פֿאַלן ווו מיר שטייען,
דעם פּחד טרײַב פֿון אונדז אַוועק,
און שטאַרק דאָס האַרץ און שענק אונדז צאָרן
אין אָט דער נאַכט פֿון ווילדער שרעק.
— — — — — — — — — — — —
דו שפּירסט? עס פֿאָכען קאַלטע פֿליגל...
דאָס זוכט דער טויט פֿאַר זיך קרבנות.
ער קלײַבט דאָס יינגסטע אָן רחמנות
און לייגט דערויף זײַן שוואַרצן זיגל.

איך הער דעם שונאס פֿריילעך שאַלן;
איך זע ווי שטײַף ער ציט זײַן בויגן,
עס איז אַ פֿײַל פֿאַרבײַגעפֿלויגן,
עס איז אַ פֿרײַנד דאָרט שווער געפֿאַלן,
אַ שטילער קרעכץ... אַ זיפֿץ... געשטאָרבן.
נאָר — שאַ! דאָ איז קיין פּלאַץ פֿאַר ווייניקער!
און נאָך... און נאָך... אַ האָגל שטיינער.
גרייט־אָן דײַן בלוט, דו, כּהן — קרבן!

— — — — — — — — — — — — —

און פֿילסטו שרעק — פֿאַרבײַס די ליפּ,
פֿאַרקריץ די צײַן — און שווײַג, און שטום!
און רינט דײַן בלוט, און פּלאַצט דײַן האַרץ,
און שטאַרבסטו — שטאַרב,
און שווײַג, און שטום!
און שטרעקסטו דײַן האַנט
און צילסטו — טרעף!
און שלאָגסטו — טויט!
און שטום!... און שטום.

א. ליעסין

די נקמה

זי באַווײַזט זיך פֿאַר אונדז ניט אין טרויער באַדעקט,
ווי זי האָט זיך אַמאָל פֿאַרן נבֿיא אַנטפּלעקט:

ניט אַ מוטער אין אָבֿל, אין שוואַרצן פֿאַרהילט,
אויפֿן שפּיץ פֿון באַרג ציון, אַ יאָמערלעך בילד,
מיט צעלאָזענע האָר, מיט פֿאַרבראָכענע הענט,

בעת עס רייכערט נאָך אונטן דער מקדש און ברענט,
און עס קוילעט דער קוילער אין בלוט ביז די קני
און די רעשטלעך אין גלות פֿאַרטרײַבט ער ווי פֿי.

זי באַווײַזט זיך פֿאַר אונדז מיט אַ פֿאַקל אין האַנט
אין די רוישנדע יוועלטשטעט, אַ שרעקבילד פֿון בראַנד.

זי דערשײַנט אונדז אין חורבן, אין רויטן פֿאַרהילט,
מיטן פֿאַקל וואָס פֿלאַקערט און קנאַקט אַזוי ווילד,
אומעטום אויף דער וועלט, אין דער לענג, אין דער ברייט,
ווו דער גלות נאָר אירע קינדער צעשפּרייט:
זי אַנטפּלעקט זיך אין פֿײַער, זי גייט מיטן ווינט,
און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט.

אַ נקמה פֿון פֿלאַקער, אַ צאָרן פֿון פֿלאַם,
פֿון דער טיפֿקייט פֿון טויזנטער יאָרן פֿון סם.

פֿאַרן בלוט פֿון די קדושים, וואָס שרײַט פֿון דער ערד,
און עס ווערט דאָס געשריי ניט פֿון קיינעם דערהערט!
פֿאַר די טויטן פֿון טעכטער, פֿאַרפּײַניקטע אין שאַנד,
פֿאַר די עופּעלעך־מוחות צעקלאַפּט אין דער וואַנט!
פֿאַר אַ מענטשהייט פֿון קינס, אַ סדום־וועלט פֿון זינד —
און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט, און זי צינדט.

1919

2

דורך אלע פּײנען

יחיאל לערער

פון „תהילים־געזאַנגען״

ווי דער וואָלף — דאָס שטילע שאָף
און דער לייב — דאָס רינד,
אַזוי אויך פֿאַרפֿאָלגן מיך
מײַנע פֿײַנד, די הינט.

און דאָס אַלץ איז אָן אַ סיבה,
כ׳בין נישט שולדיק אין קיין זאַך,
נאָר איין סיבה האָבן זיי —
אָ, גרויסער גאָט, כ׳בין קליין און שוואַך!

גאָט, דו ווייסט, זיי ווילן פֿאַרגלעטן
זייער אומזיסטן ווילדן כּעס,
און טראַכטן־אויס אויף מיר בילבולים,
פֿול מיט ליגן, פֿול מיט האַס.

נאָר ווען זיי נאַרן און באַטריגן,
פֿאַרבן זיך אין שאָפֿקאָליר,
מאַכן ווײַס די רויטע הענט,
וועגד איך מיך, מײַן גאָט, צו דיר.

און איך בעט דיך, גאָט, דו גרויסער,
דו באַשעפֿער פֿון אַלדינג,
פֿלאַקער־אויף אין האַרץ פֿון שׂונא
פֿון גערעכטיקייט דײַן פֿונק.

ממעמקים... איילבילד פון וויליאַם גראָפּער

זאָל זײַן שטײַף פֿאַרשטיינערט האַרץ
אויף זיבן שלעסער צוגעמאַכט
אין זײַן מדבר זיך דערזען,
אין זײַן טיפֿער שוואַרצער נאַכט.

אַז אונטערטעניק זאָל ער קומען
זיך צו רייניקן פֿאַר דיר —
שטראָף אים פֿאַר די רייד די פֿאַלשע,
דעם יעגער שטראָף פֿאַר שאַפֿקאָליר.

מײַנע שונאים וועלן הערן
און דערציטערן, פֿאַרשטיין,
אַז מיר, געפּײַניקטן, געדריקטן,
וועט דײַן פֿײַער־אָטעם בײַשטיין.

*

אייביק ווער איך נאָר פֿאַרפֿאָלגט,
געשלאָגן מיט דער רוט,
און שווים גאַנץ אָפּט אומזיסט־אומנישט
אין אייגענע טײַכן בלוט.

אַרום מיר קלינגט דעם שונאס לאַכן
און זײַן פֿירכטלעך ברומען,
דאָך מײַן האָפֿענונג האָט נאָך קיינער
מיר נישט צוגענומען.

מײַן האָפֿענונג טראָג איך אין מײַן האַרץ:
אַ פֿינקעלע אַ קליינס,
דאָך ס׳איז שטאַרקער ווי דײַן וואָפֿן,
ווי דאָס פֿעסטונג דײַנס.

כ׳טראָג עס טיף אין מיר באַהאַלטן
דורך אַלע פּײַן און שרעק,

און וויפֿל מאָל עס ווערט מיר ליב
דער האַרטער דערנערוועג.

שטערן טריפֿן גאָלד אַראָפּ,
נאָנט ווערט ערד און הימל,
דער קנעכט די קייטן שלײַדערט־אָפּ,
דער וואָגלער — שטויב און שימל.

דוד פינסקי

פון דער דערציילונג

זרובבל

... זרובבל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט פֿון המנס גזירה, האָט זײַנע קליידער נישט צעריסן און זײַן קאָפּ מיט אַש נישט באַדעקט. זײַנע לאַקן האָבן זיך נאָך מוטיקער צעוואָרפֿן אויף זײַן נאַקן און זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ווילדן כעס. זײַנע הענט האָבן זיך צונויפֿגעדריקט אין אײַזערנע פֿויסטן און ער האָט זיי געטרייסלט אין דער לופֿטן ווי די פֿליגלען פֿון אַן אָדלער, און ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטימע, און זי איז געוועזן ווי די שטים פֿון אַ דונער:

— אָ, זיי וועלן חרטה האָבן! אַ צוזאַמענגעלאָפֿענער הויפֿן איז זיי דאָס ייִדישע פֿאָלק, לײַכט צו פֿאַרניכטן און צו פֿאַרטיליקן. אַ רעכטלאָזע מאַסע, מיט וועלכער יעדער קאָן טאָן וואָס ער וויל. אָבער זיי וועלן זען, אַז עס איז ניט אַזוי ווי זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט. צו טײַער וועלן זיי באַצאָלן פֿאַר יעדעס ייִדישע לעבן, און אונדזער אונטערגאַנג וועט זײַן זייער גרעסטער בראָך. זיי וועלן חרטה האָבן! זיי וועלן חרטה האָבן!

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט מיט אַ שטאָלץ אויפֿגעהויבענעם

קאַפּ און מיט פּויסטן, צו שטאָל און אײַזן געוואָרענע, איז אָנגעקור־
מען אַ שליח און האָט אים איבערגעבראַכט דאָס געשפּרעך צווישן
מרדכין און אסתּרן, און גערופן אים אין דעם זאַמלהויז, ווו אַלע
ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרקלײַבן, צו פאַסטן פאַר אסתר דרײַ
טעג און דרײַ נעכט. זרובבלס אויגן האָבן אויפגעפלאַטערט מיט אַ
גרימצאָרן און ער האָט געזאָגט צום שליח:

— גיי, זאָג צו דעם, ווער עס האָט דיך געשיקט, אַז דאָס שיק־
זאַל פון אַ פאָלק קאָן נישט אָנפּהענגען פון אַ פרוי און פון דעם,
ווי ווײַט זי קאָן געפעלן איר מאַן. גיי, זאָג אים, אַז נישט צו פאַסטן
איז איצט די צײַט און נישט צו וויינען. מיט געוועהר אין די הענט
וויל מען די ייִדן פאַרניכטן, מיט געווער אין די הענט דאַרפן די
ייִדן שטיין פאַר זיך. און צו די, וואָס אַרום אים, האָט ער זיך גע־
ווענדט:

— איר האָט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט. גייט און טראָגט
עס פונאַנדער אין פאָלק, אַז אַזוי האָט געזאָגט זרובבל, דער זון פון
שאלתּיאל, דער זון פון יהויכין, קיניג אין ירושלים: זאָל מען זיך
צונויפקלײַבן אין דעם זאַמלהויז, אויב מען וויל, אָבער נישט אויף
צו פאַסטן און צו וויינען, נאָר אויף אָפּצוקלערן, ווי צו פאַרטיידיקן
זיך.

אָבער די, וואָס אַרום אים, האָבן אים נישט גערן געפאָלגט און
איינער האָט געזאָגט:

— זאָל מען אָפּוואַרטן און זען, וואָס וועט זײַן מיט אסתּרן.

און זרובבל איז רויט געוואָרן פאַר כּעס און האָט אויסגעשריִען
צו דעם זאָגער:

— מען זעט אין דיר, אַז דו ביסט דער זון פון אַ דינסט און
דײַן נשמה איז די נשמה פון אַ געבוירענעם קנעכט. גיי פון מײַנע
אויגן און לאָז זיך נישט מער זען!

און זײַנע שליחים זײַנען אַוועקגעגאַנגען פון אים, פונאַנדער־
צוטראָגן זײַנע ווערטער אין דעם פאָלק, אָבער מיט אַקסל־צוקן און
מיט אַ פאַרבאָרגענעם לאַכן. און זרובבל איז אויפגעשטאַנען און

איז אַליין אַוועק צום זאַמלהויז, צו רופֿן די ייִדן צום קאַמף און צו זעלבסטפֿאַרטיידיקונג. אויפֿן וועג צום זאַמלהויז האָט ער באַזוכט אַ סך הײַזער. אָבער אין ס׳רובֿ הײַזער האָט ער געפֿונען בלויז פֿרויען און קינדער אָדער קראַנקע און אַלטע, וועלכע האָבן פֿון עלטער ניט געקאָנט רירן זייערע פֿיס. וואָרעם אַלע מענער, יונגע און אַלטע, וועלכע האָבן נאָר געהאַט קראַפֿט אין זייערע לענדן, זײַנען געווען פֿאַרקליבן אין דעם זאַמלהויז. און אומעטום, ווו ער איז נאָר אַרײַנגעקומען, האָט ער געפֿונען טרערן און פֿאַרצווייפֿלונג, זעק אויף די לײַבער און אַש אויף די קעפּ. און אומעטום האָט מען אים מיט יאָמער צוגעשטאַמלט:

— וואָס טוט אסתּר? צי וויס ער נישט עפּעס פֿון אסתּרן? צי האָט אפֿשר דער קיניג ניט באַשטעלט צו זיך אסתּרן?

און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו ריידן וועגן קאַמף און זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג, האָט מען אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט גערעדט אַן אומבאַקאַנטע שפּראַך. און אַ זייער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט מיט קוים באַוועגלעכע ליפּן און אַ שוואַכער שטימע: „וועגן קאַמף רעדסטו און זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג. יונגער מענטש, איך האָב נאָך געקאָנט דײַן זיידן, אויפֿגעהויבן זייער קאָפּ קעגן נבֿוכדנצר, און דער סוף איז געווען אונדזער גלות. ניין, יונגער מענטש, רוף נישט צו קאַמף און זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג. פֿאַסטן דאַרף מען, נאָר פֿאַסטן, און אסתּר המלכּה וועט אונדז שוין אַרויסהעלפֿן.

און זרובבֿל האָט באַגריפֿן, אַז דעם אַלטנס רייד זײַנען דעם גאַנצן פֿאָלקס רייד און ער איז אַוועק צום זאַמלהויז מיט אַן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ און לאַנגזאַמע טריט.

*

אין דער טיר פֿון דעם זאַמלהויז איז זרובבֿל געבליבן שטיין און האָט באַקוקט די גרויסע עדה. און ווען ער האָט דערזען די מע־נער מיט די פֿאַרוויינטע אויגן און מיט די הענט אויפֿן קאָפּ, האָבן זײַנע אויגן געשאָסן מיט בליצן און זײַנע דינע ליפּן זײַנען ווײַס

געוואָרן פֿאַר כּעס און פֿאַראַכטונג. און עס האָבן אים אַרומגערינגלט די פֿאַרזאַמלטע, די אַלטע פֿאָרויס און הינטער זיי די יונגע:

— וואָס האָסטו אונדז געבראַכט זרובבֿל? — האָבן אים די אַלטע געפֿרעגט — עפֿן־אויף דײַנע ליפּן און זאָג אונדז, וועלכע נסים, און וואָס הערט זיך און וואָס ווייסט דו פֿון אסתּרן?

אָבער דאָס איז געווען פֿאַר זײַן כּעס ווי בוימאייל צו אַ פֿײַער און ער האָט אויפֿגעטאָן זײַן מויל צו ריידן שאַרפֿע ווערטער:

— וואָס פֿרעגט איר מיך וועגן אסתּרן? וואָס ווילט איר, איר גרויבערדיקע, פֿון דער פֿרוי? און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן וועגן איר? בין איך דען איר געליבטער און איך זאָל אײַך אויסדערציילן אירע שיינקייטן, די זיסקייט פֿון איר קערפּער און ווי רייצנדיק זי איז אין דער ליבע?

דערשטוינט האָבן אים אָנגעקוקט די פֿאַרזאַמלטע און די אַלטע האָבן אים ווידער געזאָגט:

— וואָס איז מיט דיר, זרובבֿל, און וואָס האָסט דו דען אויף דײַן האַרצן? אין כּעס ביסטו און רעדסט צו אונדז אַזוינע האַרבע ווערטער. אָדער ווייסטו נישט, וואָס עס איז געשען? אַז אַ גרויס אומגליק שטייט־פֿאַר די ייִדן, די פֿולשטענדיקע פֿאַרניכטונג? און ווער קאָן אונדז העלפֿן, אויב נישט די קיניגין אסתּר? אָדער ווייסטו פֿון אַן אַנדער הילף? זאָג אונדז, און מיר וועלן הערן.

און זרובבֿל האָט זיך אויסגעגלײַכט אין זײַן גאַנצער גרייס, זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן און פֿון שטאָל־און־אײַזן איז געווען זײַן שטימע:

— יאָ, איך קען אַן אַנדער הילף און איך בין געקומען זי אײַך צו זאָגן. אין אײַך ליגט זי, אין אײַער מוט און אין אײַערע אָרעמס!

מיט אָפֿענע מײַלער פֿאַר פֿאַרוווּנדערונג און דערשטוינונג זײַנען די פֿאַרזאַמלטע געבליבן שטיין, און זרובבֿל האָט ווײַטער גערעדט, און זײַן שטימע איז געווען פֿול מיט וואַרעמקייט:

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? אָדער פֿאַרשטייט איר נישט,

וואָס איך האָב געמיינט? אין אײַך אַליין ליגט אײַער הילף, אין אײַער מוט און אין אײַערע אָרעמס. וואָס האָט איר אײַך אַזוי פֿאַרלוירן? און פֿאַר וואָס האָט איר אײַך באַדעקט מיט אַש? און אײַער פֿאַסטן צו וואָס? איר שוואַכט־אָפּ אײַערע קערפּערס און ווילט לײַכטער מאַכן אײַערע פֿײַנד זייער אַרבעט? און איך זאָג אײַך, באַוואָפֿנט אײַך בעסער. גורט־אָן אײַערע לענדן און קרעפֿטיקט אײַערע מוסקלען. אַנשטאָט צו פֿאַרברעכן די הענט אויפֿן קאָפּ אין פֿאַרצווייפֿלונג, לערנט זיי צו פֿירן אַ שווערד, און אַנשטאָט צו בלענדן אײַערע אויגן מיט טרערן, לערנט זיי צו צילן מיט אַ פֿײַל. נישט ווי שעפּסן, וועלכע ווערן לײַכט געטריבן צו דער שחיטה, נאָר ווי לייבן זאָלט איר זײַן, וועלכע טרעטן־אַרויס קעגן זייערע יעגערס. אַ שפּיל איז עס אין די הענט פֿון יעדן אייניציקן צו כאַפּן אַ שעפּס און קוילן עס, אָבער עס ציטערט דאָס האַרץ פֿון דעם לייבן־יעגער און איינער פֿון טויזנט קאָן עס זײַן. איר זיצט און וויינט און פֿאַסט און פּײַניקט אײַך, און אונדזערע פֿײַנד וועלן שפּאָטן און לאַכן, מיר דאַרפֿן אונדזערע שווערדן ניט שאַרפֿן, וועלן זיי זאָגן, און מיט אונדזערע הונטבײַטשן וועלן מיר אַוועקלייגן טויט די פֿאַרהונגערטע און דערשראָקענע ייִדן. און זיי וועלן לויבן המנען פֿאַר די דערלויבעניש, וועלכע ער האָט באַקומען פֿון דעם קיניג, און פֿרייען זיך שוין אין פֿאָרויס איבערן ייִדישן אייגנטום, וואָס וועט זיי אַזוי לײַכט אָנקומען. אָבער ווען זיי וועלן וויסן, אַז מיט גבֿורה וועט איר זיי באַגעגענען און מיט מוט, אַז אײַערע הענט זײַנען געלערנט צו פֿירן די שווערד און אײַערע אויגן צו צילן מיט אַ פֿײַל, מיט כּבֿוד וועלן זיי אויף אײַך קוקן און מיט רעספּעקט. נישט לאַכן און שפּאָטן וועלן זיי, נאָר גוט זיך איבערלייגן. און זיי וועלן זאָגן: מיר האָבן די דערלויבעניש פֿון המנען, אָבער ווער וועט דערנערן אונדזערע אַלמנות און יתומים, ווען מיר וועלן פֿאַלן פֿון די ייִדישע הענט?

און ווען ער האָט אַזוי גערעדט און נאָך מער, האָבן געשאָקלט זייערע קעפּ די אַלטע און די יונגע האָבן געקוקט צו דער ערד אין אַ פֿאַרלעגנהייט. און ענדלעך האָבן די אַלטע נישט אויסגעהאַלטן

און איבערגעריסן אים אין זײַנע רייד. און עס האָבן אים געזאָגט די אַלטע:

— יונג אין יאָרן ביסטו, זרובבל, און נאָך דײַנע יאָרן נאָך אַזוי רעדסטו.

אָבער זרובבל איז זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד און זײַן שטימע איז געווען פֿול מיט פֿאַראַכטונג:

— יונג אין יאָרן בין איך! ווי האָב איך נישט געזען, אַז דאָס וועט זײַן אײַער ענטפֿער! יונג אין יאָרן בין איך! אָבער וואָס טויגן אײַך אײַערע ווײַסע האָר, ווען איר קענט אײַך קיין עצה נישט געבן און הענגט אײַך אָן אין דעם אונטערקליד פֿון אַ פֿרוי? יונג אין יאָרן בין איך! אָבער יונג אין יאָרן און נאָך ייִנגער איז געווען מײַן זיידע דוד און ער האָט דאָך אַרויסגעהאָלפֿן דאָס פֿאָלק ישׂראל פֿון גליתן. אַזוי ווי איר איצט, זײַנען דעמאָלט אויך געשטאַנען אײַערע מענער אין פֿאַרצווייפֿלונג. דערשראָקן זײַנען זיי געווען און פֿאַר־ציטערט און האָבן ניט געוווסט ווי צו העלפֿן זיך. דעמאָלט איז גע־קומען דער יונגער דוד און האָט געבראַכט זיי די רעטונג. יונג אין יאָרן, אָבער ער האָט געוווסט, אַז אַ קליין שטיינדל, גוט געצילט און גוט געטראָפֿן, איז שטאַרקער פֿון תּעניתים, מעכטיקער פֿאַר טרערן. דערפֿאַר זאָג איך אײַך: וואָס ציילט איר מיר די יאָרן? זעט, איך ברענג אײַך די רעטונג. זײַט נישט ווי די ווײַבער, די וויינערקעס, וועלכע וויינער בײַ אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך מיט זיי. מענער זײַט, וועלכע פֿילן די קראַפֿט פֿון זייערע אָרעמס און די מאַכט פֿון זייערע לענדן. קומט און לאָמיר אויסרופֿן אַן אויסרוף אין די גאַסן: „גע־קויפֿט האָט המן דאָס ייִדישע פֿאָלק און איבערגעגעבן עס צו פֿאַר־ניכטונג, אָבער נישט אַ חפֿץ איז דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס קאָן גע־קויפֿט און פֿאַרקויפֿט ווערן, און נישט לײַכט וועט זיך אײַנגעבן זײַן פֿאַרניכטונג. באַוואָפֿנט האָבן זיך די ייִדן און זייערע אָרעמס ווערן געלערנט צום קאַמף. און עס וועט זײַן, אַז עס וועלן קומען זייערע פֿײַנד צו פֿאַרניכטן זיי און צו פֿאַרטיליקן, וועלן זיי שטיין פֿאַר זייערע לעבנס, ווי די לייביכעס פֿאַר זייערע קינדער, און יע־

דער געפּאַלענער ייִד וועט צו ערשט אָנוועקשיקן צום טויט צען פֿון זײַנע קעגנערס". קומט און לאָמיר אויסרופֿן דעם אויסרוף און איר וועט זען, ווי לענגער עס וועלן ווערן די פּנימער פֿון אונדזערע קעג־נערס און ווי אַפּהענטיק זיי וועלן ווערן. וואַרפֿט־אַראָפּ, זאָג איך אײַך, די זעק, שיט־אַראָפּ פֿון אײַך דאָס אַש און גלײַכט־אויס אײַערע פּליי־צעס. גורט־אָן אײַערע לענדן און נעמט שווערדן דאָפּל־שנײַדיקע אין אײַערע הענט. און איר וועט זען, אַז די ישועה וועט צו אײַך קומען און אײַער ברכה וועט פֿאַלן אויף זרובבֿלען.

זײַן געזיכט האָט געפֿלאַקערט און מיט פֿירער־אויגן האָט ער באַטראַכט די פֿאַרזאַמלטע. אָבער אַלע אויגן זײַנען געווען אָפּגע־ווענדט פֿון אים און די אַלטע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. און אַז די טיר האָט זיך גראָד אויפֿגעעפֿנט און מרדכי איז אַרײַנגעקומען, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו דעם נײַ־אָנגעקומענעם און אַרומ־געריגגלט אים און פֿאַרשאָטן אים מיט זייערע פֿראַגעס: וואָס זאָגט אסתּר? וואָס טוט אסתּר? וואָס הערט זיך פֿון אסתּרן?

*

און מרדכי, דער זון פֿון יאיר, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זאַק און באַדעקט מיט אַש. זײַן שטערן איז געווען דורכגעשניטן מיט טיפֿע קנייטשן און זײַנע אויגן זײַנען געווען פֿאַרזאָרגט, און עס איז געווען צו זען, אַז אַ סך געדאַנקען באַדריקן זײַן מוח. און ער האָט אויפֿגעטאָן זײַן מויל און געענטפֿערט צו די פֿרעגערס:

— גאָר נישט הערט מען פֿון אסתּרן. און וואָס ווילט איר דען פֿון איר הערן? ווייסט איר דען נישט, אַז דרײַ טעג האָט זי זיך אויסגעבעטן, און הײַנט איז ערשט דער ערשטער?

און אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן אַראָפּגעלאָזן אין טרויער זייערע קעפּ און געווישט זיך די אויגן. און אַז מרדכי האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן אויף אַ זיצבאַנק מיט אַ שווערן זיפֿץ, האָבן זיפֿצן און קרעכצן פֿון אַלע הערצער אָנגעפֿולט דאָס גאַנצע הויז.

און זרובבֿל איז געשטאַנען אַליין, און קיינער האָט זיך אויף

אים נישט אומגעקוקט. ביטער איז אים געווען אויפֿן האַרצן צום אויפֿשרײַען, און מיט זײַנע פֿויסטן וואָלט ער געשלאָגן רעכטס און לינקס, און ער האָט באַפֿרײַט זײַן געמיט מיט אַ ווילדן לאַכן. אַלע אויגן האָבן זיך אויפֿגעהויבן אויף אים אין פֿאַרוווּנדערונג. און מרדכי האָט געזאָגט:

— זרובבֿל, אויסגעפּוצט אין זײַנע שיינע קליידער, לאַכט מיט אַזאַ בײַסנדיקן געלעכטער — וואָס איז מיט אים דער מער?

און די אַלע, וואָס אַרום מרדכין, האָבן זיך פֿונאַנדערגערוקט, ווי צו געבן זרובבֿלען אַ וועג, ער זאָל קאָנען צוגיין צו מרדכין. אָבער זרובבֿל איז געבליבן שטיין אויף זײַן אָרט, און פֿול מיט פֿאַר־אַכטונג און ביטערקייט האָט ער אויסגערופֿן:

— זאָגט אים, וואָס מיט מיר איז דער מער!

און אין קורצע ווערטער האָבן זיי איבערגעגעבן מרדכין זרובבֿלס רייד: אַז ער רופֿט צום קאַמף דאָס פֿאָלק, האָבן זיי דערציילט, און עצהט, נישט צו פֿאַרלאָזן זיך אויף אסתּרן.

און מרדכי האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן צו זרובבֿלען און זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט ווי צוויי פֿײַנדלעכע קעמפֿערס, וועלכע מעסטן זיך מיט זייערע כּוחות. און דאַן האָט מרדכי געזאָגט, און ער האָט געצויגן יעדעס וואָרט:

— אין יעדער צײַט זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע מיינען, אַז די לײַכטסטע זאַך דורכצוברעכן אַ וואַנט איז מיטן קאָפּ.

און זרובבֿל האָט אָפּגעענטפֿערט מיט עקל און שפּאָט:

— אָבער נישט יעדע צײַט האָט דאָס אומגליק צו האָבן אַ פֿירער מיט דעם מוט פֿון אַ שוואַכער ייִדענע, וועלכע קאָן נאָר אויפֿ־הייבן די הענט אויפֿן קאָפּ און ביטער שרײַען!

און די פֿאַרזאַמלטע האָבן אַריבערגעטראָגן זייערע בליקן פֿון מרדכין אויף זרובבֿלען און פֿון זרובבֿלען אויף מרדכין. עס איז גע־ווען, ווי צוויי קעמפֿערס וואָלטן אַרויסגעטראָטן פֿאַר זיי צו ראַנגלען זיך און אומצוואַרפֿן איינער דעם אַנדערן. און זיי האָבן זיך אין גאַנצן פֿאַרטיפֿט אין דעם, וואָס דאַרף פֿאַרקומען פֿאַר זיי און האָבן

זייער גרויס אומגליק פֿאַרגעסן. אָבער דאָך האָבן זיי זיך אַלץ ענ־גער אַרומגעקליבן אַרום מרדכין, און עס איז געווען גלײַך זיי וואָלטן געוואַרט פֿון אים אויף שוץ קעגן זרובבֿלען.

און מרדכי האָט געפֿילט, אַז אַלע זײַנען מיט אים און קיינער איז נישט מיט זרובבֿלען, און ער האָט געזאָגט די שטעכעדיקע ווער־טער:

— בעסער אַ שוואַכע ייִדענע פֿאַר אַ פֿירערין איידער אַ משו־געגער, וועלכער רײַסט זיך אויף גלײַכע וועגט. די שוואַכסטע ייִדע־נע קאָן פֿאַרהיטן פֿון אַן אומגליק, אָבער דער קלענסטער משוגענער קאָן אָנברענגען די שווערסטע אומגליקן. נישט באַליידיקן וויל איך דיך, זרובבֿל, אָבער דאָס, וואָס דו ראַטסט, איז משוגעת.

ביטער אויסגערופֿן האָט זרובבֿל:

— ווי צו אַ פֿאָלק, וועלכן מען פּריידיקט, אַז זעלבסט־פֿאַרטיי־דיקונג איז משוגעת, און נאָך מער ווי צו אַ פֿאָלק, בײַ וועלכן אַזאַ פּריידיק געפֿינט אָפֿענע אויערן. טויטע ביינער איז אַזאַ פֿאָלק, פֿון וועלכן יעדער סימן פֿון לעבן איז אַרויסגעפֿלויגן.

מרדכי איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד און זײַן קול איז געווען רויִק און זיכער:

— ווער זאָגט, אַז זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג איז משוגעת? בין איך דען נישט פֿאַר זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג? וויל איך דען, אַז מיר זאָלן זיך אַליין אויסמאָרדן נאָך איידער אונדזערע פֿײַנד וועלן אונדז באַ־פֿאַלן? וויל איך דען, מיר זאָלן אויפֿהערן צו זײַן? וויל איך דען נישט אָפּראַטעווען אונדזער פֿאָלק? אונדזער פֿאָלק זאָל זיך פֿאַרטיידיקן, אָבער די וועגן צו זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג זײַנען פֿאַרשיידן, און דײַן וועג, זרובבֿל, איז משוגעת.

און זרובבֿל איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף מרדכין, ווי ער וואָלט אים נישט פֿאַרשטאַנען, און געפֿרעגט אין גרויסער פֿאַר־וווּנדערונג, און זײַן שטימע האָט געציטערט:

— ווי לאַנג הייסט זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג פֿון אַ פֿאָלק דאָס

שיינע געזיכט פֿון אַ יונגער פֿרוי? איז אסתּרס ליבע אונדזער זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג?

און ווידער האָט מרדכי רויק און זיכער געזאָגט:

— דו רופֿסט אונדז זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג נאָר די קראַפֿט פֿון די אָרעמס און איך רוף זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג אויך די קראַפֿט פֿון שיינקייט און די קראַפֿט פֿון געלט. דו ביסט יונג, זרובבל, און דו ווייסט זיכער די קראַפֿט פֿון שיינקייט. זאָג, איז זי נישט דער זיכערסטער וועג? דעם קיניגס האַרץ קאָן אונדז געקויפֿט ווערן דורך שיינקייט, און אסתּר מוז עס טאָן. איז אסתּר דען נישט מײַן פֿעטערס טאָכטער? איז זי מיר אַליין דען נישט געווען אַ טאָכטער? איז זי דען נישט אונדזער אַלעמענס פֿליש און בלוט? און דאָך האָבן מיר איר אָנגעזאָגט, זי זאָל אײַנשטעלן איר לעבן און גיין צום קיניג ניט גערופֿענערהייט. און ווען איר שיינקייט וועט דעם קיניג נישט רירן און זי וועט אומקומען, וועלן מיר אויסקלײַבן נאָך אַ שענערע יידישע טאָכטער. און ווען מיר זאָלן דאַרפֿן מקריב זײַן אַלע אונדזערע שיינע טעכטער און שוועסטער און פֿרויען, אַ גרויסער ווײַטיק וועט עס פֿאַר אונדז זײַן און שווער וועט עס אונדז פֿאַלן, אָבער טאָן וועלן מיר עס. איז עס דען נישט זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג? און ווען אונדזער שיינקייט וועט נישט העלפֿן, וועלן מיר אונדז פֿאַרטיידיקן מיט אונדזער געלט, מיט אונדזער האָב־און־גאָב. המן האָט אונדז געקויפֿט מיט צען טויזנט צענטנער זילבער, וועלן מיר זיך אָפּקויפֿן מיט צוואַנציק, מיט דרײַסיק און מיט פֿערציק. פֿון אייביק אָן זײַנען דאָס געווען די זיכערסטע מיטלען צו זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג. איז יעקבֿ אָבינו נישט ניצול געוואָרן פֿון זײַן ברודער עשׂו דורך זײַן האָב־און־גאָב? האָט זיך נישט דער קיניג אָסאָ, דײַן עלטער־עלטער־זיידע, אָפּגעראַטעוועט פֿון בעשא מלך ישׂראל דורך אָפּקויפֿן בן הדד, דעם קעניג פֿון אַרם? און האָט אונדז יהודית נישט אַרויסגעהאָלפֿן מיט איר שיינקייט פֿון האָלאָ־פֿערנוסן? אָבער דײַן זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג איז זעלבסט־פֿאַרניכטונג. קליין און ווינציק זײַנען מיר צווישן די פֿעלקער אין די הונ־

דערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. ווער וועט מורא האָבן פֿאַר אונדזער געווער? ווער וועט זיך אויסמאַכן פֿון דער קראַפֿט פֿון אונדזערע אָרעמס? און עס וועט נאָך זײַן, אַז דער קיניג וועט דער־הערן, אַז די ייִדן באַוואָפֿענען זיך, וועט ער נאָך אַרויפֿשיקן אויף אונדז זײַן שטאַרקן חייל, דעם צו מלחמה געלערנטן, און פֿון אונד־זער גאַנצן פֿאָלק וועט נישט בלײַבן קיין שׂריד ופּליט. געפֿעלט דאָס דיר אַזוי, זרובבֿל?

אָבער זרובבֿל האָט אויסגעשריִען הויך און ביטער:

— שאָם און שאַנדע איבער דיר און איבער אַלע, וועלכע גייען מיט דיר! — שאָם און שאַנדע איבער דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, וואָס זעט אין געלט זײַן הילף און אין די שיינע לײַבער פֿון זײַנע טעכ־טער זײַן זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג! איצט וועל איך צערײַסן מײַנע קליידער און וועל אָנטאָן אַ זאַק און באַדעקן מײַן קאָפּ מיט אַש! איצט וועל איך וויינען און קלאָגן מײַן ביטערסטן קלאָג! טויט איז מײַן פֿאָלק, אַ צעפֿוילטע נבֿלה איז מײַן פֿאָלק. אַ פּלאַץ איז עס נאָר פֿאַר ווערעם, פֿאַר קריכערס און פּויזערס, און אַלע לעבעדיקע גײַסטער האָבן עס פֿאַרלאָזן. ווו נעם איך ווערטער מײַן עקל אויס־צודריקן און ווו נעם איך דעם דונער אויף אויסצודונערן מײַן כּעס? ווו זײַנען דײַנע גיבורים, יהודה? ווו זײַנען דײַנע העלדן, ישׂראל? זע, ווער דײַנע פֿירערס זײַנען! הער, וואָס זיי לערנען דיך! אין זייער געמיינקייט שטעלן זיי זיך ניט אָפּ אַפֿילו פֿאַר דעם הייליקסטן, און די ערע פֿון דײַנע טעכטער איז בײַ זיי וויניקער ווערט ווי דאָס אומניצלעכסטע לעבן! אַלטער לייב, אין אַ הונט ביסטו פֿאַרקערט געוואָרן!

נאָך לופֿט האָט זרובבֿל זיך געראַנגלט און עס האָבן אים ווער־טער פֿאַרפֿעלט. און ער האָט צעריסן אויף זיך זײַנע קליידער, און געריסן זיך די האָר, און געשריִען ווי און ביטער. ער האָט גע־טרייסלט די הענט אין דער לופֿט איבערן קאָפּ און אַלץ איבערגע־חזרט: „שאָם און שאַנדע! שאָם און שאַנדע!“. און ער איז אַרויס פֿון דעם זאַמלהויז מיט נישט־פֿעסטע טריט, ווי אַ שיכּור.

גאַנץ דערשראָקן און אומעטיק האָבן אים נאָכגעקוקט די פּאַר־זאַמלטע און קיינעמס מויל האָט זיך נישט אויפגעטאָן אויף צו זאָגן אַ וואָרט. נאָר מרדכי האָט זיס אָפּגעשמייכלט און אַרויסגערעדט די געפּליגלטע ווערטער:

— צי איז עס דען נישט ריכטיק? עס איז בעסער צו זײַן אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב.

אָבער פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע איז עס געווען גלײַך ווי עמעץ וואָלט זיי פֿאַראומריייניקט און באַשמוצט. און דאָך האָט קיינער נישט געפֿונען אין זיך דעם מוט אַוועקצוגיין נאָך זרובבֿלען.

*

און זרובבֿל איז אַוועק צו שושנהן, אויסצורייידן פֿאַר איר זײַן האַרץ און אויסצושרײַען זײַן כּעס. מיט שנעלע טריט איז ער גע־גאַנגען, האָט נישט געקוקט רעכטס און לינקס, און שווער געקרעכצט: „ווי צו דער בושה! ווי צו דער חרפּה״... מיט רעש האָט ער אויפֿ־געעפֿנט די טיר פֿון שושנהס הויז און ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער וועט זיך אַרויפֿוואַרפֿן אויף שושנהס ברוסט און אויסיאָמערן זײַן גרויסן בראָך. אויף זײַן פֿאָלק, וואָס ער האָט פֿאַרלוירן, וועט ער וויינען, אויף דער אַכטונג צו אים און דעם גלויבן אין אים, וועל־כע זײַנען אַוועק און וועלן זיך קיין מאָל נישט אומקערן מער. אָבער ווען ער האָט דערזען שושנהן, איז ער געבליבן שטיין ווי צוגע־שמידט און זײַן מויל האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין טאָן. אין אַ זאַק איז שושנה געווען אָנגעטאָן און בלייך, אירע אויגן רויט פֿון פֿיל וויינען, און איר קליינע געשטאַלט האָט אויסגעזען נאָך קלענער און ווי אײַנגעצויגן. און ווען זי האָט דערזען דעם אַרײַנ־קומענדיקן זרובבֿל, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין, ווי זי וואָלט עס לאַנג אײַנגעהאַלטן. און דאַן האָט זי געזאָגט, שלינגענ־דיק די טרערן:

— ענדלעך ביסטו דאָ! ענדלעך ביסטו דאָ! אַז מיט דיר איז וואָס געשען, האָב איך געגלייבט, און איך האָב געשיקט נאָך דיר,

און מײַנע שליחים האָבן דיך ניט געקאָנט געפֿינען. אָבער זיי האָבן מיר געבראַכט די ידיעה, אַז געזונט ביסטו און גאַנץ און דו לויפֿסט אַרום אין פֿאָלק און פֿאָדערסט עס אויף צו אַ באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. איך האָב נישט געוואָלט גלייבן און איך האָב זיי געזאָגט, אַז ליגן האָבן זיי מיר געבראַכט. דאָך מער און מער זײַנען אָנגעקומען צו מיר די דאָזיקע ידיעות און איך האָב געמוזט גלייבן, און פֿינצטער און טרויעריק איז מיר געוואָרן מײַן וועלט. דו, בייזער זרובבל, ווי האָסטו געקאָנט פֿאַרגעסן מיך אין אַזאַ שרעקלעכער צײַט? ווי האָסטו געקאָנט מיך לאָזן אַליין אין אַ שעה פֿון געפֿאַר? ווייסטו דען נישט, אַז שרעקעדיק איז דײַן שושנה און בײַ דער קלענסטער סכּנה פֿאַרגייט איר געמיט? אָ, איך בין צום שטאַרבן! איך בין צום שטאַרבן!

ווי פֿאַרגליווערט איז זרובבל געשטאַנען. זײַנע אויגן האָבן געברענט ווי אונטער הייסן אַש. זײַן בליק איז געווען שטרענג און בראַנדיק און זײַן שטים שנײַדנדיק:

— דו ווייסט, וואָס איך האָב געטאָן, און דו קאָנסט צו מיר אַזוי נאָך ריידן? זרובבל איז געגאַנגען אויפֿפֿאָדערן דאָס יִדישע פֿאָלק צו זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג, צו באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד, און זײַן שושנה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ זאַק, גאַנץ פֿאַרלוירן פֿאַר שרעק! ביסטו דאָס שושנה? ביסטו דאָס מײַן ליבע? איז דײַן האַרץ ניט אָנגעפֿילט געוואָרן מיט מוט און האָט עס אין דיר נישט געשרִיען פֿאַר אַנטציקונג, וואָס נישט צווישן די שרעקעדיקע איז זרובבל און נישט צווישן די פֿאַרצווייפֿלטע איז זײַן פּלאַץ?

נאָר ביטער געוויינט האָט אַלץ שושנה און אַלץ געחזרט: „אָ, איך בין צום שטאַרבן! איך בין צום שטאַרבן!“...

האָט זרובבל זײַן קאָפּ געשאָקלט און ביטער געשמייכלט:

— איך האָב געמיינט, אַ טרייסט וועל איך געפֿינען בײַ דיר, אַ רפֿואה צו מײַן אָנגעווייטיקטן האַרץ. שושנה וועט מיך פֿאַרשטיין און וועט זײַן מיט מיר, האָב איך געטראַכט, און זי וועט מיך קרעפֿטיקן. אָבער ווי צו מײַן עלנט, וואָס איז אַזוי גרויס! מיט טרערן

האָט מיך שושנה באַגעגנט, מיט קליינמוטיקייט און האַרבע אויס־רייד. און זי האָט קיין אויערן נישט פֿאַר מיר און קיין האַרץ...

אָבער שושנה האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, די ליפּן צוזאַמענגע־צויגן אין אַ בייזער מינע און אָנגערוקט געזאָגט:

— איך קאָן קיין אויערן נישט האָבן פֿאַר דיר און קיין האַרץ. ווײַל וואָס דו ווילסט איז משוגעת, און דו ביסט צו שפּאָט אויף אַלע לעפּצן. אַ פֿאַנטאַזיאָר, זאָגט מען, איז זרובבֿל און אַ מענטש פֿון חלומות. ער וויל וואָס איז אוממעגלעך און ראָט וואָס איז געפֿערלעך. דאָס קליינע יידישע פֿאָלק וויל ער אויפֿהייבן קעגן דעם אומצייליקן פֿײַנד און רופֿט עס זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג. פֿאַר וואָס ראָט ער נישט בעסער, אַז גרויס און קליין, מענער און פֿרויען, זאָל זיך דאָס יידי־שע פֿאָלק אַרײַנוואַרפֿן אין די טײַכן און ימען, וועלכע פֿליצן־דורך די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות? אַזוי פֿרעגן אַלע און שאָקלען אויף דיר די קעפּ. זײַנען זיי דען נישט גערעכט און זײַ־נען דען זייערע רייד נישט ריכטיק? ווי האָב איך דאָ געקאָנט אַנט־ציקט זײַן, און די פֿרייד פֿון וואַנען זאָל זי צו מיר האָבן געקומען? ווײַל דו האָסט מיך פֿאַרגעסן, געלאָזן מיך אַליין און ביסט אַוועק נאָך געפֿערלעכע חלומות?

דערהערט זײַן קול האָט זרובבֿל און געזאָגט די שאַרפֿע ווערטער:

— ווען מיט דערנער וואָלטסטו מיר געדראָשן מײַן לײַב און מיט עקדישן, וואָלטסטו מיר נישט אַזוי ווי געטאָן ווי מיט דײַנע רייד. ווען די אַלע שפּאָטערס האָבן געלאַכט פֿון מיר, איז מײַן האַרץ געוואָרן אָנגעפֿילט מיט כּעס און פֿאַראַכטונג און איך האָב מיך גע־פֿילט שטאַרק אין מײַן שנאה. אָבער ווען דו ביסט צוגעשטאַנען צו דעם שפּאָט און צוגעגעבן דײַן קול צום געלעכטער, בין איך דער אומגליקלעכסטער און דער עלנטסטער אונטער דעם הימל. פֿרעמד ביסטו מיר געוואָרן, שושנה, מיט דײַנע רייד האָסטו אויסגעגראָבן אַן אָפּגרונט צווישן אונדז, און ווען זרובבֿל האָט פֿאַרלוירן שושנהן, האָט ער פֿאַרלוירן זײַן לעבן.

און מיט שרעק אין די אויגן האָט שושנה אויפֿגעשריִען:

— אָ, ווי קאָנסטו אַזוי ריידן?

און ווי זי האָט אים אַזוי אָנגעקוקט מיט אירע דערשראָקענע אויגן און אירע באַקן האָבן געפֿלאַמט, איז געווירט און ווייך געוואָרן זרובבֿלס האַרץ, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט ליבע און לײַדנשאַפֿט, צוגעדריקט זי צו זיך מיט זײַן גאַנצן ברען און לאַסקע און געשעפּטשעט:

— מײַן איינציקע, מײַן ליבע, זײַ דו מיט זרובבֿלען... לאָך דו נישט אויס פֿון מיר... גלייב דו אין מיר... גלייב, אַז נישט משוגע בין איך געוואָרן און נישט קיין מענטש פֿון חלומות... גלייב, אַז צו גרויסע זאַכן בין איך געבוירן געוואָרן און גרויסע זאַכן וועל איך אויספֿירן. איך וועל אויפֿנעמען אַ קאַמף מיט די שפּאַטערס און פֿאָלקס־פֿאַרפֿירערס און וועל זיי פֿאַרניכטן. איך וועל אויסלערנען מײַן פֿאָלק שטאָלץ צו זײַן און וועל אים פֿירן צום זיג. זײַ דו מיר דער ברונעם, פֿון וועלכן איך זאָל שעפּן זאַפֿט פֿאַר מײַן מאַרך, קראַפֿט פֿאַר מײַנע אָדערן. גיס מוט אין מיר אַרײַן און מונטער־אויף מײַן מידע זעל! זאָג מיר, אַז איך בין גערעכט און די וואָס לאַכן פֿון מיר זײַנען געשלאָגן מיט בלענדעניש. זאָג מיר, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט און נאָר אויף אַ קליינער ווײַלע ביסטו אָפּ־געשטאַנען פֿון דײַן זרובבֿל.

אָבער שושנה האָט געוויינט, דאָס געזיכט באַהאַלטן אין אירע הענט און שטיל געמורמלט:

— איך קאָן נישט! איך קאָן נישט!

מיט גרעסערער לײַדנשאַפֿט האָט זרובבֿל איבער איר גערעדט:

— זעסט, זיי ווילן זיך אויסקויפֿן פֿון דער סכנה מיט דעם לײַב פֿון אסתּרן. זיי שיקן זי, זי זאָל אײַנשטעלן איר לעבן און אַליין ווילן זיי יוצא זײַן מיט פֿאַסטן. און ווען אסתּרס לײַב וועט נישט העלפֿן, וועלן זיי אָנווענדן געלט אָדער אַן אַנדער שיין ווײַבערלײַב אָדער ביידע זאַכן אין איינעם. זאָג, איז עס נישט העסלעך, שושנה? איז עס נישט געמיין און פּחדניש? אַלץ שרײַט אין מיר קעגן דעם.

שרײַט אין דיר גאָר נישט קעגן דעם? מענער זאָלן שיקן אין פּאָרויס אַ פּרויענלײַב! שושנה, איך האָב קיין ווערטער נישט, ווי נידערטרעכטיק דאָס איז! פּילסטו עס, שושנה? פּילסטו דיך נישט ווי באַשמוצט, דערנידעריקט, באַשפּיגן? שושנה, זע, ווי עס ציִען זיך אָן מײַנע מוסקלען — פּילסטו מײַן קראַפֿט? מײַנע הענט פֿיל איך ווי ריזן־פֿליגלען אויף אַריבערצוטראָגן מײַן פֿאָלק איבער אַלע תהומען און געפֿאַרן. פֿאַר וואָס האָבן זיי מורא צו נעמען געווער אין זייערע הענט? זיגן אָדער פֿאַלן, אָבער נישט אָפּקויפֿן זיך! מענער, וועלכע באַהאַלטן זיך הינטער אַ פֿרויען־קליידל, האָבן קיין שום ערן־געפֿיל נישט, און מײַן גאַנץ פֿאָלק זאָל באַשטיין פֿון אַזעלכע מענער?! זרובבלס פֿאָלק זאָל קיין ערן־געפֿיל נישט האָבן? שרײַט אין דיר גאָר נישט קעגן דעם, שושנה?

נאָר שטיל איז געווען שושנה אין זײַנע אָרעמס און האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. און ער האָט אַלץ געדרונגען אין איר און לײַדנשאַפֿטלעך אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן און אַלץ געבעטן:

— זאָג מיר, שושנה, זאָג מיר...

און ענדלעך האָט שושנה שטיל אַרויסגערעדט:

— דו בלײַב מיט מיר, זאָלן זיי טאָן ווי זיי פֿאַרשטייען.

— צו שאַם און צו שאַנדע פֿאַר דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק?!
— זרובבל האָט עס אויסגעשריִען און אַ גרויסער טרויער האָט אים פּלוצלינג אָנגעפֿולט.

דאָן האָט שושנה געזאָגט אירע אומפֿאַרזיכטיקע ווערטער:

— זיי זײַנען די מערהייט, דער רבים: זיי פֿאַרשטייען עס בעסער.

און זרובבל איז אויפֿגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. ער האָט געוואָלט אויפֿשרײַען מיט ביטערע קולות, אָבער ער האָט דערפֿילט, ווי אַ גרויסער כעס שטײַגט אין אים אויף. ער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף זײַן האַרץ און געריבן זיך די ברוסט, און פּלוצלינג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר. אָבער

בײַ דער טיר איז ער געבליבן שטיין, האָט אָנגעשפּאַרט זיך און געזאָגט, און זײַן קול איז געווען הײזעריק:

— דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה!

אַ שוידער איז דורכגעגאַנגען שושנהן דורך אַלע גלידער און פֿול מיט שרעק און פֿאַרצווייפֿלונג האָט זי אויסגעשריִען:

— אָבער, זרובבֿל?!

און ער האָט ווידער אַרויסגעשעפּטשעט:

— דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה...

נאָך מער דערשראָקן, האָט אויפֿגעשריִען שושנה:

— אָבער, זרובבֿל! — און זי האָט צוגעטראָגן אירע ציטערדיקע בלייכע הענט צו אירע באַקן, און איר בליק איז געווען ווי פֿון אַ דערשראָקענער פֿאַרוווּנדעטע טויב.

און זרובבֿל האָט גערעדט, און זײַן שטימע האָט געציטערט:

— איך ליב דיך און שטאַרק ווי דער טויט איז מײַן ליבע. בײַ נאַכט, אויף מײַן געלעגער, וועל איך דײַן נאָמען רופֿן און מײַן האַרץ וועט פֿאַרגיין פֿאַר בענקעניש. מיט די נעגל פֿון מײַנע פֿינגער וועל איך מיר מײַן לײַב צעקראַצן און מײַנע אויגן וועלן ברענען אונטער זודיקע טרערן. אָבער נישט דו קאָנסט זײַן זרובבֿלס ווײַב, נישט דו די מוטער פֿון זײַנע קינדער! דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה!

שווער געוואָרפֿן האָט זיך שושנהס ברוסט. איר שנעלער אָטעם איז געווען דורכגעוויקט מיט טרערן. און האַרצרײַסנדיק איז געווען איר אויסגעשריי:

— זרובבֿל!

אָבער ער האָט שוין אויפֿגעעפֿנט די טיר, און שטייענדיק אין איר האָט ער צוגעווענדט צו שושנהן זײַן געזיכט און פֿעסט אַרויסגערעדט:

— גיי און לערן דיך צו זײַן זרובבֿלס ווײַב!

און ער האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

זי האָט אויפֿגעשריִען און דאָס איז געווען דאָס געשריי פֿון אַ

פֿאַרוואונדעטער הירשין. זי איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר, אָבער אירע פֿיס האָבן זיך איר אונטערגעבויגן. זי האָט אויסגעשפּרייט די הענט אויף דער צוגעמאַכטער טיר, און געקרעכצט און געוויינט אין איר גרויסן אומגליק. זי האָט נישט גערעדט. איר האַלדז איז איר צוגעשנירט געוואָרן און די צונג האָט זיך נישט באַוועגט. ערשט שפּעטער האָט זי געקאָנט אַרויסשעפּטשען גאַנץ שטיל:

— זרובבל, זרובבל, זרובבל...

דערנאָך האָט זי זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר געלעגער מיט די הענט אויפֿן געזיכט, צונויפֿגעקאַרטשעט, און עס איז איר געווען ווי עמעץ וואָלט זי געפּאַטשט.

און זרובבל האָט געשפּרײַזט דורך נאַכט און פֿינצטערניש, ווײַט הינטער דער שטאָט, אין טיפֿער איינזאַמקייט, דאָרטן ווו אַ גרויסער פֿעלדז האָט זיך אויפֿגעהויבן הויך איבער אַ טיפֿן אָפּגרונט.

1906

א. ליעסין

בילדער פֿון ערשטן קרייצצוג

דער וויכּוח

„שני תלמידים היו בעיר אחת והיו
הגוים הורגים את היהודים — — — —

ספר חסידים

די אויסהרגערס קומען־אַרײַן אין דער שטאָט,
און ווער נאָר עס קען, גראָבט זיך אײַן ווי אַ קראָט.

צוויי בחורים ליגן אין קעלער באַהאַלטן,
עס פּאַסעווען זיי אַזוי קנוטיק די גוואַלדן.

עס פֿײַערן אויבן די מעסערס און העק
און אונטן אין בלוטגליווער פֿינצטערט די שרעק.

די בחורים קאָרטשען זיך אונטער די מיתות,
און פֿאַלנדע גופֿים, און כאָרכלס פֿון גסיסות.

זאָגט איינער צום צווייטן: „איך מאַך נאָר איין טראָט,
און באַלד אַ געלײַטערטער לויכט איך פֿאַר גאָט:

און זײַן וועט מיט זיי, מיט די קדושים, מײַן חלק
אין טויט אַזוי גרויליק, אין טויט אַזוי הייליק.

איך גיי פֿון דער פֿינצטערער נאָרע אַרויס,
און מיש זיך מיט זיי אין די בלוטן באַלד אויס".

צעהיצט זיך דער צווייטער: „אַזאַ משוגעת —
דאָס הייסט דאָך, מאַבד את עצמו לדעת!

געפֿינט מען אונדז, וועלן מיר אויפֿנעמען גרייט,
ווי זיי, אַזוי גרויליק, דעם הייליקן טויט.

דאָך טאָר מען אַליין בידיים ניט געבן
צום קוילער און האַקער דאָס הייליקע לעבן!"

זאָגט ווידער דער ערשטער: „האָט גאָט מיר געטרויט,
איך שטאַרב אין מײַן לעבן און לעב אין מײַן טויט.

איז ניט רבי חנינא בן תּרדיון געגאַנגען
אַנטקעגן די פֿלאַמען אין גלוט פֿון פֿאַרלאַנגען?

און האַלטנדיק אַ ספֿר־תּורה אין שויס,
געקוקט אין דערוואַרטונג צום תּליון אַרויס.

„און איז אַזוי פֿרום מיט דער תּורה צוזאַמען,
פֿאַרוויקלט אין פּאַרמעט, אַרויף אויף די פֿלאַמען".

זאָגט ווידער דער צווייטער: „האָט ניט זיך אַמאָל
רבי יהודה בן בבֿא באַהאַלטן אין טאָל?

און ערשט ווען דער צורר האָט דאָרט אים געטראָפן,
איז מער שוין דער קדוש פון טויט ניט אַנטלאָפן.

דאָך יאָגט ער די רביס אַוועק און באַפעלט
דאָס לעבן צו היטן פאַר זיך און דער וועלט!"

*

אַזוי האָבן זיי דעם וויכּוח געהאַלטן,
זיך קאָרטשענדיק אונטער די גרוילנדע געוואַלטן:

אַרומגערעדט אונטער דער האַק אַזוי ברייט
די קדושה פון לעבן, די קדושה פון טויט.

1927

רבי שמעון מיימי

דער רבֿ אין מיטן, רעכטס זײַן אידעם, לינקס זײַן ווײַב,
זיי שטייען ביזן האַלדז אין טורעמוואַנט פאַרמויערט;
עס ברענט אויף זיי ווי פײַער דאָס צעמורשטע [1] לײַב,
שוין לאַנגע דרײַ מעת־לעת ווי זייער גסיסה דויערט.
און אויפן ביינקרייץ, אויבן, ווינקט זיי יעזוס מיד,
אין פּײַן געשניצטע, פּײַן געקינצלטע יסורים:
„אָ, זאָגט אויף מיר, איך בין אַ גאָט און ניט קיין ייִד,
דאַן ברעכט מען אײַך אַרויס מיט גרויס פאַראַד פון טורעם".
דער רבֿ איז אָבער שטום, פאַרעקשנט ביזן סוף,
ער הייבט ניט אויף זײַן בליק צום קריסטנגעצן, צום טמא;
און שטום ווערט דורכגעפירט, די וויסטע, ווילדע שטראָף,
עס גייט־אַרויס אין טהרה לאַנגזאַם די נשמה,
פון לעצטן רבֿ פון פּאָרטוגאַל.

---

[1] צעטרייבערטע, צעשלאָגענע.

ער שטייט פֿאַרמויערט שטום און פֿאַר זײַן גוסס־בליק
פֿלאַמט פֿינצטער אַלץ דאָס בילד: מען שלעפּט זיי ווי די רינדער,
אין קלינגענדיקע קלויסטערס, פֿאַר די האָר, אויף שטריק,
פֿיל טויזנטער, ביז איינעם — מענער, פֿרויען, קינדער.
אָט זעט ער זיך שוין דאָרט, אַרײַנגעכאַפּט אין נעץ,
אָט האָט מען אים אַ קרייץ צום קושן צוגעטראָגן,
און בליצשנעל אין אַלטאַר צעשמעטערט ער דעם געץ,
די רוצחים זאָלן אויפֿן אָרט אים טויט דערשלאָגן!
די קירכע אָבער דאַרף זײַן בײַשפּיל, זײַן פֿאַרראַט,
דעם גײַסט פֿון רבֿ, פֿון אַלטן, מוז זי זען געבראָכן.
ווי שווער די פּײַניקונג! ווי שוואַך ער פֿילט, ווי מאַט!
אַלץ שטראַלנדיקער לויכט דער הייליקער נצחון
פֿון לעצטן רבֿ פֿון פּאָרטוגאַל.

אָט לעשט זיך, לעשט זיך אויס זײַן לעצטער לעבנספֿונק;
דער גלח און דער וועכטער שטייען דאָך און וואַרטן,
צי רעדט ניט וואָס זײַן בליק, צי מערקט זיך ניט אַ ווונק,
צי פֿילט זיך ניט אַ בראָך אין ווילן, אין דעם האַרטן.
אומזיסט! אומזיסט! ער שטאַרבט. דער גלח טרעט שוין אָפּ...
עס לויכט באַגײַסטערט אויף דאָס פּנים פֿון דעם וועכטער,
ער שטעלט זיך פֿאַרן רבֿ געבויגן טיף דעם קאָפּ,
און פֿליסטערט אין עקסטאַז: „אַ דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!
דו האָסט מאַראַנען שוואַכע, זינדיקע באַגליקט,
דײַן הייליקונג צו זען, געמאַכט אונדז שטאַרק ווי אײַזן,
אין חושך האָסטו אונדז פֿײַערזײַל געשיקט,
פֿאַר קינדער, קינדסקינדער, דעם בײַשפּיל אונדז צו ווײַזן
פֿון לעצטן רבֿ פֿון פּאָרטוגאַל".

עס שלײַכט אַ לוויה שוואַרץ אין טויטקייט פֿון דער נאַכט,
עס גייט און גנבֿעט זיך אַ שאָטן־שטומער עולם.
מיט מסירת־נפֿש ווערן קדושים דרײַ געבראַכט

געהיים פֿון תּפֿיסה־גרוב צום ייִדישן בית־עולם.
עס קרעכצט פֿאַרשטיקט דער קדיש דאָרט צום לעצטן מאָל,
עס שטראָמען שטיל מאַראַנען־טרערן בלוטיק־הייסע,
און אין דעם ציטערדיקן, יאָמערדיקן קול,
הילכט־אָפּ אַ שבֿועה פֿעסט, אַ גוואַלדיקע, אַ גרויסע.
און דורך אַן אימת־מוות, דורות־דורות לאַנג,
דורך דרײַ יאָרהונדערטער פֿון פֿינצטערע יסורים,
בײַם אינקוויזיטאָרס פֿלאַם, אין הייל פֿון מאַרטערצוואַנג,
לויכט שטראַליק די געשטאַלט, פֿאַרמויערט אין דעם טורעם,
פֿון לעצטן רבֿ פֿון פּאָרטוגאַל.

נ״י 1920

דער יונגער משומד

אַ מעשׂה פֿון 15טן יאָרהונדערט, ווינער גזירה, געשריבן אין דעמאָלטיקן עבֿרי־טײַטש, דערציילט מיט שוידערלעכער פּשטות, ווי אַזוי דער הערצאָג פֿון עסטרײַך, אַלברעכט דער פֿינפֿטער, שפּעטער קייסער, האָט אין יאָר 1421 פֿאַר־טיליקט אַלע ייִדן ביז איינעם אין ווין און אין גאַנץ עסטרײַך.

— 1 —

גלאַנצן קיווערס גאָלדיק דורכן גרין פֿון מײַ.
און דער הערצאָג זאָגט דעם אַדיוטאַנט דעם יונגן,
ווי זיי רײַטן דורך די וועלדלעך בײַם דונײַ.
— הער נאָר, ווי די פֿויגלען האָבן זיך צעזונגען —
וואָס זשע קוקט מײַן ריטער, מײַן באַליבטער
עפּעס אויס אַזאַ באַטריבטער?

זיפֿצט דער ריטער טיף: — אין אָט דעם טאָג פֿון מײַ
האָט מען זיי אויף שײַטער זינקענדיקע געלאָדן

און געלאָזן מיטן שטראָמיקן דונײַ,
און די װעלן האָבן בלאָ מיט טויט געזאָדן —
הער איך אַלץ די קולות די באַנומענע
פֿון די אַלע אומגעקומענע.

— 2 —

פֿריידיק שאַלט אין נאַכט מיט טויזנט ליכט דער שלאָס.
דאָך דער יונגער ריטער קען זײַן צער ניט צאַמען,
בעת אַליין דער הערצאָג טרינקט פֿאַר אים אַ כּוס,
און אים גריסן גלײַענדיק די שענסטע דאַמען;
רופֿט דער הערצאָג אויס: — דו שרעקסט, מײַן יונג, מיך הײַנט
ווי אַ חושך לומנע אויף דײַן פּנים שײַנט!

ברומט דער ריטער שטיל: — אין אַט דער נאַכט פֿון קלאָג
האָבן זיי אין סינאַגאָג זיך אויסגעשאָכטן —
מענער, פֿרויען, קינדער, און די סינאַגאָג
נאָך דעם אָנגעצונדן אין די גרויסע פֿאַרכטן;
כאָרכלען נאָך אַנאַנד אַלץ פֿאַר מיר די טויטן
דורך די פּויקן און טרומייטן.

— 3 —

אַ געיעג אַ װילדס, עס ציטערט אַזש די ערד —
קלינגעניש פֿון שפּאָרן, בלאָזעניש פֿון האָרן,
בילערײַ פֿון כּלבֿים, הירזשערײַ פֿון פֿערד,
און אין טומל װערט דער ריטער װי פֿאַרלאָרן;
זוכט אים אויס דער הערצאָג, אַ פֿאַרװונדערטער,
װאָס ער רײַט אַן אָפּגעזונדערטער.

און דער ריטער, עקזאַלטירט, װײַזט־אָן דאָס אָרט:
— אָט אַהינצו האָט מען זיי געבראַכט צוזאַמען,
אין די הונדערטער, און פֿאַר די געצן דאָרט,

וי אַ גאַנץ־אָפּער, געוואָרפן אין די פלאַמען —
הער איך אַלץ די הייליקע געזאַנגען,
אין די פלאַמען אויפגעגאַנגען.

— 4 —

וואָרנט אים דער הערצאָג שוין צערייצט, צעהיצט:
ווי איך האָב רחמנות אויף דײַן בלוטיונג לעבן,
ביסטו דאָך שוין קריסט, פון טויפוואַסער באַשפּריצט,
און איך מוז צום קירכגעריכט דיך איבערגעבן —
אַ, פאַרבלענדטער דו, ווי דײַן פאַרפלוכטער שטאַם,
ווײסטו שוין געוויס ניט אויסמײַדן דעם פלאַם!

נייגט זיך נידעריק דער ריטער: — יע, מײַן האַר,
ווי איך דאַנק פאַר דײַן גענאָד און גוטן ווילן,
וואָלט איך טיפער נאָך דיר דאַנקבאַר זײַן דערפאַר,
אויב דו וואָלטסט מײַן וווּנטש, מײַן הערלעכסטן, דערפילן —
גיב, איך זאָל, ווי מײַנע ברידער, קענען
אויך נאָך פאַר גאָטס נאָמען ברענען!

— 5 —

זעט דער עולם, דער צעהעצטער,
ווי עס גייט דער ייִד דער לעצטער,
גייט דעם וועג פון טאַטע־מאַמען
צו דער חופּה פון די פלאַמען —
הללו יה!

ווי ער קומט אַליין, אַ גרייטער,
אָן אַ וואַך און אָן באַגלייטער,
שטייט ער, ניט געשמידט צו שטאַנגען,
אויפן שײַטער מיט געזאַנגען —
הללו יה!

מיטן שטאָלצן קאָפּ געהויבן,
מיטן בליק צום הימל אויבן,
בעט ער זינגענדיק אין פֿײַער:
זײַ מטהר, זײַ מטהר —
הללו יה!

נ״י 1938

ה. לייוויק

פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם״

אין די אונטערערדיקע היילן פון פּינפּער שלאָס, אַ פינצ־טערניש אָנצוטאַפּן מיט די פינגער. טאַדעוש באַגלייט פון מאַנאַך באַווײַזן זיך פון דער טיפעניש פון הייל. דער מאַנאַך טראָגט אַ קליינעם פאַקל. זיי אָטעמען ביידע אָפּ מיד פון לאַנגן קריכן אונטער דר'ערד.

טאַדעוש — דײַן האַנט אַהער. נישט וואַקל זיך. ווען נישט די לופט
די שטיקנדיקע און די שטאַרקע פינצטערניש,
וואָלט לאַנג שוין אויסגעפירט געווען די שליחות,
וואָס גאָט און יעזוס, אונדזער קעניג, האָבן אונדז
געשיקט צו אויספירן. דו זעסט, די הייל איז לאַנג,
פאַרלאָזן און פון קיינעם נישט באַטראַכטן,
פון דעסט וועגן האָט אונדזער האַרץ זיך נישט געשראָקן,
און אונדזער האַנט האָט נישט געציטערט. גאָט אַליין
האָט אונדז מיט גלײַכע טריט געפירט צו זייער שול...
מאַנאַך — אָט פאַל איך, האַלט מיך, פאָטער.
טאַדעוש — גלײַך זיך אויס
און אָטעם־אָפּ. די לופט איז לײַכטער דאָ.
מאַנאַך — כ'האָב אַלץ געטאָן, וואָס דו האָסט מיר געהייסן,
און נישט געשראָקן זיך. געהאַלטן פעסט
דאָס מעסער אין דער רעכטער האַנט און מיט דער לינקער

צונויפגעדריקט דעם האַלדז... קיין איין געשריי, קיין צאַפּל...
די פלעשלעך האָב איך גוט פאַרקאָרקעוועט, אַוועקגעשטעלט...
נאָך פיל איך אויף מײַן האַנט די וואַרעמקייט...
אָ, האַלט מיך צו, מיר שווינדלט ווידער.
טאַדעוש — האָסט מורא? פײַגלינג! זעסט נישט, ווער
עס פירט דיך?

דו זעסט מײַן גרויע באָרד, מײַן עלטער־שטעקן,
די נעכט די נישט־דערשלאָפענע — אין מײַנע אויגן?
פאַר וועמען האָב איך נישט דערשלאָפן? מיר צוליב?
אויף וועמען שפּיגלט זיך דער שײַן פון צלם —
אויף מיר אַליין? צי מערער נאָך אויף דיר?
און ווער האָט מער געשאַרפט דאָס מעסער, איך צי דו?
און ווער האָט מער אַרײַנגעזאַפּט די הייסע וואַרעמקייט,
כאָטש איך בין פון דער זײַט געשטאַנען, איך צי דו?
געטאָן האָב איך, נישט דו, און וואַקלען זיך
האָב איך באַדאַרפט; ווײַל דו האָסט גאָרנישט נישט געטאָן —
אַ פיר נאָר מיטן שאַרף געגעבן...
מאַנאַך — פאַרגיב מיר, פאָטער. קושט אים די הענט.
טאַדעוש — איך פאַרגיב דיר, איך בין גוט.
מעגסט רויק קומען אין דײַן צעל און שלאָפן.
און איך בין מער ווי רויק, איך בין גליקלעך.
ווײַל קוקנדיק ווי דו גיסט־אָן די פלעשלעך,
געזען האָב איך אַזוינע זעונגען פאַר מײַנע אויגן,
וואָס קיינער, אויסער אים, האָט נישט געזען...
און ער, שוין הענגענדיק אַ צוגענעגלטער צום קרייץ,
און זעענדיק די זעלבע זעונגען וואָס איך,
האָט אויפגעמאַכט איין ווינקל פון אַ ברעם
און שטיל מיט ליבשאַפט צוגעשיקט אַ קוק אַהער;
ווײַל דאַן נאָך איז די הייל געווען שוין גרייט פאַר דעם,
און אויך דאָס מעסער... גלאַנציק, שטראַלנדיק און שאַרף

אַ שײַן געטאָן האָט פֿון דער הייל אויף אים דאָס מעסער.
אַ שײַן געטאָן, אַ גלעט געטאָן זײַן אויפֿגעמאַכטע ברעם,
און גלאַנציק, שטראַלנדיק האָט זיך זײַן אויג פֿאַרמאַכט...
דו מיינסט: נקמה? ניין, נאָר ריינע ליבשאַפֿט.
ווײַל בלוט איז ליבשאַפֿט, בלוט פֿון קינדער,
ווײַל ער איז אויך געווען אַ קינד... און יעדער מעסער
פֿון דעמאָלט אָן געוואָרן איז געבענטשט;
און קיין מאָל וועלן זיי, די קרייציקערס, נישט קאָנען צונעמען,
אַוועקרויבן פֿון אונדז די היילִיקייט פֿון מעסער;
ווײַל קיין מאָל טאָר נישט אויפֿהערן צו גיסן זיך
דאָס בלוט פֿון די וואָס האָבן נישט געקאָנט דערזען
דעם שטילן שײַן פֿון זײַן פֿאַרמאַכטער ברעם...
מאַנאַך — אַ, פֿאָטער, דאַכט זיך, אַז מען גייט אַהער.
טאַדעוש — דיר דאַכט זיך אַלץ, דו, פֿײַגלינג איינער. ווער
וועט גיין אַהער? ווער ווייס דעם סוד פֿונעם אַרײַנגאַנג?
איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל: נישט האָב קיין מורא.
עס הערן טריט זיך, יאָ, — דאָס זײַנען זײַנע טריט.
אַ שטילער, אַ פֿאַרבענקטער שוועבט ער אום
און אָטעמט שטאַרק און טיף אין זיך דעם רויטן ג'רוך,
ער ווערט אַ לעבעדיקער נישט נאָר אויפֿן הימל,
נאָר אויך מיט אונדז אָט דאָ... אָט קומט ער.
עס רויטלען זיך די בלייכע באַקן זײַנע
און פֿון די אויגן שטראָמט זײַן ליבשאַפֿטפֿרייד,
זײַן קינדערישע באַרעמהאַרציקייט און צערטלעכקייט;
ער טראָגט דעם קרייץ אויף זײַנע אַקסלען, טאַנצט מיט אים.
ער זינגט מיט אים, ער לעבט מיט אים, ער שפּילט זיך...
אָט איז ער דאָ, דו זעסט? הייב־אויף די אויגן!
מאַנאַך — מיט שרעק. צלמט זיך און פֿאַלט צו דער ערד. אַ, קום, כ'האָב מורא, מורא!
טאַדעוש — איצט זעסטו שוין?

מאַנאַך — אַ, יעזוס באַרעמהאַרציקער, דערבאַרעם זיך...
אַ, נעם מיך צו פֿון דאַנען, פֿאָטער הייליקער!
טאַדעוש — אַוועק! אַוועק פֿון מײַנע אויגן!
איך הייס דיר זען — און דו ביסט טויב און בלינד.
אַוועק!

מאַנאַך לאָזט זיך לויפֿן און טאַדעוש פֿאָלגט אים נאָך. עס קומען פֿון אַן אַנדער זײַט מהר״ל און דער גולם. מהר״ל טראָגט אַ לאַמטערן, דער גולם — אַ האַק און אַ רידל.

מהר״ל — בלײַב שטיין און קוק זיך צו. וואָס זעסטו?
גולם — איך זע דאָס גאַנצע לענג פֿון הייל פֿון עק ביז עק.
צו רעכטס — אַ שמאָלער וועג, צו לינקס — אַ ברייטער,
אַ הונדערט טריט פֿון דאַנען טיילט זיך אָפּ
אַ דריטער וועג, קוים דורכצוגייען דורך אים.
מהר״ל — ווו ענדיקן זיך בײדע ערשטע וועגן?
גולם — דער שמאָלער פֿירט צום שול, דער ברייטער פֿירט
צום כּומר.

שלום אַש

קאַפּיטלען פֿון ראָמאַן

קידוש השם

דער נסיון

דער פּריץ טשווערטשינסקי האָט געלאָזט וויסן די ייִדן, אַז די קאָזאַקן זײַנען גרייט אָפּצוטרעטן פֿון שטאָט פֿאַר דעם גאַנצן גאָלד-און-זילבער, זײַדנצײַג, פּעלצן און מלבושים, וואָס די ייִדן וועלן געבן אויסלייזגעלט. ר׳ אַהרן, דער ראש-הישיבֿה און רבֿ פֿון שטאָט,

האָט צונויפֿגערופֿן די פּרנסים און די ראָשי־העיר און געהאַט אַן אַסיפֿה, און מען האָט באַשטימט, אַז מען זאָל אויסלייזן דאָס נפֿש מיט די פֿאַרמעגנס. האָט מען געלאָזט אויסרופֿן אין די שולן, אין די מאַרקן און אַרום די מויערן, אַז די ייִדן זאָלן ברענגען זייער האָב־און־גוטס צום גראַף אין שלאָס אַרײַן, פֿאַרן קאָזאַק אויסלייזגעלט.

האָבן די ייִדן צונויפֿגעבראַכט זייערע פֿאַרמעגנס, האָבן זיך געטראַכט: זאָל גאָלד־און־זילבער אַ כּפּרה זײַן פֿאַרן לעבן, און געלויבט איז גאָט, וואָס ער שיקט אַ רעטונג.

זייער אַ סך טײַערע כּלים זײַנען דאָרט געווען צווישן די חפֿצים, וואָס די ייִדן האָבן געבראַכט אין שלאָס. זילבער־געהאַמערטע בעכערס, נירנבערגער אַרבעט וואָס די ייִדן האָבן געהאַט געבראַכט פֿון די יאַרידן, און אתרוגים־פּושקעס אין די געשטאַלטן פֿון כּל־המינים פּירות און בשׂמים־ביקסן אין געשטאַלט פֿון הויכע טורעמס מיט דגלים און מזלות, און חנוכּה־לײַכטער מיט די סימנים פֿון די שבֿטים, און כּלערליי מינים צירונג פֿון גאָלד און זילבער און טײַערע שטיינער, און רײַכע פּעלצן סויבלנע און נעלקן, וואָס זיי האָבן געקויפֿט פֿון די רוסישע סוחרים, און זייער פֿיל זײַדנצײַג אויף מלבושים, איטאַליענישער בראָקאַט וואָס זיי האָבן אײַנגעקויפֿט אויף פּרוכתן און אויף כּלה־מתּנות, און מיט זילבער און מיט גאָלד געפֿלאָכטן זײַדנס פֿון סלוצק, וואָרעם זיי האָבן גאָר נישט געשאַנעוועט, נאָר אויסצולייזן דאָס נפֿש. און זיי האָבן די רײַכטימער אָנגעוואָרפֿן אין גרויסע קופּעס אין דער פֿעסטונג פֿון טולטשין. די זילבערנע ברייטע עטרות האָבן געבלישטשעט פֿון די טונקעלע שטאַרקע פֿוטערן און די גאָלדענע צירונג מיט די שטיינער האָבן געבלישטשעט צווישן די פֿאַליעס זײַדנס, סאַמעט און אַטלעס, וואָס איז געלעגן אין גאַנצע הויפֿנס אויפֿן הויף פֿון דער פֿעסטונג און געוואַרט אויפֿן קאָזאַק.

און ווי די ייִדן האָבן שוין געהאַט געבראַכט זייערע פֿאַרמעגנס, האָט דער פּריץ געזאָגט:

— גיט־אַרויס אײַער געווער און ברענגט עס אַהער.

האָבן די ייִדן געזאָגט:

— צו וואָס דאַרף דער קאָזאַק אונדזער געווער? ער האָט דאָך געווער גענוג און ער ווייסט וויל, אַז מיר וועלן אים נישט נאָכיאָגן, ווען ער וועט אָפּטרעטן פון דאַנען, און מיר האָבן נאָר געהאַלטן דאָס געווער, כּדי צו ווערן זיך, אָבער נישט חלילה אָנצופאַלן אויף אים, און היינט אַז ער טרעט־אָפּ פון דאַנען און וויל מיט אונדז מער נישט מלחמה האַלטן, צו וואָס דאַרף ער ווידער אונדזער געווער?

האָט דער פּריץ געענטפערט:

— אַזוי וויל דער קאָזאַק און אַזוי האָב איך מיט אים אָפּגעמאַכט.

האָבן די ייִדן באַלד איינגעזען, אַז די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקן זיי צו פאַרטיליקן.

האָט זיך אָנגערופן מענדל, דער פּרנס פון זלאָטשעוו:

— אונדזערע פאַרמעגנס האָבן מיר אייך געבראַכט און אונדזער געווער וועלן מיר אייך נישט אַרויסגעבן. וואָרעם אַז איר פאַרלאַנגט אונדזער געווער, איז נישט אַנדערש נאָר סיידן איר האָט געמאַכט יד־אחת מיט די קאָזאַקן אונדז אַרויסצוגעבן און איבערצוליפערן אין זייערע הענט. וואָרעם וואָס קען דען אַנדערש זיין, ווען איר פאַרלאַנגט פון אונדז דאָס געווער, מיט וועלכן מיר האָבן באַשיצט און געראַטעוועט די שטאָט?

האָבן זיך אַנדערע ייִדן אָנגערופן נאָכן פּרנס:

— דאָס פאַרמעגן וועלן מיר געבן און דאָס געווער וועלן מיר אייך נישט אַרויסגעבן.

און נאָך אַנדערע ייִדן האָבן געשריגן און געענטפערט דעם פּריץ:

— אַז שטאַרבן, זאָלן מיר אַלע שטאַרבן, די פּאָליאַקן מיט די ייִדן!

און עס איז דאָרט געווען אַ יונגער מאַן פון קאָרסון, אַ דאַרער און אַ הויכער, און זיינע אויגן האָבן געברענט מיט נקמה פאַר גאָט, זיינע פּיאות האָבן זיך געטרייסלט, און די ציין און די גאָמבע האָבן געקלאַפּט פאַר כּעס, וואָרעם עס האָט אין אים געברענט גאָטס כּעס.

האָט ער געכאַפּט אַ חלף אין האַנט און געשריגן צו די ייִדן:

— די גויִים האָבן אונדז פֿאַרראַטן, אַזוי ווי אין נעמיראָוו אַזוי דאָ. לאָמיר זיך נוקם זײַן אין זיי נקמת ה׳, פֿאַר גאָט און פֿאַר זײַן תּורה!

ווי אַ פֿלאַקער פֿײַער זײַנען די ווערטער פֿון דעם יונגן מאַן אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם אויפֿגערעגטן עולם. זיי האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן. מיטן טויט האָבן זיי שוין לאַנג שלום געמאַכט, נאָר זיי האָבן געוואָלט אַ טײַערן פּרײַז פֿאַר אים. עס האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגעצונדן דער אַלטער ייִדישער כּעס. די אויגן האָבן געברענט און די פּיאות און די צײַן האָבן זיך געטרייסלט, די כּלי־זיין האָבן זיך געוויזן אין זייערע הענט און אַ געברום איז געגאַנגען צווישן עולם ווי אַ שטילער דונער פֿון איינעם צום אַנדערן:

— די גויִים האָבן אונדז פֿאַרקויפֿט!

— פֿאַר נעמיראָוו!

— פֿאַר דער אמונה און פֿאַר דער תּורה!

און דער עולם, מענער, יונג און אַלט, מיט די חלפֿים אין די הענט, צוויי טויזנט מאַן שטאַרק, האָבן זיך אָנגעהויבן צו רוקן אַרום די פּאַליאַקן. און באַלד איז דער פּריץ מיט זײַנע סאָלדאַטן און די פּאַליאַקן מיט די ווײַבער און קינדער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער פֿעסטונג, געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון צערייצטן ייִדישן עולם. די עדה האָט זיך גערוקט נענטער און נענטער, אין אַ קרײַז אַרום זיי, אַרײַננעמענדיק די פּאַליאַקן אין מיטן אַרײַן. טייל פֿון די ייִדן זײַנען שוין צוגעלאָפֿן מיט די חלפֿים צו די גויִים, און נאָך אַ מאָמענט — און די שרעקלעכסטע שחיטה וואָלט געשען, וואָרעם די ייִדן זײַנען זייער פֿאַרביטערט געווען.

פּלוצעם האָט ווער גערופֿן צווישן עולם:

— ייִדן, בני ישׂראל, רחמנים בני רחמנים, וואָס טוט איר?

דער עולם האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט און פֿון זייער מיטן האָט זיך אַרויסגערוקט אַן אַלטער, מיט אַ ליכטיקער קליינער ווײַסער באָרד. ער איז געגאַנגען אין גאַנצן אָנגעטאָן אין ווײַסן און

מיט ביינערדיקע נאַקעטע הענט, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿון זײַן קיטל אַרויס, האָט ער צוריקגעהאַלטן דעם צערייצטן עולם:

— ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס! — האָט דער אַלטער געשריגן — זײַנען דאָס רחמנים בני רחמנים? ווי פֿאַרגעסט איר זיך אַ מינוט פֿאַרן טויט, איידער דער גרויסער נסיון קומט!

דער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר דער אַלטער ווײַסער באָרד מיט די נאַקעטע הענט און גרויסן קיטל. און אַז מענדל האָט אים געקוקט אין פּנים אַרײַן, האָט אים אַ שרעק אַרומגענומען: דאָס הייליקע שנײַדערל!

— ישׂראל ערבֿין זה בזה! — האָט דער אַלטער מאַן אָנגעהויבן צו רופֿן מיט זײַן קול, — אַז איר וועט די גוייִם אויסהרגענען, וועלן זיי נקמה נעמען אין ייִדן אין אַנדערע שטעט. ייִדן טאָרן נישט האָבן קיין כּעס, מיר טאָרן נישט נעמען קיין נקמה! נאָר דער רבונו־של־עולם אַליין, ער וועט נעמען פֿאַר אונדז נקמה! באַהאַלט אײַער גבֿורה פֿאַר דער ריכטיקער מינוט, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען, פֿאַר קידוש־השם, פֿאַר דער אמונה און פֿאַר דער תּורה!

— זיי האָבן אונדז צו די קאָזאַקן פֿאַרקויפֿט! זיי וועלן אונדז אומברענגען ווי אין נעמיראָוו! — האָט ווער געשריגן פֿון עולם.

— און וואָס זײַט איר מער פֿון די נעמיראָווער ייִדן? זיי האָבן געמעגט שטאַרבן אויף קידוש־השם? דער רבונו־של־עולם וויל אונדזערע נשמות. וועלן מיר זיי אים געבן בשׂמחה ובששון, וידינו תּהיינה נקיות. מיר וועלן נישט זײַן ווי די גוייִם. זיי האָבן אונדז פֿאַרקויפֿט. זאָל גאָטס כּעס פֿאַר דעם ייִדישן בלוט, וואָס גיסט זיך ווי וואַסער, פֿאַלן אויף זייערע קעפּ. מיר וועלן נישט נקמה נעמען, מיר וועלן נישט פֿאַרשוועכן דעם קידוש־השם, וואָס גאָט וויל פֿון אונדז, מיט נקמה. מיר מוזן זען און שווײַגן — אַזוי איז דער רצון פֿון גאָט. ייִדן, גיט־אָפּ די כּלי־זיין. אַז דער רבונו־של־עולם וויל אונדז העלפֿן, באַדאַרף מען דען די כּלי־זיין, די שטיקלעך האָלץ און אײַזן? דער כּל־יכול, דער וואָס הימל און ערד איז אין זײַן האַנט, באַדאַרף דען האָבן די מענטשלעכע כּלי־זיין אונדז צו העלפֿן? דאָס איז אַ הילף

פֿאַר גויִם. דאָס איז זייער גבֿורה. אונדזער גבֿורה איז גאָט און פֿאַר אים באַהאַלט אַלע כּוחות, פֿאַר דער אמונה און פֿאַר דער תּורה, ווען דער גרויסער נסיון וועט קומען!

באַלד איז איינער פֿון עולם אַרויס, צוגעגאַנגען צום פּוילישן פּריץ, וואָס איז געשטאַנען מיט זײַנע פּאַליאַקן און געטרייסלט זיך פֿון שרעק פֿאַר דער גרויסער אומפֿאַרשטענדעניש, וואָס עס טוט זיך פֿאַר זײַנע אויגן, און געוואָרפֿן די כּלי־זיין צו די פֿיס פֿון פּריץ. און איינער נאָכן אַנדערן זײַנען זיי צו צום פּריץ און צו זײַנע פֿיס גע־וואָרפֿן די מענטשלעכע כּלי־זיין. און אויף זייערע פּנימער האָט גע־שײַנט דער שמייכל פֿון גליק. און זייערע אויגן זײַנען געווען באַ־גלאַנצט מיט אַ הייליקן גלאַנץ און מיט אַ באַהאַלטן אינעווייניקסט גליק, וואָס האָט באַהעלט זייערע פּנימער. זיי האָבן געוואָרפֿן דאָס געווער צו דעם פּריצס פֿיס, נישט אויפֿהייבנדיק דעם קאָפּ און נישט שענקענדיק אים קיין בליק, ווײַל זיי זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט זיי־ער אינעווייניקסטן גליק און מבֿטל געווען דעם פּריץ.

דער פּריץ האָט אַ באַפֿעל געגעבן און די פּאַליאַקן האָבן גע־עפֿנט די בראַם [1]. די ייִדן האָבן זיי שוין קיין וואָרט נישט געזאָגט. און באַלד האָבן זיי די פּוילישע זעלנערס אַרומגערינגלט און געהייסן זיי גיין. די ייִדן האָבן זיך געלאָזט גיין. רבנים אין טליתים זײַנען געגאַנגען פֿאָרויס און די ייִדן נאָך זיי. און באַלד האָט דער גאַנצער עולם, מענער, ווײַבער און קינדער אָנגעהויבן צו זינגען נאָך די חזנים מיט אַ פֿריילעך קול:

לדוד — יי אורי וישעי — ממי אירא?
יי מעוז חיי — ממי אפחד [2]?

און מיט געזאַנג זײַנען זיי געגאַנגען אַנטקעגן דעם טויט.

---

[1] טויער. — [2] (תהילים כז, א׳) פֿון דודן. גאָט איז מײַן ליכט און מײַן הילף. פֿאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן? (יהואש).

אין סאַד

אין סאַד, בײַ יערעמס מוטער, האָט אַ גאַנצן טאָג געשמעקט מיט האָניק. די בינען זײַנען אַרײַן־און־אַרויס פֿון די בינשטאָקן, וואָס זײַנען געווען אין אויסגעהוילטע ביימער און האָבן זיך געראַיעט אַרום די אָנגעהיצטע ווײַסע האָניק־בלימלעך, מיט וועלכע די גאַנ־צע לאָנקע פֿון גאָרטן איז געווען באַשאָטן. די ביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער די שווער באַלאָדענע צווײַגן מיט פֿאַרטיקע פֿלוי־מען, וואָס זײַנען געפֿאַלן פֿון די ביימער. קיינער האָט זיי ניט אויפֿ־געקליבן און זיי האָבן געפֿוילט אין גראָז, פֿאַרשפּרייטנדיק דעם גע־שמאַק פֿון פֿוילנדיק אויבס. אין סאַד האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ צוויי־דרײַ פֿויערישע שעפּסן, שוואַרצוואָליקע, מיט פֿויערישע קעפּלעך, וואָס האָבן זיך געלאַנגווײַליקט גריזשענדיק דאָס גראָז און פֿאַר לאַנגווײַליקייט האָבן זיי זיך איינס דאָס אַנדערע געלעקט מיט די צונגען. אַ שאַר [3] קאַטשקעלעך זײַנען אָנגעקומען צו גייך אין אַ סטאַ־דע, ווי אַ דעפּוטאַציע פֿון בכבֿודע באַלעבאָסטעס מיט אַ וויכטיקער שליחות; זיי האָבן זיך געוויגט מיט זייערע פֿעטע לײַבער אויף די קורצע פֿיסלעך. אַ גאַנדז האָט פֿון דער העלער הויט געגעבן אַ פֿלי־אַרײַן מיט צעפּלאַשעטע פֿליגל, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרעם זיך געלאָזט פֿאָרויס, נאָר אַנטרעפֿנדיק פּלוצעם דעם הונט בוגאַ, וואָס זי האָט אויפֿגעוועקט פֿון זײַן שלאָף, האָט זי זיך אָפּגעטרייסלט אַ דערשראָקענע און, וועלנדיק אויסמײַדן אומאײַנגענעמלעכקייטן, האָט זי זיך אָפּגעטראָגן אין אַ זײַט, אַראָפּגעלאָזט די פֿליגל און באַרויִקט זיך.

אין סאַד, צווישן די שעפּסן, קאַטשקעס, געגנדז און אַנדערע שטוביקע עופֿות און חיות, האָט זיך אַרומגעדרייט דבֿורה. אויף אי־רע פֿיסלעך האָט זי געטראָגן קלימפּערלעך, וואָס יערעמס האָט איר אָנגעטאָן, כּדי זי זאָל ניט קענען אַנטלויפֿן, און ער זאָל שטענדיק

---

[3] אַ מחנה אין אַ קרײַז, ווי אין אַ ראָד.

הערן אירע טריט. און זי האָט שוין געטראָגן אַ קאַזאַקישן שלייער אויפֿן קאָפּ אַנשטאָט איר היבל, וואָס האָט איר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים. זי איז געגאַנגען איבער דעם גאָרטן טרויעריק און די גלעקלעך האָבן צוגעקלונגען צו אירע טרויעריקע טריט. און אַזוי איז זי צוגעקומען צום וואַסער, וואָס איז געפֿלאָסן הינטער דעם סאָד, און אַוועקגעזעצט זיך ביים באָרטן פֿון טייך און געקוקט אין וואַסער אַריין.

אָבער יערעם איז נאָכגעגאַנגען. ער האָט געהיט אירע טריט און איז לאַנגזאַם צוגעקומען צום וואַסער און נעבן איר זיך אַוועקגעזעצט.

— פֿאַר וואָס ביסטו נאָך אַזוי טרויעריק, דו, שיינע יידישקע? דיינע קענסטו נאָך אַלץ ניט פֿאַרגעסן. כּישוף האָסטו מיר געטאָן און מיין האַרץ האָסטו מיר פֿאַרסמט. ווי צו מיר, וואָס וועל איך טאָן? וואָס וועל איך טאָן?

— זיי שטיל, יערעם. דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט, אַז ביז צו דער חתונה וועסטו מיך ניט פּייניקן, אַז דו וועסט מיך לאָזן באַקלאָגן די מיינע.

— אוי, וואָר איז עס, וואָר. איך האָב דיר צוגעזאָגט. אָבער איך קוק אויף דיר. און אונדזער ברויט ווילסטו ניט עסן. פֿאַרשעמסט נאָך אונדזער מאַלצייט, נאָר וואָס די ניאַניע ברענגט דיר, אויבס און גרינס. און דו ביסט דאָך שוין אַ כּלה מיינע.

— די טויטע האָב איך צוגעזאָגט, יערעם, אָפּהיטן זייער געזעץ, ביז איך וועל ניט אַוועקגיין פֿון זיי. אָ, לאָז מיך, יערעם, מיין געזעץ אָפּהיטן. דו ביסט דאָך אַ גוטער און דו האָסט דאָך מיך ליב.

— יאָ, ליב האָב איך דיך, ליב, דבֿורה. איך וועל פֿאַר דיר יונגערהייט פֿון דער וועלט אַוועקגיין. איך וועל פֿאַר דיר אַ פֿאַרברעכן באַגיין. אַ ברודער אַן אייגענעם קען איך הרגענען פֿאַר דיר. זאָג, איך וועל מיט דיר אין עק וועלט גיין. אויף אַן אינדזל, אַן איינזאַמען, זיך באַזעצן. אַ וואַסערל, אַ קליינס, וועט פֿאַר אונדזער הייזל פֿליסן און רויטער מאָן וועט פֿאַר אונדזער פֿענצטער בליען.

און איך וועל זײַן דער פֿויער און דו וועסט זײַן מײַן קעניגין. אוי, דו, קעניגין, דו מײַנע, דו מלאכל, דו מײַנס, דו ריינע טויב! וואָס איז דאָס אין דיר? דײַנע אויגן, דײַנע טויבנדיקע, צעברעכן מיר דאָס האַרץ און איך וואָלט געשטאָרבן דאָ אויפֿן אָרט!... — האָט דער שייגעץ זיך אַראָפּגעבויגן פֿאַר איר און זײַן פּנים אין זײַנע הענט אײַנגעבראָכן און האָט זיך פּלוצעם צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

— שטיל דיך אײַן, יערעם. דו ביסט גוט און איך האָב דיך ליב. אַ האַרץ האָסטו אַ גוטס. שטיל דיך אײַן, יערעם... — האָט זי געגלעט מיט אירע הענט זײַנע האָר ווי אַ האַרינטע אַ הונט.

— אַ, דו, ווײַס שעפּסעלע מײַנס! אַ, דו, טויב מײַנע! דו יונג, אומשולדיק קאַלב מײַנס. וואָס פּײַניקסטו מיך אַזוי, מײַן ליבע? וואָס צופּסטו מײַן האַרץ אויס? אַ, מאַך שוין באַלד אַן ענד צו מײַן לעבן!

— אַ, לעבן וועסטו, יערעם. דו ביסט יונג און שטאַרק, און דו ביסט גוט.

— אָבער וואָס טויג מיר שוין מײַן לעבן, אַז איך ווייס ניט, ווען דו וועסט מײַנע זײַן? טאָג אויף טאָג לייגסטו אָפּ. און די ליבע נאָגט מײַן האַרץ ווי אַ וואָרעם אַ בוים. און איך טריקן־אײַן. זאָג מיר, דו, מלאך, ווו וועל איך מײַן הויז שטעלן? בײַ וועלכן וואַסער און אין וועלכן לאַנד?

— אַ, יערעם, דו וועסט ניט לאַנג דאַרפֿן וואַרטן, ניט לאַנג מער... — האָט זי געזאָגט מיט אַ טרויעריקייט.

— זאָג מיר, ווען?

— געזאָגט האָסטו און מיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט מיך ניט פּײַניקן, דו האָסט דאָך מיך ליב.

— שוין, איך שווײַג שוין. אַז דו ווילסט, זאָג; אַז דו ווילסט ניט, זאָג ניט. צי מײַן נשמה, צי מײַן האַרץ, זאָל עס נאָגן און נאָגן ביז איך וועל שטאַרבן! — האָט דער גוי אײַנגעגראָבן זײַן פּנים אין גראָז.

— שוין באַלד וועט קומען דער סוף. וואַרט נאָך אַ ביסל, יע־רעם. אָט, באַלד, אָט באַלד... — האָט זי אים באַרויִקט מיט איר

ווייכער קילער האַנט אויף זײַן קאָפּ און אירע ברענענדיקע אויגן האָבן ערגעץ־ווו געקוקט.

ער האָט זי אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ און נאָכגעגאַנגען איר פּוסטריט ווי אַ געטרײַער דינער. קאָזאַקן און פּויערים האָבן פון אים דאָס געלעכטער געמאַכט, געריייצט זיך מיט אים, וואָס ער האַלט זיך מיט דער ייִדישקע; און אַ געמורמל איז אַרומגעגאַנגען, אַז ניט אַנדערש, סײַדן די ייִדישקע האָט אים כּישוף אָנגעטאָן.

איין מאָל איז יערעם צוריקגעקומען פון שטאָט און דבֿורהן עפּעס מיטגעבראַכט:

— אַלע ייִדן און ליאַכן [4] אויסגעהרגעט אין טולטשין. קיין איי־נער איז ניט לעבן געבליבן.

— פון וואַנען ווייסטו, יערעם? — האָט אים דבֿורה געפרעגט.

— די פּויערים האָבן עס אין שטאָט דערציילט. אַ סך גוטס האָבן זיי אין שטאָט געבראַכט פון טולטשין, וואָס זיי האָבן פון די ייִדן צוגענומען. אָט האָב איך דיר אויך עפּעס געבראַכט, מײַן שיי־נע ייִדישקע. בײַ אַ פּויער אָפּגעקויפט, פאַר דיר. אַ פעלץ אים גע־געבן דערפאַר.

און יערעם האָט אַ פּאָר גאָלדענע שיכעלעך אַרויסגענומען פון אַ פּאַטשיילע און איר געגעבן.

— מע זאָגט, אַז אַזעלכע שיכעלעך קויפן די ייִדן זייערע כּלות. און די ייִדישקעס האָבן זיי זייער ליב צו טראָגן. האָב איך זיי דיר געקויפט, מײַן שיינע ייִדישקע.

דבֿורה האָט גענומען די שיכעלעך און זיי באַקוקט. זי האָט זיי דערקענט. דאָס זײַנען געווען די שיכעלעך, וואָס שלמה האָט איר מיטגעבראַכט פון לובלין, ווען ער איז אַהיים געקומען פון דער ישיבֿה.

— פון וואַנען האָסטו זיי? — האָט אים דבֿורה געפרעגט.

— פון אַ פּויער אָפּגעקויפט. ער האָט זיי בײַ אַ טויטן ייִדן

---

[4] פּאָליאַקן.

געפּונען, וואָס זיי האָבן אין טולטשין אויסגעהרגעט. ער האָט זיי צום האַרצן געהאַלטן צוגעדריקט.

— אַ יונגער געווען, דער ייִד, אָדער אַן אַלטער שוין? — האָט אים דבֿורה געפֿרעגט.

— איך ווייס ניט, מײַן שיינע ייִדישקע. דאָס האָט ער מיר ניט געזאָגט. נאָר פֿאַר וואָס ביסטו אַזוי בלייך געוואָרן, מײַן טײַבעלע?

— דערנאָך, דערנאָך וועל איך דיר זאָגן. ניאַניע, איך וויל צו דער ניאַניע!

— וואָס איז דיר? פֿאַר וואָס ביסטו אַזוי בלייך, מלאך דו מײַ־נער, טײַבעלע דו קליינס, וואָס? — איז דער גוי געשטאַנען פֿאַר־וווּנדערט.

— דערנאָך וועל איך דיר אַלץ זאָגן. אָ, יערעם, באַלד, אָט באַלד וועט מײַן חתונה זײַן. נאָר אויף די שיכעלעך האָב איך געוואַרט. איצט, אָט באַלד, וועט עס נעמען אַ סוף. ניאַניע!

— ניאַניע! — האָט יערעם אָנגעהויבן צו רופֿן. און זי האָט קוים צײַט געהאַט, די אַלטע ניאַניע, פֿון סאַד אַרויסצולויפֿן, ווי זי האָט די הינער געקאָרמעט, ווען דבֿורה איז אויף דער לאָנקע געפֿאַלן.

— וואָס איז מיט איר? — האָט דער גוי געפֿרעגט די ניאַניע.

די ניאַניע האָט דערזען די שיכעלעך אין דבֿורהס הענט און זי האָט אַ גרויס געשריי געגעבן:

— גאָט, האָב רחמנות! — און געכאַפּט דבֿורהן אין אירע אָרעמס.

יערעם איז געשטאַנען אַ פֿאַרווּנדערטער.

אין די גאָלדענע שיכעלעך

אין דעם זעלביקן אָוונט האָבן זיך די ווײַסע האָניק־בלימלעך צעוואָרעמט און דער האָניק־ריח איז געשטאַנען אין גאָרטן. אין דער לופֿט האָבן זיך אָנגעצונדן און זײַנען פֿאַרלאָשן געוואָרן גליִענדיקע

ווערעם, ווי נשמות בלאָנדזשענדיקע. ווײַט אין סטעפּ האָבן פֿײַער־לעך געבלאָנדזשעט, אָנגעצונדן זיך און זיך אויסגעלאָשן. יעדער רויטער מאָנקאָפּ האָט אויפֿגעפֿלאָקערט. די שטערן האָבן זיך גע־ריבן איינס אין אַנדערן און די לופֿט איז באַלויכטן געוואָרן מיט אויסטערליש ליכט, ווי זי וואָלט פֿול געווען מיט אומגעזעענע קער־פּערס, וואָס זײַנען געקומען אַרײַנצושווימען אין אונדזער אַטמאָס־פֿער פֿון אַ פֿרעמדער וועלט.

דבֿורה איז געשטאַנען אין דרויסן, אין סאַד, בײַם פֿלאַקער פֿײַער, וואָס יערעם האָט אָנגעצונדן. פֿון דער כאַלופּע[5] האָט זיך געהערט דאָס גרימפּלען פֿון אַ לירע, וואָס אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער אַלטער האָט געשפּילט און געזונגען אַ באַלאַדע פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע פּויערים. שיכּורע געשרייען, וויינען און לאַכן האָבן זיך געהערט פֿון דער כאַ־לופּע. אין דער כאַלופּע איז געווען אָנגעוואָרפֿן דאָס גערויבטע ייִדי־שע האָב־און־גוטס, וואָס די גויִים האָבן מיטגעבראַכט פֿון טולטשין. זיי האָבן זיך צעטיילט מיט דעם ייִדישן גוטס און געטרונקען פֿון ייִדישן ווײַן. און דער אַלטער האָט פֿאַר זיי געשפּילט אויף דער לירע.

דבֿורה איז געשטאַנען בײַם פֿלאַם פֿײַער. די קלימפּערלעך אויף אירע פֿיס האָבן געקלונגען בײַ איר יעדער באַוועגונג. אירע אויגן זײַנען געווען געווענדט צום הימל, צו די שטערן. איר פֿיגור איז געווען ווי אַ יונגער בוים און זי האָט גערעדט, ווי זי וואָלט ווען געזען:

— באַלד קום איך צו דיר, מײַן מאַן, מײַן אויסדערוויילטער. איך זע דיך אין דעם ליכט. דו שטרעקסט־אויס די הענט צו מיר. נעם מיך צו דיר, מײַן מאַן, מײַן אויסדערוויילטער. איך בענק נאָך דיר.

זי האָט געזען אַ בלויען ליכטיקן ים. און באַשטערנטע שיפֿלעך שווימען־אַרום. אַלע שווימען־צו צו איין ברעג. דאָרט איז אַזוי ליכ־טיק. מען קען ניט אַרײַנקוקן אין דעם ליכט אַרײַן. ווי ליכטיק דאָרט

---

[5] פּויערישע הײַזקע.

איז! דאָרט איז דאָס איינציקע, דאָס אייביקע. גאָט איז דאָרט. און אַלע שווימען דאָרט אָפּ צום ליכטיקן ברעג. אויף יעדן שיפל געפינט זיך אַ יידישע משפחה. זי קען זיי אַלעמען, די וועלכע שווימען אויף די שיפלעך. און זי זוכט צווישן די שיפלעך. און אָט דערזעט זי אים. ער וואַרט מיט זיין שיפל אויף איר. און אַלע זיינען שוין אָפּגעשווומען. נאָר ער איינער אַליין וואַרט. אָט רופט זי אים:

— שלמה, שלמה, וואַרט אויף מיר! איך קום, איך קום, איך קום! — האָט זי אויסגעשטרעקט אירע יונגע הענט צום שיפל, אין הימל אַריין.

— וועמען זעסטו? צו וועמען רעדסטו? וואָס איז מיט דיר, שיינע יידישקע?

— ריר מיך ניט אָן. איך בין פייער, וועסטו דיך אָנצינדן אין מיר. דו זעסט, איך ברען. איך בין אַ ליכט, וועסט דיך אָפּבריען.

אירע אויגן האָבן געברענט און איר פּנים איז באַלויכטן געוואָרן פון דעם שימערדיקן ליכט פון די שטערן. און איר הויכע יונגע פיגור, און אירע לייכטע קאָלירטע שאַלן האָבן זיך ווי אָנגעצונדן אין די פלאַמען פון פייער. זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געברענט.

יערעם האָט געקוקט אויף דבורהן. ער האָט זי ניט דערקענט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זי ווו און ווען געזען, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל. און ער געדענקט ניט ווו ער האָט זי געזען. נאָר באַלד איז אים ווי אַ ליכט פאַר די אויגן אויפגעגאַנגען:

— איך קען דיך, איך ווייס ווער דו ביסט. איך ווייס, אַ, איך, זינדיקע נשמה, אָ, אָ! — און ער האָט זיך געגעבן אַ לאָז־אַראָפּ פאַר דבורהן אויף די קני און אָנגעהויבן צו בעטן, ווי מען בעט פאַר אַ הייליק בילד:

— אָ, גאָט, האָב רחמנות! — און איינגעגראָבן זיין פּנים אין זיינע הענט און אָנגעהויבן צו וויינען.

— איך ווייס. איצט ווייס איך. איך האָב דיך דערקענט. דו

ביסט אַ הייליקע, דו ביסט אַ געטלעכע. איך האָב דיך אין צערקווע[6] געזען, אויפֿן הייליקן בילד האָב איך דיך געזען. איך ווייס איצט, אַ, איך זינדיקער מענטש! דערבאַרעם דיך, דערבאַרעם דיך! — האָט דער גוי געשטאַמלט.

— האָב ניט קיין מורא, יערעם, דו ביסט אַ גוטער. דײַן האַרץ איז גוט, האָב ניט קיין מורא.

— אַ, איך זינדיקער מענטש, האָב רחמנות! — און דער שייגעץ האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אַנטלאָפֿן פֿאַר איר און מיט אַ גרויסן גוואַלד איז ער אין כאַלופּע אַרײַן צו די פּויערים:

— פּויערים, גאָט איז אין סאָד, ווי צו אונדז!

די פּויערים האָבן אָפּגערוקט דאָס טרינקען. די לירע איז פֿאַרשטומט געוואָרן. זיי זײַנען בלייך געוואָרן. און איינער האָט דעם אַנדערן געפֿרעגט:

— וואָס זאָגסטו?

אָבער יערעם האָט געוויינט און געשראָקן זיך ווי אַ קליין קינד, און געוויזן מיט דער האַנט אויפֿן סאָד.

— דאָרט, אין דרויסן.

די גוייִם זײַנען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט זײַן שרעק. מיט אימה האָבן זיי זיך צוגעגנבֿעט צו דער טיר פֿון דער כאַלופּע און אַרויסגעקוקט.

— ווו?

— דאָרט, בײַם פֿײַער. איר זעט ניט? קוקט, קוקט!

— דאָרט שטייט דײַן ידישקע, ניט גאָט.

— איך האָב זי דערקענט. פֿון הייליקן בילד איז זי אַראָפּגעקומען. דאָס איז גאָט!

— זי האָט דיך פֿאַרבלענדט. אַ כּישוף דיר אָנגעטאָן. זעסט ניט, דײַן ידישקע איז עס, ניט גאָט? זינדיק ניט!

[6] אָרטאָדאָקסישער קלויסטער.

— פּויערים, איך האָב זי דערקענט. געקוקט אַזוי אין איר פּנים און זי דערקענט. זי איז אַ הייליקע, פון הייליקן בילד אַראָפּגעקומען.

— זאָל זי באַווייזן, אַז זי איז גאָט.

— אַ וווּנדער!

— אַ וווּנדער זאָל זי באַווייזן, וועלן מיר גלייבן, אַז זי איז גאָט. אַניט, איז דײַן פֿאַרשאָלטענע ייִדישקע אַ כּישוף־מאַכערין. פֿאַר־ברענען דאַרף מען זי!

— דעם פויער כּישוף אָנגעטאָן. פֿאַרברענען דאַרף מען זי!

— פּויערים, שווײַגט. פֿאַרזינדיקט אײַך ניט! — האָט יערעם געררופֿן און, צוגייענדיק צו דבֿורהן, האָט ער געקניט פֿאַר איר פֿון דער ווײַטנס און געבוקט זיך פֿאַר איר, ווי פֿאַר אַ הייליק בילד.

— זאָג זיי, ווײַז זיי, אַז איך בין זיך ניט טועה. זאָלן זיי גלייבן אין גאָט. אָ, באַווײַז זיי, הייליקע, באַווײַז זיי, אַז דו ביסט גאָט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט דבֿורה געשוויגן. דערנאָך האָט זי געווענדט איר באַלויכטן פּנים צו יערעמען און זי האָט געזאָגט:

— רוף די ניאַניע, יערעם.

נאָר די ניאַניע איז שוין לאַנג געווען נעבן איר. זי איז געלעגן בײַ אירע פֿיס, אײַנגעוויקלט איר פּנים אין דבֿורהס קלייד און גע־וויינט.

— גיי, ניאַניע, ברענג מיר די גאָלדענע שיכעלעך... — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַניע אויף ייִדיש.

— אָ, קינד מײַנס, טײַבעלע מײַנס, איך וויל ניט. וואָס גייסטו טאָן?

— איך באַפֿעל דיר, ניאַניע: ברענג מיר די גאָלדענע שיכע־לעך!

די ניאַניע איז אַוועק און אַרויסגעבראַכט איר פֿון קאַמער די גאָלדענע שיכעלעך.

— וויין ניט, זײַ פֿריילעך. טו מיר אָן די שיכעלעך. אַזוי ווי דו פֿלעגסט מיך אָנטאָן, ווען איך בין אַ קליין קינד געווען. דו גע־

דענקסט? דו האָסט מיך אַרײַנגעשיקט צו אים, ווען ער איז אַ ייִנגל געווען, מיט אַ באַר און מיט אַן עפּל? — האָט זי געזאָגט צו דער ניאַניע אין דער שטיל.

— אָ, איך פֿאַרשטיי, איך פֿאַרשטיי. וואָס גייסטו טאָן?

— איך גיי דאָך צו אים. ער וואַרט דאָך דאָרט אויף מיר אין זײַן שיפֿל, אוועקצושווימען מיט מיר אין הימל אַרײַן... — און זי האָט אַרומגענומען די ניאַניע און זי געקושט.

די ניאַניע האָט זיך אָפּגערוקט פֿון איר. און דבֿורה, אָנגעטאָן אין די גאָלדענע שיכעלעך, האָט גערופֿן צו דעם דערציטערטן יערעם:

— יערעם, נעם דײַן ביקס און ציל אין מיר!

אַ שרעק איז אָנגעפֿאַלן אויף די פּויערים אַרום. זיי זײַנען אָנגעשטעקט געוואָרן פֿון דעם פּחד, וואָס איז באַפֿאַלן דעם שייגעץ. און דבֿורהס ווערטער האָבן זיי דערציטערט. טייל האָבן שוין אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז זיי זעען עפּעס אויסטערלישס. און איינער פֿון זיי האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געשטאַמלט:

— גאָט, דערבאַרעם דיך!

און יערעם האָט געציטערט פֿאַר שרעק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו טרייסלען בײַ אים די הענט און די פֿיס.

— ניין, ניין, איך וועל עס ניט טאָן, איך האָב מורא.

— האָב ניט קיין מורא, יערעם, גאָר ניט וועט מיר געשען. גאָר ניט קען מיר געשען. איך בין שוין ניט דאָ, איך בין שוין דאָרט, אויבן, אין הימל. איך האָב מיר אָנגעטאָן די גאָלדענע שיכעלעך, וואָס ער האָט מיר פֿון הימל אַראָפּגעשיקט, אַז איך זאָל קומען צו אים. גיי, יערעם, נעם די ביקס און ציל אין מײַן האַרץ.

אָבער דער פּויער האָט אַלץ געהאַלטן אין איין כליפּען, אין איין שרעקן זיך, און געשטאַמלט:

— ניין, ניין, איך האָב מורא. דערבאַרעם דיך.

— איך באַפֿעל דיר, יערעם. גיי און ברענג די ביקס. איך וועל שטיין דאָ נעבן פֿײַער, אַז דו זאָלסט זען ווו צו צילן. איך האָב

דאָך דיר געזאָגט, אַז גאָר נישט קען מיר געשען. איך באַפעל דיר. טו ווי איך האָב דיר געהייסן!

באַלויכטן אין פלאַם פון פייער, האָט זי אויסגעזען ווי אַ יונגער גאָט וואָס באַפעלט. און די שרעק פון גאָט איז באַפאַלן די פויערים. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני. איינער פון זיי האָט אָנגעהויבן זינגען און אַלע נאָך אים:

— „גאָט, דערבאַרעם דיך. גאָט, דערבאַרעם דיך".

איינער פון די פויערים האָט דערלאַנגט די ביקס דעם קניענדיקן יערעם. דבורה, אין די גאָלדענע שיכעלעך אָנגעטאָן, איז געשטאַנען באַלויכטן אין פייער.

— ציל, יערעם.

די פויערים זיינען פאַרשטומט געוואָרן. זיינען געבליבן קניענדיק אויף דער ערד.

עס האָט אַ קנאַל געגעבן. אַ קנויל רויך איז אויפגעשטיגן און באַלויכטן געוואָרן אין פלאַם פייער.

— ציל גוט, יערעם. זעסט, גאָר ניט קען מיר געשען!

יערעם האָט נאָך אַ מאָל אויסגעשאָסן. און ווידער האָט אַ קנויל רויך אין דער לופטן אויפגעשטיגן.

דבורה האָט אָנגעהויבן זיך צו וואַקלען און אַראָפּלאָזן זיך אויף די קני.

— זי פאַלט!

— בלוט!

— די פאַרשאָלטענע ידישקע! זי האָט אָפּגענאַרט! — האָבן די פויערים געשריגן, אויפהייבנדיק זיך פון קניען, און צוגעלאָפן צו דבורהן מיט די פויסטן — פאַרשאָלטענע ידישקע. אָפּגענאַרט!

נאָר יערעם האָט זי שוין באַשיצט. אין זיינע אָרעמס האָט ער געהאַלטן איר וואַקלדיקן קערפּער, פון וועלכן עס האָט געשטראָמט בלוט אין פלאַם פייער אַריין.

— פאַר וואָס האָסטו דאָס געטאָן, שיינע ידישקע? איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב געהאַט! — האָט ער געשטאַמלט.

— זײַ מוחל, יערעם, זײַ מוחל. איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך געשיקט צו אים. איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיך שיקן צו אים. דו ביסט אַ גוטער, יערעם.

— אין מײַנע הענט! עס איז מײַן קינד! — האָט די ניאַניע געשריגן און איז צוגעלאָפן, געכאַפּט דבֿורהן אין אירע הענט.

דבֿורה האָט דערזען דאָס באַשטערנטע שיפל. שלמה האָט איר די האַנט דערלאַנגט און איר געהאָלפן אַרײַנגיין אין שיפל.

— בלײַב געזונט, ניאַניע... — האָט דבֿורה געשטאַמלט.

— פאָר געזונט, מײַן קינד... — האָט איר די ניאַניע אָפּגעענטפערט אין ייִדיש.

און אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אַליין זײַן, האָט זי זיך אַוועקגערוקט פון יערעמען, אָפּגעווענדט זיך פון דער ניאַניע. זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויפן גראָז און די אַרומיקע פויערים האָבן געהערט פון אירע ליפּן דעם שפּראָך, וואָס זיי האָבן אַזוי פיל מאָל געהערט אין יענע טעג פון ייִדן:

— „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!"

און זי איז שטיל געוואָרן.

1919

ה. סעקלער

יזכור

א סצענע

הויפּמייסטער — יאָ, יאָ. איר ווילט וויסן, פאַר וואָס איך האָב אײַך ניט צוגעלאָזט צום פּירשט. האַ? גאָר פאַרגעסן. דער קאָפּ איז דערשלאָגן. אָ, גאָט מײַנער! נו, זאָג דעם אַלטן רבֿ, דעם הייליקן מאַן אײַערן, אַז איך האָב אײַך אַלעמען געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

רב — ווענען רבי מאָטל זאָגט־איבער אין אויער אַרײַן, וואָס דער הויפּמייסטער רעדט. אונדז? פון טויט?

הויפּמייסטער — זינט די פירשטין האָט זיך פאַרסמט דרייט ער זיך אַרום ווי משוגע. שוין דרײַ טעג און דרײַ נעכט ניט געשלאָפן און ניט געגעסן. אײַ, ווען איר זעט אים! ווילד, זאָג איך אײַך, ווילד ווי אַ וואָלף אין מיטן ווינטער. לויפט־אַרונטער אַלע מאָל צו לייבקען אין תּפיסה און שרײַט: „ניט געוואָלט מײַן עלענאַ אויף דער וועלט, וועל איך דיך שיקן מיט איר אויף יענער וועלט. מיט איר אַ לעבעדיקן באַגראָבן!”... און ער שרײַט און שרײַט אַזוי לאַנג ביז ער פאַלט־אַוועק פון רציחה מיט שוים אויף די ליפּן. איך האָב געמיינט, אַז אַ טאָג־צוויי און דער כעס וועט אים איבערגיין. ווייס איך וואָס! עס ווערט ערגער. הײַנט אין דער פרי בין איך צו אים אַרײַנגעגאַנגען. איך זאָג אים: גנעדיקער פירשט, אַ גאָטזאַך איז אַ גאָטזאַך. וואָס איז דאָ צו ריידן? טוט ער אַ געשריי: „וואָס זשע רעדסטו? וואָס ווילסטו?”... זאָג איך: „נו, פון טויט לעבעדיק קען קיינער ניט מאַכן, נאָר גאָט אַליין. אָבער פון לעבעדיק טויט — זעט איר, דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך. דאָס קען אַ מענטש אויך. נאָר וואָס דען? אַ מענטש מוז האָבן רחמנות. דערצו נאָך, זאָג איך, וועלן דײַנע ייִדן, דײַנע אייגענע טרײַע ייִדן, געבן טויזנט רענדלעך ריין גאָלד, אויב — — —” נאָר ער לאָזט מיר אַפילו ניט אויסריידן. „וואָס?” — שרײַט ער אַזוי ווי איך וואָלט אים געקוילעט — וואָס? עלענאַס טויטן קערפּער גייט מען באַלד פירן אין קבֿר אַרײַן און זיי ווילן זי בײַ מיר אָפּקויפן פאַר טויזנט רענדלעך?”... און ער האָט זיך צו מיר אַ לאָז געטאָן מיט דער בײַטש נאָר מיך צו צעקאָטעווען. איך בין געשטאַנען רויק און ער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן: „הער־אויס! אויב אַ ייִד וועט זיך אונטערשטעלן הײַנט צו קומען אין שלאָס אָדער אַפילו צו ווײַזן זײַן פּרצוף אין גאַס, וועל איך אים צעשנײַדן אויף שטיקלעך און אים וואַרפן פאַר די חזירים. איך וויל ניט זען אַ ייִדן פאַר די אויגן ביז איך וועל זיי ביידע ניט באַגראָבן. פאַרקויפן די נקמה פאַר עלענאַס שרעקלעכן

טויט פֿאַר טויזנט רענדלעך? האַ? וואָס וואָלט מײַן עלענאַ געזאָגט דערצו? האַ?״... און ער האָט מיך אָנגענומען בײַם קאַרק און מיך אַרויסגעוואָרפֿן. אָט אַזוי! נו, וואָס זשע האָב איך געקענט טאָן? און ווען איך האָב אײַך דערזען בײַם טויער, האָט מיט מיר אָנגעהויבן וואָרפֿן הענט־און־פֿיס. איין אומגליק, קלער איך מיר, איז ווייניק, אָט האָסטו דיר נאָך... נו, זײַנען מיר אַלע געלאָפֿן און, גאָט זײַ דאַנק, מיר זײַנען דערלאָפֿן.

זימל — איך פֿאַרשטיי נאָך אַלץ ניט, הער אויפֿמײַסטער. ער רעכנט טאַקע צו באַגראָבן אַ מענטשן לעבעדיקערהייט? שרײַט. לע־בעדיקערהייט?

שטימען פון די אַרומיקע — טאַקע באַגראָבן לעבעדיקער־הייט? לעבעדיקערהייט?

הויפמייסטער — אײַ, ברידערלעך, ברידערלעך, וואָס קענט איר טאָן? וואָס קען איך טאָן? איך האָב זיך הײַנט פֿאַר טאָג געזען מיט לייבקען אַליין. איך האָב אים דערלאַנגט מײַן מעסער און אים געזאָגט: „לייבקע, טאָמער געלינגט ניט מיט די טויזנט רענדלעך און די ביטערע שעה קומט, איז אידער ווער־וואָס־ווען, ווייסטו וואָס דו האָסט צו טאָן. בעסער ווי לעבעדיקערהייט אין קבֿר אַרײַן. האָט ער ניט געוואָלט. ניין, ניט געוואָלט. ער האָט געזאָגט, אַז אײַער רעלי־גיע לאָזט ניט. אַזוי צי אַזוי, האָט ער געזאָגט, איז אים קיין חילוק ניט.

זימל — הייסט עס, אַז ער ווייסט אויך, אַז מ׳גייט אים אַרײַנ־לייגן אַ לעבעדיקן אין קבֿר אַרײַן! ער ווייסט און גאָר ניט! שרײַט. לעבעדיקערהייט!

שטימען — לעבעדיקערהייט! לעבעדיקערהייט! לעבעדיקער־הייט!

רב — גאָט וועט אים בײַשטיין.

הויפמייסטער — ער האָט מיר אָנגעזאָגט אײַך עפּעס צו זאָגן, אָט טאַקע דעם אַלטן רבֿ דאָ. ער האָט געזאָגט, אַז ער שטאַרבט

אָן קינדער. זאָל מען זען, אַז מען זאָל נאָך אים זאָגן אַ געבעט, אַ...
איך קען ניט נאָכזאָגן... אַ...

רבי מאָטל — מסתּמא אַ קדיש.

הויפּמייסטער — יאָ, יאָ, דאָס איז דאָס וואָרט. נאָר ניט בלויז אויף איין מאָל, נאָר מ'זאָל פֿאַרשרײַבן אויף אַלע יאָרן דעם טאָג וואָס ער איז געשטאָר... איך מיין... אוי, גאָט מײַנער... צעוויינט זיך. איך מיין דעם טאָג.

רב — זאָגט אים, אַז טאָמער זעט ער נאָך לייבקען אַ לעבעדיקן, זאָל ער אים זאָגן, אַז ניט נאָר מיר, נאָר אַלע אונדזערע דורות נאָך אונדז וועלן וויסן, אַז צווישן אונדז האָט געלעבט אַ גרויסער קדוש...

פֿון דרויסן הערט זיך פּלוצלינג דער קלאַנג פֿון קירכן־גלאָקן. אַלע ווערן פֿאַרשטומט.

הויפּמייסטער — אָט קומט די פּראָצעסיע פֿון שלאָס. איך מוז גיין, ברידערלעך. נאָר איך בעט אײַך, ווי גאָט איז אײַך ליב, גייט ניט אַרויס פֿון דאַנען. זאָל ניט קלעפּן נאָך אומזיסטיק בלוט אויף אונדזערע הענט. אָפּ.

לאַנגזאַם, ווי געצויגענע פֿון אַ באַהאַלטענער האַנט, רוקן זיך אַלע צו נענטער צו דעם פֿענצטער. די גלאָקן קלינגען, עס הערט זיך דאָס זינגען פֿון גלחים. אויף דער בינע איז אַלץ שטום.

לאַנגער שמש — טוט פּלוצלינג אַ געשריי מיט אַן אומהיימ־לעך קול. אָט איז לייבקע!

זימל — ווי פֿריִער. אויף אַ קייט!

רבי מאָטל — ווי פֿריִער. אַ באַרוועסער!

קריינדל — מיט דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן און דאָס גוטסקייט פֿון דער וועלט אין זײַנע אויגן. לייבקע, נעם מיך מיט דיר! פֿאַלט מיטן קאָפּ צו דער וואַנט.

רב — אין עקסטאַז. לייבקע, לייבקע! איך בין דיך מקנא! גייט־

צו שנעל צום טיש, זעצט זיך, טונקט־איַין די וויַיס־געגנדזענע פעדער אין טינט און הייבט־אָן שריַיבן אין דעם אָפענעם פנקס. טאַבלאָ.

די בינע ווערט טונקעלער. דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם. עס הערט זיך נאָך אַלץ דאָס קלינגען פון די קלויסטער־גלאָקן, שטילע מוזיק, און דער פאָרהאַנג גייט נאָך אַ מאָל אויף. די סצענע איז דאָס וועלדל אויף דעם שפּיץ באַרג. די גרופּע איז די זעלבע ווי צום שלוס פון פּראָלאָג. אַ שטאַרק ליכט שיַינט פון די פענצטערלעך פון אוהל.

ערשטער זקן — לייענט נאָך אַלץ אין פנקס. — — און אַט די צען, וועמעס נעמען עס וועלן דאָ אויף אייביק פאַרשריבן, האָבן אויף דער דריטער נאַכט אים אויסגעגראָבן, אים מטהר געווען, אים אָנגעטאָן תכריכים און געמאַכט אַ שטיינערנע מחיצה צווישן אים און דעם גוף פון דער פאַרסמטער פירשטין. און וויַיל זיי האָבן דאָס געטאָן בײַ נאַכט אין דער פינצטער, האָט מען זיי גערופן „דאָס שוואַרצע מנין". און שפּעטער מיט יאָרן האָט אַ גוטער פירשט גע־לאָזט אויסגראָבן די ביינער פון דער פאַרסמטער פירשטין און זיי אַריבערגעפירט אין אַ ניַיער צערקווע, וואָס ער האָט אייגנס געלאָזט אויסבויען. ערשט דענסטמאָל האָט די קהילה קדושה געלאָזט אויפ־שטעלן אַ בית, וואָס זאָל זיַין אַ ציון אויף דעם קבר פון דעם יונגן קדוש און זאָל בליַיבן לזכר עולם. זיַין זכות זאָל אונדז בײַשטיין, אונדז און אונדזערע קינדער און אונדזערע קינדסקינדער, אָמן סלה. הייבט־אויף די אויגן פון פנקס און קוקט זיך לאַנגזאַם אַרום.

צווייטער זקן — צום קליינעם יינגעלע אויף זיַין שויס. האָס־טו געהערט?

קליין יינגעלע — הוידעט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

ערשטער זקן — און וועסט קיין מאָל ניט פאַרגעסן?

קליין יינגעלע — איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן.

ערשטער זקן — אַ פאַרטראַכטער. ער וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן — ניט ער און ניט זיַינע קינדער און ניט זיַינע קינדסקינ־דער אויף אייביק, און אייביק. נו, קדיש!

צווייטער זקן — הייבט זיך אויף און פירט־צו דאָס קליינע יינגעלע צו דער מצבֿה. זאָג קדיש!

קליין יינגעלע — יתגדל... ויתקדש... שמיה... רבא... בעלמא... די־ברא...

דאָס קול פון יינגעלע הערט זיך נאָך אייניקע סעקונדעס, בעת די בינע ווערט פינצטער און דאָס בילד פאַרשווינדט.

פאָרהאַנג

ה. רויזנבלאַט

אויף טאָרקוועמאַדאָס רוף

„שפאַניע עפנט אירע טויערן
פאַרן ידישן פאָלק". — 1915.

שווייג שטיל... און הער: אויף יענער זייט די גרויע מויערן —
דאָרט רעשט, עס קלינגען שליסלען און אָט עפנט ווער די טויערן.
האָ? — טאָרקוועמאַדאָ, ביידע הענט ביים מויל, צערייסט די לופט
מיט קולות גרילציקע. דו הערסט? ער רופט, ער רופט:
— אַברבנאל? אַברבנאל!
קום זע, איך האָב דיין וועג מיט ווייסע רויזן אויסגעשפּרייט
און אונטער סאַמעט־חופּות — קרוין און סצעפּטער ליגן אָנגעגרייט
פאַר דיר, פאַר דיר, אַברבנאל!

— די שענסטע טעכטער מיינע ציטערן אין גליענדן פאַרלאַנג,
צו זען דיך בלויז;
באַגעגענען דיך מיט יובלטענץ און פריידגעזאַנג.
און זע מיין רייכן טיש, לכבוד דיר אַליין, געדעקט;

באַלאָדן שווער, מיט פֿרישן האָניק און מיט אַלטן ווײַן,
און פֿון געווירצן אַלערליי, מײַן זיסע לופֿט די וועלט פֿאַרשמעקט.
טאָ קום זשע, קום, אַברבנל, צו מיר אַרײַן.

דו שווײַגסט ? ! און דײַנע אויגן קוקן ווילד, משונה גרויס.
און ווי אַ בליץ, פֿון אויס דער כמאַרע, שלאָגט פֿון זיי דײַן חשד אַרויס,
דו קוקסט אויף מײַנע הענט, זיי זײַנען שאַרלעך רויט.
דאָס איז, אַברבנל, פֿון רויטן זונען־אויפֿגאַנג בלויז.
דען זע, דורכזיכטיק איז בײַ מיר מײַן ברוינע הויט
און צאַרטער פֿון דעם בלעטל פֿון אַ יונגער גאָרטנרויז.

מײַן שוואַרצן פֿריסטעררויק באַקוקסטו מיט פֿאַרדאַכט ? !
אומזיסט דײַן חשד, איך האָב פֿאַרגעסן זיך, פֿאַרגעסן בלויז
אים אויסצוטרייסלען, נאָך דער שוואַרצער, לאַנגער נאַכט.
און דאָ און דאָרטן אין אַ פֿאַלד, אַ שאָטן ליגט פֿאַרשטעקט ;
אַ שאָטן פֿון דער נאַכט. און האָט זיך איצט אַנטפּלעקט
און קוקט פֿון מײַנע פֿאַלעס שוואַרץ אַרויס.
אָט זע, איך טרייסל באַלד מײַן מאַנטל אויס.
די שוואַרצע נאַכט, די שאָטנס און דעם שטויב,
און ווערן וועט ער ווײַס, ווי ווײַסער פּוך,
וואָס פֿאַלט־אַרונטער פֿון דער יונגער טירקלטויב.

— טאָ קום, אַברבנל, וואָס האַלט דיך איצטער נאָך צוריק ?
דיך שרעקט מײַן קול, מײַן גרילציק קול ?
דאָס קלינגט מײַן שטים אַזוי פֿון צו פֿיל פֿרייד און גליק...

*

שפּײַ־אויס דרײַ מאָל, און קום און קום־אַוועק !
אַיעדער וואָרט, וואָס פֿאַלט בײַ אים פֿון ליפּ אַראָפּ,
אויף דײַן נשמה פֿאַלט, ווי ס׳פֿאַלט אויף פֿרישן שניי
אַ שוואַרצער, שוואַרצער פֿלעק.

אויף זײַנע הענט ניט קוק. זיי זײַנען רויט פֿון בלוט,
און רויטער נאָך, אַצינד אין גאָטס געבענטשטן זונענגלוט.
זײַן פֿריסטערראָק, ניט פֿון דער שיינער נאַכט איז שוואַרץ:
דער אַש פֿון הונדערט שײַטער־הויפֿנס ליגט אויף אים
און אין די פֿאַלדן זײַנע לאָקערן די שאָטנס פֿון זײַן האַרץ...

קום בעסער, קום מיט מיר אַהין, ווו ס׳ברויזט דער ווילדער ים,
צי דאָרט, אַהין, ווו ס׳וואַרפֿט דער פֿײַערבאַרג זײַן לאַווע פֿלאַם.
עס רעדט דער ווילדער ים און זאָגט דעם אמת דיר אַרויס.
דער פֿײַערבאַרג מאַכט־אויף זײַן האַרץ
און גיסט פֿאַר דיר זײַן הייסע לאַווע אויס.
דאָרט קלינגט דער ריינער אמת פֿרײַ און אומגעשטערט,
דאָס קלאָרע אויג דײַנס זעט, דײַן אָפֿן אויער הערט.
און גיין אַהין האָט גאָט דיר ניט פֿאַרווערט.

נאָר ניט אויף יענעם וועג, צו יענע גרויע מויערן,
די שפּורן פֿון מײַן פֿוס אויף יענעם וועג ניט זוך!
פֿאַרשלאָסן האָב איך הינטער זיך די טויערן
און יעדן שלאָס פֿאַרזיגלט מיט אַ פֿלוך.

3

פראצעסיעס מיט רציחות

מנחם באַרײשאַ

פֿון דער עפּאָפּײ

דער גײער

לױפֿער און גײער

טרעפֿט אַ ייִד אַ ייִדן:
— שױן אַ מעשׂה, זאָגט מען, װידער!
ענטפֿערט־אָפּ אַ חושכדיקער ייִד:
— שױן װידער
— װוּ איז דאָס געשען?
— אומעטום.
— װאָס הײסט?
חושכט־אָפּ דער חושכדיקער ייִד:
— נישט אַ שײגעץ אַ געקױלעטן
פֿון אַ הינטערגעסל,
נישט אַ שיקסע פֿון אַ דאָרף
װי אין אַ פּראָסטן יאָר —
הײַנט האָט מען אונדז ערבֿ־פּסח
צו דער שװעל געבראַכט צו שלעפּן
אַ דערהרגעטן — אַ קײסער.

*

פֿון אײנעם אַ װאַלד איז אַנטרונען אַ ייִד.
אין אײנעם אַ װאַלד האָט אַ פּריצישער ממזר
געקנאָטן די בײַסיקע פֿױסט מיט אַ שבֿועה,

אַז ער וועט אים נאָך פּאַקן, דעם אַנטרונענעם ייִד.
נאָר אונטערן קרעפּ אויפֿן קייסערס פּאָרטרעט,
אין פֿירשטלעכע זאַלן און מיניסטאָרישע קאַנצעלאַריעס,
ביי קאָרטן און ווײַנטישן אין אַפּיצערישע קלובן,
ביי שרײַבטישן אין רעדאַקציעס פֿון צײַטונגען —
אומעטום האָט געווימלט מיט קרובֿים און לײַבלעכע
פֿון פּריצישן ממזר אין וואַלד, און זיי, ווילגעלערנטע,
האָבן יאָ שוין געוווסט ווי צו פּאַקן דעם ייִד.

ס׳האָט פֿרילינג אַ שײַן געטאָן. ערד פֿון אוקראַינע
האָט אָפּגעטאַיעט [1] פֿון שנייען און גליווער
און דעמפּיק געאָטעמט מיט ריחות־טומאַנען
פֿון אירע פֿאַרדרעמלטע זאַפֿטן. און אַז ס׳איז דערגאַנגען
צו איניקלעך פֿון הײַדאַמאַקעס אַ שיפּעדיק וואָרט:
— דער ייִד! — האָבן נאָזלעכער פֿלאַטערדיקע דערשפּירט
אין צעוואָרעמטע ריחות פֿון הײמישער ערד אויך דעם ריח
פֿון ייִדישן בלוט, האָבן איניקלעך פֿון הײַדאַמאַקעס
זיך זאַמלען גענומען מיט דרענגער און מעסערס,
מיט לאָמען און העק און פֿון שטאָט צו שטעטל אַוועק:
— אונדזער ערד וויל פֿון ייִדנס געשעפּטן און הײַזער
און פֿון אָדערן זײַנע איר שפּע צוריק.

האָט דער ייִד, וואָס אַנטרונען פֿון וואַלד, צווישן שחרית
און מוסף דערהערט אין בית־מדרש די בשורה
און ס׳האָט זיך פֿון זײַנע ליפּן אַרויסגעריסן אַ זאָג:
— דער וואַלד גייט... דערנאָך האָט דער חזן
געזאָגט: ומפּני חטאינו — און איבער דער פּלייצע
האָט זיך דער פּריצישער ממזר געבויגן: — דו זעסט?
דו ביסט נישט אַנטרונען! דאָס בלוט פֿון מײַן טאַטן

---

[1] אָפּגעגאַנגען, זיך צעלאָזן.

אין מירמל־פּאַלאַצן און ס׳בלוט פֿון מײַן מאַמען
אין לײמענע כאַטעס — עס וועט זיך צוזאַמען
אַ לאָז טאָן אויף דיר, און דײַן חבֿר, דער הײדאַמאַק,
אַן אָפּגעגנאַרטער פֿון דיר, איז בײַ מיר אין רשות.
ער אויך גײט אויף דיר און עס וועט דיך נישט מײַדן...

*

מיטוואָך האָט מען פּאָגראָמירט יעליסאַװעטגראַד
און פֿרײַטיק — גאַלטע.
און צווישן מיטוואָך מיטן פֿרײַטיק איז געווען אַ דאָנערשטיק,
און דאָנערשטיק האָט מען אין פּעטערבורג
פֿיר מענער און אַ פֿרוי
פֿאַר אויפֿרײַסן דעם קייסער אין זײַן קאָטש
געהאָנגען.

זײַנען דער מיטוואָך מיטן פֿרײַטיק,
צוויי כוליגאַנעס שיכורע,
מיט פּלאָנטערדיקע טריט געשפּרונגען איבער גאַסן,
פֿאַרקוקט אין פֿנימער און פֿענצטער ייִדישע
און גאַװערדיק געשריִען:
— בעי זשידאָוו [2]!
און דאָנערשטיק אַ שוואַרצער אָבֿל
מיט אַ שבֿועה פֿון נקמה
אויף אײַנגעשטײַפּטע ליפּן,
האָט זיך געשאַרט דורך הינטערגעסלעך
צו עמעצן וואָס וועט אים עפֿענען אַ טיר.

פֿון שיכורן גערעוו פֿון מיטוואָך מיטן פֿרײַטיק
האָט קראָם און קלויז און שטוב

---

[2] הרגע ייִדן!

אין שחיטה־שטאָט

פון שטאל און אייזן, קאלט און הארט און שטום / שמיד
אויס א הארץ פאר זיך, דו מענטש, — און קום! / קום געה
אין שחיטה־שטאט, זאלסט זעהן מיט דיינע אויגן / זאלסט
אנטאפן מיט דיינע הענט / אויף צוימען, סלופעס, טויערן
און ווענט / אויף שטיינער פון דער גאס, אויף אלע העלצער

א שחיטה מיט א פריהלינג / דער גארטן האט געבליהט, די
זון געלויכטן — און דער שוחט האט געשחט'ן··· / דער חלף
האט געגלאנצט, און פון דער וואונד האט בלוט מיט גאלד
געפליסט··· / אנטלויפסט? באהאלטסט זיך אין א הויף? —
אומזיסט! אט איז א בערגל מיסט! דא האט מען צוויי געקעפט!

צום בית־הקברות מיט די טארבעס, שלעפער! / אהינצו
געהט, גראבט אויס די ווייסע ביינער פון אייערע קדושימס
פרישע קברים / שטאפט אן די טארבעס, יעדערער זיין
טארבע / און לאזט זיך אין דער וועלט אריין, און שלעפט זיך
פון שטאט צו שטאט, וואו ערגעץ א יריד / און רחמים בעט

רעפּראָדוקציע פון ח. נ. ביאַליקס אין שחיטה־שטאָט, וואָס די אָריענטאַ־
לישע אָפּטיילונג פון דער ה. בערטהאָלדס שריפטגיסעריי אין בערלין 1924
האָט אַרײַנגעגעבן אין איר אַלבאָם ווי אַ מוסטער פון ייִדישער
דרוקעריי־קונסט.

אין פּחד זיך געקאָרטשעט
און דורכן פּחד תּפֿילהדיק געשאָלטן:
— שפֿוך חמתך!
און דאָנערשטיק דער שוואַרצער אָבֿל
איז ערגעץ אין אַ שטאַל אין שטרוי
געלעגן אַ פֿאַרגראָבענער
און זיך מיט נעגל אײַנגעקריצט אין לײַב
די נײַע שבֿועה פֿון נקמה.

*

... קראָמענגאַס איז זונטיק. אָפֿן אַלע טירן.
דער מאַרק — אַ רוישיקער געמיש פֿון דאָרף און שטאָט.
עס רופֿן שילדן געסט אין שענקען, אין טראַקטירן.
מע פֿירט אַ ראָטע זעלנער זינגענדיק אין באָד.
ס׳איז זונטיק, רוישיק, וואָכעדיק ווי אַלע מאָל,
נאָר פּחד פֿאַר די אויגן עפּעס אַנדערש מאָלט.

אַ טיר ברעכט־אויף אין אַ טראַקטיר. אַ רויטער שיכּור
צערעוועט זיך צום מאַרק אַריבער: — גוואַלד, דער ייִד!
מע פּראַלט פֿון שענקען. ס׳רעווען קולות הייזעריקע.
פֿון אַלע זײַטן טריט געקאָוועטע, אַ האָגל טריט.
ביז העק און לאָמען נעמען קראַכן: — ייִד, באַצאָל!
און הינטער טירן טויטער פּחד: — שמע ישׂראל!...

געשריי פֿון קרבן צינדט די הייזעריקע ברילער,
געשריי פֿון בלוט איז טשאַדיקער פֿון שפּירט.
שרײַט, ייִדעלעך און ייִדענעס, טוט יאָמערדיקע תּפֿילה
צום גאָט וואָס האָט געגערט אײַך און געצירט!
דער לאָם [3] שרײַט שטאַרקער, שנײַדיקער די האַק — — — —
בריזג־בראַזג און פֿליק־און־בראַק און קריק־און־קראַק...

---

[3] אײַזערנער פּרענט.

בריזג־בראַזג און קנאַל, און קאַטעווע, און טשמעליע...
פֿון קראָם צו שטיבל און פֿון שלאָפֿצימער צו שענק.
ס'איז גאָלד בײַם ייִד אין ווענט און אין דער סטעליע —
רײַס־אויף, קראַך־אויף, צעקנאַל, צעדזובענק.
און זאָל פֿון פֿעדערן און פּוך דער ווײַסער שניי
צעלייגן זיך אויף שערבלעך, שפּענער און געשריי...
— — — — — — — — — — — — — — —

די קראָמענגאַס איז זונטיק, אָפֿן אַלע טירן.
דער מאַרק — אַ ברודערשער צונויפֿגערייד פֿון דאָרף און שטאָט.
מע טרינקט לחיימס אין די שענקען און טראַקטירן,
און יונגע־לײַט שפּאַצירן אויף בולוואַרן און אין סאַד...
וואָס אַרט דיר, אַז מע לעבט? וואָס אַרט דיר, אַז ס'איז שטיל?

וואָס בענקט זיך דיר אַזוי צום חיהשן געבריל?
ס'יאָגט דער געבריל איבערן לאַנד ווי פֿרילינגדיקער וואַסער,
און ס'זעט דאָס אויג און ס'אויער הערט.
וואָס איז דער חילוק: די צי אַנדערע אַזעלכע גאַסן?
דאָס זעלבע בלוט און פֿלייש, די זעלבע ערד.
און אַז דאָס אויג וועט בלינד ווערן און גאָר ניט זען —
צי וועט אַ נס געשען? צי וועט אַ נס געשען?

*

ס'וועט נישט גוט זײַן מיט אײַך, ברידערלעך
פֿון יעליסאַוועטגראַד, קיִעוו, זשמערינקע,
אַז איר וועט זיך זעצן קינות זאָגן
איבער יעדער טאָפּ און טאָץ און פּערינקע,
ווי מע וואָלט בײַ אונדזער גילדערנער משפּחה
קיין מאָל נישט קיין שײַבעלע צעבראָכן,
און די וועלט, די האַרצעדיקע מוטער,
זאָל אויף יעדן טריט אונדז אונטערטראָגן
פֿרישע בייגעלעך מיט פּוטער.

אוי, די פּריצים פֿון די לעמער, ברידערלעך,
טוען טאַקע שערן זיבן וואָלן.
אָבער איר האָט פּאַר געשווירענע געקרעמערט
און די נאַקעטע געריסן פֿאַר דער פּאָלע.
איבך האָט מען פֿאַרגונען בלויז דעם לקט
פֿון די פֿעלן, די געשווירענע, צו ציפֿן,
האָט די שאָף די אָרעמע, געמעקעט
ביז עס איז דערגאַנגען צו די ריפּן — — —
צו די העק, די לאָמען און די פֿעלקער.

וואָס וועט העלפֿן שוין אַצינדערט, ברידערלעך,
קלאַפּן זיך אין האַרץ אַריבן חטאתי ?
שלאָגן שלאָגט מען נישט פֿאַר וויפֿל מ׳האָט געזינדיקט
און רציחה ווערט מיט מעסטלעך נישט געמאָסטן.
נישט דעם גרויסן גנבֿ כאַפּט מען, נאָר דאָס דרויב,
נישט דעם ערשטן, נאָר דעם לעצטן שינדער.
כּל־זמן גדולה פֿיטערט זיך אויף רויב
און רציחה זוכט דעם אומבאַשיצטן,
וועט דער מעסער זיך אין אונדזערע לײַבער קריצן.

שטעלט־אַרײַן צוריק די שויבן, ברידערלעך,
און פֿאַרריכט די טירן מיט די לאָדן!
ס׳בלײַבט בײַם רויב דער שלעגער מיטן רויבער,
דער געשלאָגענער — בײַם ווייטיק מיטן שאָדן.
נישט פֿון איבך האָט זיך דער נוסח אָנגעהויבן.
ס׳גייט אַזוי פֿון אָבֿות, פֿון קדמונים:
אָפּגעבלוטיקט, און הינטער פֿאַרהאַקטע טירן
חתן־כּלה מיט אַ טענצל צו דער חופּה פֿירן.
שטעלט־אַרײַן צוריק די שויבן, ברידערלעך —
איר דאַרפֿט אין אײַערע הײַזער ווױנען.

*

וואָס ביסטו פֿאַר אַ מוסר־זאָגער, דו וואָס ביסט אַליין
בײַ נאַכט פֿון וואַלד געלאָפֿן? האָסט דערזען אַ סטײַע וועלף
די ציינער אויף דיר שטשירען און אַנטרונען מיטן גוף. און זיי,
וואָס וועלף באַלעקן זיך מיט זייער בלוט, זאָלן זיך אויסשטרעקן
און לאָזן ביזן ביין דאָס לײַב דערגריזשען?

ס׳גייט אַ מגפֿה פֿון הריגות איבער גאָרן לאַנד —
דערציילט די שוואַרצע שריפֿט פֿון צײַטונג.

נישט דו דער איינציקער. עס זאָגן אַלע מוסר. פֿון דער גאַס,
ווי פֿון אַיעגער וועלט וואַקסט־אויס אַ מענטש... יאָ, פּיניע,
פּיניע פֿון די נעכט בײַם טײַך. דער קאָפּ שוין גרוי, נאָר אויגן יונג.
און פֿלייצט מיט ווערטער ווי אַמאָל: — אַן אַנדער לעבן דאַרף מען!
ניט שענקערן, ניט וווכערן, נאָר נערן זיך פֿון אײגענער פּראַצע
און זײַן צו יעדן מענטש אַ ברודער. וועט שׂנאה אויסרינען
און קיינער וועט נישט דאַרפֿן לויפֿן.

די וועגן זײַנען פֿול מיט קרעכץ און יאָמער
פֿון טויזנטער צעהרגעטע און אויסגעריסענע —
דערציילט די צײַטונג.

דער אַדוואָקאַט גריגאָרי מאַגיד כמאַרעט מיט די גרויע אויגן:
— ווהין מע זאָל נישט לויפֿן, מיינט עס אָפּכאַפּן דעם אָטעם
בלויז אויף אַ ווײַל. אויך דאָרטן ווו מ׳איז פֿרום און גוט
צו אונדז, איז עס בלויז צדקות, נישט קיין אמת. אין דער אמתן
פֿאַרלאַנגען זיי בלויז איינס: מיר זאָלן אויפֿהערן צו זײַן.
און מאָרגן קען אויך דאָרט די צדקות פּלאַצן.

מע שפּאַרט זיך צו דער גרענעץ אָן אַ ציל און זין,
אָבי די טויטשרעק לאָזן הינטער זיך —
דערציילט די צײַטונג.

בײַ עליע מורה־הוראהס פֿלעמלען־אויף די בלייכע באַקן
מיט אומגעזונטע רויטע פֿלעקן: — ס׳האָט קיין זין נישט

די ווילדע בהלה. מחנות דאַרפֿן גיין מיט ווײַבער, קינדער
און ברעכן זיך צו ארץ־ישראל. וועט דער טערק נישט לאָזן,
וועט שיסן, קוילענען, וועט ווערן אַ געשריי, וועט וועלט דערהערן...
פֿאַר גאולה מוז מען צאָלן! — פּיבערט עליע.

די אַנגעלאָפֿענע אין פֿרעמדע שטעט
פֿאַרהונגערטע, פֿאַרלוירענע שלעפּן זיך אום
אָן דאַך און בעטלען הילף —
דערציילט די צײַטונג.

און ר׳ יחיאל הינטערן בעלעמער זאָגט, וואָס די חכמים זאָגן:
— דער זיגלרינג פֿון אַחשוורושן אין המנס האַנט טוט מערער פּעולה
ווי רייד פֿון אַלע נבֿיאים. ווײַל נבֿיאים האָבן נישט באַקערט

די זינדיקע צום גוטן און די גזירה המנס האָט עס יאָ געטאָן.
דעריבער דאַרף מען אין די גזירות זען די האַנט פֿון חסד,
און ווו זאָל מען אַנטלויפֿן פֿון דער האַנט?

*

איצטער האָבן זיך צעפּוזשעטע מאַגנאַטן
צעקלימפּערט מיט דער צדקה־פּושקע.
עס העלפֿט נישט מער דער גוטער משא־ומתן
אין קאַנצעלאַריעס פֿון כאַבאַרניקעס — דאָס שושקען
אין אויערן און אײַנריידן מתנות
פֿאַר קלויסטערס, קעפּסווײַבער און ווײַבער,
און ס׳לויערט אויף דער איגענער גדולה אַ סכנה.
איז צײַט זיך ווידער צו פֿאַרשרײַבן
אין ספר־הזכרון פֿון די אייגענע — פֿון יענע,
וואָס וואַלגערן זיך אויף די הרודעס שפּענער
פֿון זייער לײַב־און־לעבן, און זיי אָנזאָגן די טרייסט:
מיר זײַנען אַלץ נאָך שטיקלעך ברידער, ווייסט —

מיר שטאָפּן נישט פֿאַר זיך אַליין דעם טײַסטער,
מיר צאָלן פֿאַר הרוגים און נשׂרפֿים מעשׂר.

איצט האָבן זיך די לײַט אין די מונדירן,
וואָס לאַנג שוין אָפּגעלאָזט דעם אַלטן שידוך,
אַרומגעקוקט — מע קען בײַם חשבון אונטערפֿירן
אויך זיי פֿאַררעכענען פֿאַר שטיקלעך ברידער,
און אָנגעהויבן שרײַען
מיט פּסוקים פֿון ישעיה:
— אָ, טעכטער יידישע, הערט־אויף צו קלינגען
מיט אָרעם־בענדער, אויער־רינגען,
מיט רינגען און בראַסלעטן!
און איר, נגידים יידישע, טוט־אויס די זאַמשענע שטיבלעטן
און טוט־אָן שטיוול פּויערשע, מע זאָל אײַך נישט דערקאָנען,
ווײַל אונדזערע קאָקאַרדעס שטייען אין סכּנה.

איצט האָבן זיך גאָטס פּאַסטעכער
דערוווּסט, אַז צאָן־קדושים זײַנען זינדיק...
מע הייסט תּעניתים פֿאַסטן
און מע רופֿט די וווכערניקעס וויניקער אַ ביסל שינדן
די הויט פֿון די וואָס דאַרפֿן אָנקומען צו זייער גנאָד.
ווו זײַנען זיי געווען ביז נעכטן?
ווער, אויב נישט זיי, האָט ס׳וואָרט פֿון גאָט
פֿאַריאָגט צו די מזוזה־שרײַבערס, ציצית־פֿלעכטערס,
הינער־שעכטערס,
און האַלטנדיק זיך בײַ דער פּאָלע
פֿון די תּקיפֿים, וווכערניקעס און באַרײַסערס
געבענטשט די רויבערשע ממשלה?
איצט וויל מען זיך מיט איין מאָל פֿאַרן איבערשטן אַ פּלײַס טאָן
מיט אָפּפֿאַסטן אַ תּענית
און אָפּשרײַען די גזירות און סכּנות...

איצט זײַנען אַלע דאָ, און יעדער פרעמדער איז אַ טאַטע
דער יתום, יעדער לאַנג־פאַרגעסענער קרובֿ —
אַ ברודער דער אַלמנה. ס׳פּלאַטערט
דאָס האַרץ מיט רחמים און מ׳איז גרייט צו שפּאָרן
פון אייגענעם טיש און שׂכל — ווער אַ ווײַסע בולקע,
ווער אַ סגולה אָדער כאַטש אַ קליינע סגולהקע,
צו ראַטעווען די לײַבלעכע, די אייגענע, די ליבע...
נאָר וואַרט ביז די בהלה ועט אַריבער!...

*

ס׳נעמט קיין שלאָף נישט. ערגעץ האָבן רוצחים
ווידער זיך צעהוליעט. פּאָליציי מיט שווערדן,
זעלנער מיט באַגנעטן האָבן וואָך געהאַלטן —
רוצחים האָבן דרײַ טעג נאָך אַנאַנד געהוליעט...
קריכט פון בעט אַרונטער נח, נעמט זיך אָנטאָן.
דוואָשע וועקט זיך: — ס׳איז דאָך מיטן נאַכט.
— כ׳וועל אַרויסגיין זיצן אויפן בענקל פאַרן הויז.
— אַלע שלאָפן דאָך. — נו, שלאָפט מען, ליג דיך אויך...
קוקט זי אַ פאַרשלאָפענע ווי ער טוט זיך אָן,
הערט ווי ער פאַרמאַכט די דרויסנדיקע טיר,
קריכט־אַרויס פון בעט און דורכן לאָדן הערט זי:
יאָ, ער זעצט זיך אויפן בענקל פאַרן הויז.
שעפּטשעט זי: — דערבאַרעמדיקער פאָטער!
און דערמאָנט זיך: נישט די הענט געוואַשן...
אינעם הוילן העמד... באַהאַלט זי זיך אין בעט
מיט דער זינד פון מויל אירן און וויינט אין קישן.
נח זיצט און וויגט זיך. הויפנס שטערנשטויב
הענגען פונעם מילכוועג. וואָס קען ער דיר זאָגן,
דער צעלויכטענער און סודותדיקער הימל,
וועגן דיר און מין דײַנעם, דעם פינצטערן?

מאַכן זיך די אויגן צו — אין בלינדקייט צו דערזען
דאָס וואָס שטערנשטויב פֿון מילכוועג וויס נישט.

*

נאָך אַ שׂריפֿה — אַ גאַס אַ באַלאָדענע. הײַזער דערברענען.
האַלאָוועשקעס פֿון קלעצער. פֿאַרוויכערטע ציגלוועגט.
שוואַרצע קוימענס שטאַרצן פֿון גלײַקע חורבֿות אַרויס.
פֿלעמלעך טוקן זיך, לעשן זיך, שפּילן מיט חושך און רויט
איבער הרודעס פֿון חפֿצים און מענטשן אין מיטן דער גאַס.
פֿלעמלעך פֿינקלען אין הרודעס צעפּיצלטן גלאָז אויף דער גאַס
און באַלײַכטן די וואָלקנדלעך פֿעדערן־פּוך, וואָס דער ווינט
טראָגט־אַרום. בײַ אַ בערגל מיט שטוביקע חפֿצים און בעטגעוואַנט —
אַ משפּחה. ס'האַלט אַ מאַמע אין שויס אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ
פֿון אַ ייִנגל. איין אויג איז פֿאַרדעקט און דאָס אַנדערע שלאָפֿט.
אים צופֿוסנס — אַ שוועסטערל. טאַטע און ברידער אַרום.
ס'יאָגט אַ נאַכטיקער ווינט. בייגט די מאַמע זיך אײַן,
אײַנצודעקן דעם חולה, און רירט אים דאָס פּנים אָן;
בייגט זיך טיפֿער אַריבער און שיקט אַ צעטרייסלטע האַנט
אָנצוטאַפּן אַ דופּק און טרייסלט אים, טרייסלט מיט גוואַלד,
און צעוואָיעט זיך: — ווי דער מאַמען!... בייגן טאַטע און ברידער
זיך אַריבער דעם קאָפּ, דעם פֿאַרבונדענעם, מורמלט דער טאַטע:
— ברוך דיין האמת!... און איבער פֿאַרפֿעדערטער נאַכטיקער גאַס,
איבער בראָכוואַרג און מענטשן און שׂריפֿה צעגייט אַ געיאָמער:
— אפֿשר האָב איך בײַ עמעצן איבערגענומען אַ גראָשן...
אפֿשר האָט מיר געקומט... אָבער אים... פֿאַר וואָס אים
מיט אַ צענערפֿונט איבערן מוח... פֿאַר וואָס?... פֿאַר וואָס אים?

*

ס'גייט אַ פּראָצעסיע גלחים.
צלמים, כאָרוגוועס, איקאָנעס [4]

---

[4] מיליטעריש־קלויסטער־עמבלעמען, הייליקע בילדער.

ס׳קומט אַ פּראָצעסיע גלחים.
וואָס האָט זי צו טאָן אויף דער גאַס?
דער פֿאַרברענטער, צעהרגעטער גאַס?

זי ווייס ווו זי גייט, די פּראָצעסיע.
די גאַס איז שוין מער נישט קיין גאַס.
ווו ס׳האָבן זיך קוילן גערויכערט,
איצט הייבן זיך מירמלנע ווענט,
איצט שימערט מיט גאָלד אַן אַלטאַר,
איצט שטײַגט אַ ריזיקער צלם
און דער וואָס אויף אים קוקט־אַרונטער
מיט פֿײַנלעך פֿאַרזשמורעטע אויגן.

אויף וואָס קוקט דער מענטש פֿון צלם?
ער קוקט אויף אַ בימה צופֿוסנס.
אויף דער בימה אַ טיש, אַ באַדעקטער
מיט אַ טישטעך מיט גאָלדענע טראָלדן,
אויפֿן טיש — דאָס דערהרגעטע ייִנגל,
און צופֿוסנס דעם טויטן בײַם טיש,
טאַטע־מאַמע און ברידער און שוועסטער
ווי אַ קנויל פֿון פֿאַרשרומפּענעם פּחד.

קומט דער עלטסטער גלח אַרויף
אין אַ מיטרע[5] מיט פּערל געשטיקט,
רויכערט ווײַרויך אַריבערן מת
און דרייט זיך — אַ מאָל מיטן פּנים צום צלם
און אַ מאָל מיטן פּנים צום ריזיקן עולם,
וואָס באַזעצט די אומענדלעכע שורות בענק:
פֿון פֿאָרנט — די הערשער און האַרן,

[5] הויך היטל פֿאַרן פּראַוואָסלאַוונעם גלח.

פֿון הינטן — דאָס באָרוועסע פֿאָלק.
ער רויכערט דעם ווײַרויך און בלעקערצט
און ס׳בלעקערצן נאָך די גלחים, די העלפֿערס:

בענטש די הײַזער אונדזערע
פֿאַר דײַן געטלעך בלוט,
וואָס מיר קויפֿן־אויס.

בענטש די פֿעלדער אונדזערע
פֿאַר די וווּנדן אויף דײַן לײַב,
וואָס מיר צאָלן־אָפּ.

בענטש די האַנט וואָס נעמט נקמה
פֿון די לעסטערערס און לייקענערס
פֿון אַמאָל ביז אייביק. אָמן.

— — — — — — — —
— — — — — — — —

און ס׳הייבט זיך אָן. מע וואַרפֿט זיך אויפֿן ייִדן מיט דער ייִדענע
און זייערע קינדער און מיט וואָס נאָר אַ געווער ווער ס׳האָט
אין האַנט נעמט ממיתן. געשריי פֿון די געפּײַניקטע
צעצינדט די שלעגערס, שרײַען זיי אַליין. ווערט אַ געמיש
פֿון פּײַן און שיכּורער רציחה. מאַנט רציחה: — נאָך!
ברענגט נאָך!... טוט זיך אַ לאָז אַ מחנה דינערס און מע שלעפּט
פֿון ערגעץ ייִדן: זקנים, יונגע, פֿרויען, קינדער — ס׳ווערט
די גאַנצע תּפֿילה[6] אַ צעיושעטער רציחה־מאָל — צעשלאָגענע,
צעממיתטע, האַלבטויטע מיט די פּיס דערטראָטן,
מיט הירזשערײַ, מיט הודיען, מיט צערעוועטן געזאַנג — — —

[6] קלויסטער.

ל. שאַפּיראָ

ווייסע חלה

— א —

אַמאָל האָט אַ שכן מיט אַ שווערן שטיין איבערגעבראָכן בײַ אַ גאַסנהונט אַ פֿוס, און אַז וואַסיאַ האָט דערזען דעם שאַרפֿן שפּיץ פֿון ביין, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן דורך דער פֿעל, האָט ער געוויינט. און געוויינט האָט ער אַזוי: עס האָט בײַ אים געראָנען פֿון די אויגן, פֿון מויל, פֿון דער נאָז, דער ווײַסער פֿלאַקסענער קאָפּ אויפֿן קורצן האַלדז איז אַרײַן נאָך טיפֿער צווישן די אַקסלען, דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרן אויסגעקרימט און אײַנגעשרומפּן, און קיין קול האָט מען פֿון אים ניט געהערט. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן.

שפּעטער האָט ער שוין נישט געוויינט. אַלע אין הויז האָבן גע־טרונקען, זיך געשלאָגן מיט די שכנים, געשלאָגן איינער דעם צווייטן, די ווײַבער, דאָס פֿערד, די קו, און טייל מאָל, אין גאַנץ גרויסן כּעס, געשלאָגן זיך אַליין — מיט די קעפּ אין וואַנט. מ׳האָט געהאַט אַ קליין שטיקל פֿעלד פֿאַר אַ גרויסע פֿאַמיליע, געהאָרעוועט שווער און אומגעלומפּערט, און געוווינט אַלע אין איין כאַטע — מענער, פֿרויען און קינדער געשלאָפֿן צוזאַמען אויף דער ערד. דאָס דאָרף איז געווען אַ קליינס און אַן אָרעמס און ווײַטלעך פֿון אַ שטעטל, און דאָס שטעטל, וווהין מ׳פֿלעגט אַמאָל פֿאָרן אויפֿן יאַריד, האָט אויסגעזען גרויס און רײַך אין וואַסיאַס אויגן.

אין שטעטל זײַנען געווען „ייִדן“ — אַזעלכע מענטשן וואָס טראָגן מאָדנע מלבושים, זיצן אין קראָמען, עסן ווײַסע חלה און האָבן פֿאַרקויפֿט קריסטוסן. דער לעצטער פּונקט איז געווען אַ ביסל נישט קלאָר: ווער איז דער דאָזיקער קריסטוס און צו וואָס האָבן זיי אים פֿאַרקויפֿט, און ווער און צו וואָס האָט אים געקויפֿט, און וויפֿל האָבן זיי פֿאַר אים גענומען — די גאַנצע זאַך איז געווען ווי אין אַ נעפּל.

ווײַסע חלה, ווידער, האָט ער אַליין אַ פּאָר מאָל געזען, מיט די אײ־גענע אויגן, נאָך מער — ער האָט אַמאָל אָװעקגעגנבֿעט אַ שטיקל און אויפֿגעגעסן, און דערנאָך געשטאַנען אַ צײַט און זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, מיט אַן אויסדרוק פֿון דערוואַרטונג און צווייפֿל אויף זײַן פּנים. ער האָט גאָר נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר דער רעספּעקט פֿאַר דער ווײַסער חלה איז אין אים פֿאַרבליבן.

אים האָט געפֿעלט אַ האַלבער ווערשאָק [1] צו דער הייך, פֿון דעסט וועגן האָט מען אים צוגענומען, פֿאַר זײַנע ברייטע, אַ ביסל געהויקערטע אַקסלען און קורצן דיקן האַלדז, וואָס האָבן זיך גע־פּאַסט צו זײַן פֿאַמיליע־נאָמען — ביק [2]. דאָ האָט מען ווידער גע־שלאָגן — דער סטאַרשי [3], דער פֿעלדפֿעבעל, די אָפֿיצערן, די סאָל־דאַטן צווישן זיך — אַלע. דערלערנען די „סלוזשבע" [4] איז געווען אוממעגלעך: ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און נישט געדענקט. קיין גרויסער בעל־דברן איז ער אויך ניט געווען. און פֿלעגט עס אים שטאַרק צושפּאַרן עפּעס צו זאָגן, האָט ער ערשט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, נאָר זײַן פּנים פֿלעגט ווערן זייער אָנגע־שטרענגט און דער נידעריקער שטערן געקנייטשט. נישט מער, קאַ־שע און באָרשטש האָט מען דאָ געגעבן גענוג. געווען דאָ אויך עט־לעכע ייִדן, פֿון די דאָזיקע וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט קריסטוסן, נאָר אין די זעלבערשע קליידער און אָן דער ווײַסער חלה האָבן זיי אויסגעזען כמעט ווי אַלע מענטשן.

— ב —

מ'איז געפֿאָרן אויף באַנען, געגאַנגען צו פֿוס, ווידער געפֿאָרן און ווידער געגאַנגען. געשטאַנען אויף לאַגער אין פֿעלד אָדער געווען אײַנגעקוואַרטירט אין עפּעס פֿרעמדע הײַזער — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז בײַ וואַסילן אין קאָפּ האָט זיך אַלץ איבערגעמישט. ער

---

[1] (רוסישע מאָס) 4,4 צענטימעטער. — [2] אָקס. — [3] עלטסטער. — [4] מיליטער־דינסט.

האָט שוין נישט געדענקט, ווען דאָס אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן, ווו ער איז געווען און ווער ער איז געווען איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן, אַזוי ווי ער וואָלט אַלע מאָל געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט צווישן צען און הונדערטער טויזנטער סאָלדאַטן, אין פֿרעמדע ערטער, מיט מאָדנע מענטשן, וואָס רעדן אַזוי, אַז ס'איז נישט צו פֿאַרשטיין, און קוקן דערשראָקן אָדער ברוגז. קיין באַזונדער נײַס איז, דאַכט זיך, נישט געשען, נישט מער דאָס שלאָגן זיך איז געוואָרן דער תּוך פֿון לעבן: געשלאָגן האָבן זיך אַלע און געשלאָגן האָט מען זיך נישט אַזוי זיך, נאָר אויף בלוט און טויט — מ'האָט געשאָסן, געהאַקט מענטשן אויף שטיקלעך, געשטאָכן, אַפֿילו געביסן מיט די ציינער צװישנצװײַ. ער אַליין האָט אויך געשלאָגן, און וואָס ווײַטער — פֿאַרביסענער, און וואָס ווײַטער — מיט מער הנאה. דאָס עסן איז איצט געקומען נישט רעגלמעסיק. געשלאָפֿן האָט מען ווייניק, געגאַנגען און געשלאָגן זיך אַ סך — און דאָס אַלץ האָט אים שטאַרק צעטרייסלט. אַלע מאָל האָט זיך אים עפּעס געוואָלט. אַלע מאָל האָט ער עפּעס געפֿילט. און אַז אים האָט שטאַרק צוגעשפּאַרט, האָט ער געברילט ווי אַ געררייצטער הונט, ווײַל זאָגן וואָס ער וויל — האָט ער נישט געקאָנט.

דאָס לאַנד אַרום איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער. קייטן ריזיקע בערג האָבן עס געשניטן אין אַלע זײַטן און דער ווינטער האָט געהערשט איבער זיי ביטער און פֿאַרביסן. מ'איז געקראָכן ביז די קני דורך טאָלן פֿול מיט טרוקענעם, קערנדיקן שניי, און אײַזקאַלטע ווינטן זײַנען ווי ריבאײַזנס געגאַנגען איבערן פּנים און די הענט. נאָר די אָפֿיצערן זײַנען געווען מונטער און אַ ביסל גוטמוטיקער ווי שטענדיק און האָבן גערעדט וועגן נצחונות; און עסן, הגם נישט אַלע מאָל אין דער צײַט, האָט מען געגעבן גענוג. בײַ די נעכט האָט מען טייל מאָל דערלויבט פֿונאַנדערצולייגן פֿײַערן אויפֿן שניי, און דעמאָלט זײַנען מאַנסטער־שאָטנס רוישלאָז אַרומגעלאָפֿן צווישן די בערג און סאָלדאַטן האָבן געזונגען לידער. און וואָסיל האָט אויך געוואָלט זינגען — און האָט געברילט. געשלאָפֿן איז מען

ווי געהרגעטע, אָן שרעק און חלומות. און מיטן טאָג האָבן די בערג ווידער און ווידער געענטפֿערט פֿון ערגעץ אויפֿן דונער פֿון די קאַנאָנען, און מענטשן האָבן ווידער געקלעטערט אַרויף־און־אַרויף.

— ג —

אַ קוריער אויף אַ פֿערד איז ווי אַ ווילדער דורכגעפֿלויגן דעם לאַגער; אָן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע, וואָס איז געווען אַוועק פֿאָרויס, איז פּלוצעם אַנגעלאָפֿן צוריק און זיך פֿאַרנומען אין אַ זײַט; צוויי באַטאַרייען זײַנען איבערגערוקט געוואָרן פֿון לינקס אויף רעכטס. די אַרומיקע בערג האָבן זיך אויפֿגעשפּאָלטן ווי פֿריש געעפֿנטע וווּל־קאַנען און אַ מבול פֿון פֿײַער, בלײַ און אײַזן איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.

דאָס האָט געדויערט לאַנג. פּיאָטר קודלאַ איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. דער שיינער קריווענקאָ, דער „זאַפּיעוולאָ" [5] פֿון דער ראָטע [6], איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אין אַ קאַלוזשע בלוט. דער פּאָרוטשיק סאָמאָוו, דער וואָס מיטן ווײַבערשן פּנימל, האָט פֿאַרלוירן אַ פֿוס. און בײַם ריז ניימאַן, דעם שטרויהאָריקן עסט [7] האָט עס אַראָפּ־געריסן דאָס גאַנצע געזיכט. געהרגעט געוואָרן דער געשטופּלטער גאַווריילאָוו. געהרגעט געוואָרן פֿון איין גראַנאַט ביידע ברידער בול־גאַטש. געהרגעט געוואָרן חיים סאָטראָווסקי, יאַן זאַטיקאָ, סטאַשעק פּיעפּזש און דער קליינער לעט, וואָס וואַסיל האָט זײַן נאָמען ניט געקאָנט אַרויסריידן. דערנאָך האָט עס גענומען שנײַדן גאַנצע צײַלנ־ווײַז. עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו האַלטן זיך ווײַטער. און דאַן איז אויפֿגעשפּרונגען נחום ראַטשיק, אַ לאַנגער מאָגערער יונגער־מאַן, וואָס האָט שטענדיק געשוויגן, און האָט אָן קאָמאַנדע זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאָרויס. דאָס האָט אויפֿגעטרייסלט די צעדולטע סאָלדאַטן מיט אַ מאָל. דאָס געבראָכענע, געצייכנטע בערגל לינקס צו, וואָס זײַנע

---

[5] (טאָנגעבער) דער וואָס זינגט דער ערשטער, סאָליסט. — [6] מיליטער־אָפּ־טיילונג. — [7] פֿון עסטאָניע.

באַטאַרייען האָבן אָנגעפירט דעם כאָר פון שונאס אַרטילעריע איז געקומען געוואָרן כמעט מיט די הוילע הענט, און זײַנע פּאַרטיידי־קערס האָט מען אויסגעוואָרגן ווי די קעץ. נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דער גאַנצער ראָטע זײַנען פאַרבליבן בלויז וואַסיל און נחום ראַטשיק. ראַטשיק איז נאָך דעם לאַנג געלעגן אויף דער ערד און געבראָכן מיט דער גרינער גאַל, און נעבן אים האָט זיך געוואַלגערט זײַן ביקס מיטן „פריקלאַד״ [8] פאַרשמירט אין בלוט און מאַרך. ער איז נישט געווען פאַרוווּנדעט. און אַז וואַסיל האָט אים געפרעגט וואָס אים איז, האָט ער נישט געענטפערט.

אַז די נאַכט איז געקומען, האָט מען פאַרלאָזן די געגומענע פּאַ־זיציע און זיך געצויגן צוריק. ווי אַזוי און פאַר וואָס דאָס איז גע־שען, האָט וואַסיל נישט געוווּסט, נאָר פון דעמאָלט אָן האָט די אַרמיי זיך גענומען אַראָפּשיטן צוריק פון די בערג אַזוי ווי שטיינער: וואָס ווײַטער אַלץ האַסטיקער, אַלץ ווייניקער אין אָרדענונג, ביז לסוף איז מען געלאָפן — געלאָפן אָן אָפּשטעל, אָן אויפהער, טאָג־און־נאַכט, נאָך אַנאַנד. וואַסיל האָט קיין פּלעצער נישט דערקענט און יעדער אָרט איז פאַר אים געווען נײַ. און אַז מ׳גייט „צוריק״ האָט ער בלויז געהערט און געשפּירט. די בערגקייט צוזאַמען מיטן ווינ־טער איז שוין לאַנג געבליבן הינטן. און אַרום־און־אַרום איז געווען אַ ברייטער ענדלאָזער פליין. און פרילינג אין פולן גאַנג. נאָר די אַרמיי איז אַלץ געלאָפן און געלאָפן. די אָפיצערן זײַנען געוואָרן ווילד און האָבן געשלאָגן די סאָלדאַטן אָן אַ סיבה און אָן רחמנות. עטלעכע מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצע צײַט — די קאַנאָנען האָבן געשריגן. אַ פײַעריקער רעגן האָט געשמיסן די ערד און מענטשן זײַנען געפאַלן ווי פליגן — דערנאָך איז מען ווײַטער געלאָפן.

---

[8] אונטערשטער טייל פון ביקס, אויף אָנצושפּאַרן אויף דער האַנט בײַם טראָגן זי ווי בײַם שיסן.

— ד —

עמעצער האָט געזאָגט, אַז אין אַלעם זײַנען שולדיק די זשידעס. ווידער די ייִדן! קריסטוסן האָבן זיי פֿאַרקויפֿט, און ווײַסע חלה עסן זיי, און דערצו זײַנען זיי נאָך שולדיק אין אַלעם. אין וואָס — „אין אַלעם״? וואָסיל האָט געקנייטשט דעם שטערן און געפֿילט כּעס אויף די ייִדן און נאָך אויף עמעצן. עס האָבן זיך באַוויזן עפּעס בלעטלעך, געדרוקטע בלעטלעך אַזעלכע, וואָס עמעצער האָט געטיילט צווישן די סאָלדאַטן, און ווען מ'איז געשטאַנען אין די ביוואַקן[9] האָבן זיך געקליבן רעדלעך אַרום די וואָס האָבן געקאָנט לייענען. — געשוויגן עפּעס מאָדנע, נישט ווי מענטשן שווײַגן. וואָסילן האָט אויך עמעצער געגעבן אַ בלעטל. ער האָט עס באַקוקט, באַטאַפּט, אַרײַנגעלייגט אין בוזעם און געגאַנגען הערן וואָס מ'לייענט. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, אויסער דעם אַז עס איז וועגן די זשידעס. ווי באַלד אַזוי, מוזן דאָך די ייִדן וויסן, האָט ער זיך געווענדט צו נחום ראַטשיקן:

— נאָ, טשיטײַ[10]!

ראַטשיק האָט אַ קוק געטאָן אין בלעטל, געוואָרפֿן אַ צווייטן און מאָדנעם בליק אויף וואָסילן און גאָר נישט געזאָגט. ער האָט גע־וואָלט אַוועקוואַרפֿן דאָס פּאַפּירל.

— ווּר־וואַרף ניט! נישט דײַנס! — איז וואָסיל געוואָרן אויפֿגע־רעגט. ער האָט עס באַהאַלטן אין בוזעם און אַרומגעגאַנגען אַ גע־שפּאַנטער. דערנאָך איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו ראַטשיקן:

— וואָס שטייט דאָ געשריבן? ס'איז דאָך וועגן דיר!

דאָ איז נחום אויך געוואָרן אין כּעס:

— נו, יאָ, וועגן מיר. אַז איך בין אַ פֿאַררעטער, פֿאַרשטייסט? אַז איך האָב פֿאַרראַטן... נו, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אָט ווי יענער דײַטש, וואָס מ'האָט אים געפּאַקט מיט פּאַפּירלעך און דערשאָסן... פֿאַרשטייסט?

---

[9] לאַגערן (אין באַפעלקערטע ערטער). — [10] לייען!

וואַסיל האָט זיך דערשראָקן און דער שטערן האָט געגומען בײַ אים שווײַצן. ער איז אַוועק פֿון נחומען אַ צעטומלטער, געטאַפּט דאָס בלעטל און זיך געפּילט פּאַסקודנע. אָט דער נחום מוז זײַן אַ שלעכ־טער מענטש — אַזאַ כּעס אַרויסגעוויזן!... און דערצו איז ער אַ שפּיאָן. אַליין געזאָגט. נאָר עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק — אַזוי נישט קלאָר און נישט גלאַטיק, אַז דער קאָפּ קנאַקט... טפֿו זאָל עס ווערן!

נאָך אַ לאַנגן לויפֿן איז מען ערגעץ געבליבן שטיין. דעם שונא האָט מען שוין עטלעכע טעג נישט געזען, קיין שיסערײַ האָט מען נישט געהערט. מ׳האָט נאָר געגראָבן טראַנשייען און זיך געגרייט צו עפּעס. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך עס ווידער אָנגעהויבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שונא איז ערגעץ גאָר נאָענט; ער זיצט אויך הינטער טראַנשייען, וואָס מיט יעדן טאָג רוקן זיי זיך אָן נענטער און נענטער, אַזוי אַז צײַטנווײַז זעט מען קעפּ אַרויסשטעקן איבער דער ברוסטווער. מ׳האָט וויניק געגעסן, נאָך וויניקער גע־שלאָפֿן און געשאָסן ערגעץ אַהין, פֿון וואַנען קוילן זײַנען געקומען צוריק און געקלאַפּט אין ערדענעם אַנשיט, געזשומעט איבער די קעפּ און טייל מאָל זיך אײַנגעגראָבן אין מענטשלעכע גופֿים. האַרט נעבן וואַסילן, בײַ זײַן לינקער זײַט, איז אַלע מאָל געלעגן נחום ראַטשיק. ער האָט קיין מאָל נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר געלאָדן די ביקס און געשאָסן, מעכאַניש און אומגעאײַלט. וואַ־סיל האָט אים נישט געקאָנט סובֿל זײַן. און צײַטנווײַז האָט זיך אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן אים פֿון הינטן מיטן באַיאָנעט. איין מאָל, ווען די שיסערײַ איז געווען באַזונדערס פֿאַרביסן, האָט וואַסיל זיך פּלוצעם דערפֿילט מאָדנע אומרויִק. אויף איין אויגנבליק האָט ער זיך אומגעקוקט אויף ראַטשיקן און דערזען, אַז יענער ליגט אין דער זעלביקער פּאָזע וואָס פֿריִער, אויפֿן בויך, און מיט דער ביקס אין האַנט, נאָר מיט אַ לאָך אין שטערן. עפּעס האָט זיך אין וואַסילן איבערגעריסן מיט אַ קנאַק. מיט בלינדן כּעס האָט ער אַ שטויס געטאָן דעם טויטן גוף מיט אַ פֿוס און אים אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אין אַ זײַט. דערנאָך האָט ער געגומען שיקן קוילן אַריבער דער ברוסט־

ווער איינע נאָך דער צווייטער, אָן אַכט און אָן טאָלק, און דערבײַ אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן געדיכטן בלײַערנעם האָגל, וואָס האָט געקלאַפּט אַרום אים.

יענע נאַכט האָט ער לאַנג נישט געקאָנט שלאָפֿן. ער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער און געשאָלטן אין דער שטיל. איין מאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען אין כּעס און זיך געלאָזן ערגעץ לויפֿן, נאָר אין וועג זיך דערמאָנט, אַז ראַטשיק איז טויט, און מיט פֿאַרדראָס און שאַרפֿער חרטה זיך אַראָפּגעלאָזן צוריק אויף זײַן געלעגער.

— זשידעס... פֿאַררעטערס... קריסטוסן פֿאַרקויפֿט... פֿאַרהאַנדלט פֿאַר אַ גאָרנישט!

און שוין אין שלאָף האָט ער געקריצט מיט די ציינער און גע־ריסן פֿון זיך דאָס פֿלייש.

— ה —

פֿאַר טאָג האָט וואַסיל פּלוצעם זיך אויפֿגעזעצט אויף זײַן האַרטן געלעגער אונטערן פֿרײַען הימל. אַ קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגן זײַן גאַנצן קערפּער. די ציינער האָבן געקלאַפּט אַ צײַל אין אַ צײַל און די אויגן, קײַלעכיק און אויפֿגעריסן, האָבן גיריק געשטאָכן דעם בלינדן חושך. ווער איז דאָ געווען? ווער איז דאָ געווען?

ס'איז געווען שטאַק פֿינצטער און מוראדיק שטיל, נאָר ער האָט נאָך געהערט דעם שאָרך פֿון די ריזיקע פֿליגל און געשפּירט די קעלט פֿונעם שוואַרצן מאַנטל, וואָס האָט מיטן זוים זײַן פּנים באַ־רירט. עמעצער איז ווי אַ פֿראָסט אַריבער איבערן לאַגער און דער לאַגער איז געבליבן שטום און פֿאַרגליווערט. אַן אָפֿענער קבֿר פֿון טויזנטער פּגרים געטראָפֿן אין שלאָף און געטראָפֿן אין האַרצן. ווער איז דאָ געווען? ווער איז דאָ געווען?

בײַ טאָג האָט מען געהרגעט דעם פּאַרוטשיק מוראַטאָוו, פֿון פּערטן באַטאַליאָן, יעניסייער פּאָלק. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּנים פֿון פּאַרמעט, אַ כּעסן און אַ שלעכטער, און די קויל וואָס

האָט דורכגעבראָכן זײַן נאָזביין צווישן די אויגן איז געקומען פֿון זײַן אייגענעם באַטאַליאָן. אַז מ׳האָט געפֿרעגט „ווער?״, האָט דער באַטאַליאָן נישט געענטפֿערט. אַז מ׳האָט געסטראַשעט צו באַשטראָפֿן אַלעמען, האָט מען ניט געענטפֿערט. אַז מ׳האָט געהייסן אָוועקגעבן דאָס געווער, האָט מען נישט געענטפֿערט. מ׳האָט אויסגעשטעלט קעגן דעם באַטאַליאָן די איבעריקע טײלן פֿון פּאָלק, נאָר אויף די קאָמאַנדע „פֿליו!״ [11] האָט דער גאַנצער פּאָלק ווי איין מענטש אַראָפּגעלאָזן די ביקסן צו די פֿיס. דאַן האָט מען געבראַכט אַן אַנדער פּאָלק און נאָך אַ שיסערײַ פֿון צען מינוט איז פֿון צעבונטעוועטן באַטאַליאָן קיינער נישט געבליבן.

אויף מאָרגן האָט מען צוויי אָפֿיצערן צעהאַקט אויף שטיקער. און אין דרײַ טעג אַרום האָבן זיך צוויי קאַוואַלעריסטן צעשלאָגן. און אין גיכן האָט זיך אַ גאַנצער פּאָלק צעשפּאָלטן אויף צוויי צדדים און געשניטן איינער דעם צווייטן, ביז פֿון די אַלעמען איז געבליבן אַ קליין הייפֿל מענטשן אויף די פֿיס.

דעמאָלט האָבן זיך אין דער אַרמיי באַוויזן עפּעס מענטשלעך אין ציווילע קליידער, און ווידער האָט מען גענומען טײלן בלעטלעך, און די אָפֿיצערן האָבן אונטערגעהאַלטן, און אַן לאַנגע דרשות, נאָר ווי געהובלט פֿלעקער און געהאַקט אין די קעפּ:

— זשידעס... פֿאַררעטערס... שולדיק אין אַלעם...

ווידער האָט עמעץ וואָסילן געגעבן אַ בלעטל, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט גענומען. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון בוזעם, מיט ליבשאַפֿט און דרך־ארץ, ווי אַ קמיע, אַ שטיקל פּאַפּיר, צעקנייטשט, אָנגעריסן, פֿאַרשמאָלצן, און פֿאַרפֿלעקט מיט בלוט — און געוויזן: ער האָט און געדענקט! דער פֿאַרטיילער, אַ מאָגער מענטשל מיט אַ זאַמדקאָלירענער באָרד, האָט צוגעמאַכט איינס פֿון זײַנע קליינע אייגלעך און מיטן צווייטן אָנגעקוקט אַ ווײַלע דעם נידעריקן, ברייטביייניקן סאָלדאַט מיטן קורצן דיקן האַלדז און די האַלב אַרויסגע־

[11] שיס!

קראָכענע גרויע און וואַסערדיקע אויגן — דערנאָך האָט ער אים פֿרײַנדלעך אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע און איז אַוועק מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן.

די ייִדישע סאָלדאַטן זײַנען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן: מ׳האָט זיי אומבאַמערקט געזאַמלט און אַוועקגעשיקט פֿון דאַנען. קיינער האָט נישט געוווּסט וווּהין. דערפֿון האָבן זיך אַלע דערפֿילט פֿרײַער און היימישער. און כאָטש די פֿעלקער זײַנען געווען פֿאַרשיידענע, איז די דעה געווען איינע:

— דער פֿרעמדער, דער פֿרעמדער איז אַוועק!

דערנאָך האָט עמעצער אַרויסגעלאָזן אַ וואָרט:

— „די ייִדישע מלוכה".

— 1 —

דאָס איז געווען דער לעצטער שטאַנד. און ווען דער איז געבראָכן געוואָרן, האָט מען זיך מער אין ערגעץ נישט אָפּגעשטעלט. מ׳איז געלאָפֿן ווי חיות אין אַ שׂריפֿה אין סטעפּ — געמישטע מינים, איינציקווײַז אָדער גרופּנווײַז. אָן קאָמאַנדירן און אָן אַ סדר, נאָר אין טויטשרעק זיך געוואָרפֿן אין יעדן דורכגאַנג, וואָס דער שׂונא האָט געלאָזן פֿרײַ. נישט אַלע האָבן געהאַט געווער. און אויף קיינעם זײַנען די קליידער נישט געווען גאַנץ. און דאָס וועש איז געזעסן ווי אַ הויט אויף די נישט־געוואַשענע לײַבער. און די זומערדיקע זון האָט געברענט מיט רציחה. און עסן האָט מען געגעסן, ווען מ׳האָט געפֿונען וואָס צו רויבן. אין די שטעט האָט מען שוין געהערט דאָס היימישע לשון. און אַרום האָבן זיך געשפּרייט די היימישע פֿעלדער, נאָר געווען זײַנען זיי נישט צו דערקענען, ווײַל דאָס פֿאַראַיאָריקע ברויט האָט געפֿוילט אײַנגעטראָטן אין דער ערד. און דאָס לאַנד איז געלעגן טרוקן און גרוי און צעלעכערט, ווי דער פּגר פֿון אַ פֿאַרצוקטן אָקס, אין וועלכן וועלף האָבן זיך געגראָבן און דאָס איינגעווייד אַרויסגעפֿרעסן.

און בעת די חיילות אונטן האָבן געפּויזעט איבער דער ערד, ווי

נעסטן גרויע ווערעם, האָבן שאַרעס[12] שוואַרצע ראָבן געשוועבט איבער זייערע קעפּ און געקראַקעט טרוקן און דראָבנע, ווי מ׳רײַסט צעפּוילטע לײַוונט, און געדרייט זיך אין פּאַרפּלאָנטערטע קרײַזן, און געוואַרט אויף דאָס זייעריקע — און געוואַרט אויף דאָס זייעריקע.

צווישן קאָלאָוו און זשאַדיצאַ האָבן די פֿאַרהונגערטע און צע־רייצטע לעגיאָנען אָנגעיאָגט גרויסע מחנות ייִדן, וואָס מ׳האָט אַרויס־געיאָגט פֿון די גרענעצשטעט, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, מיט קראַנקע און געפּעק. עמעצער האָט געזאָגט: „ביי[13]!“ — קורץ און פֿאַרדומפּן, ווי דער ווײַטער בוך[14] פֿון אַ האַרמאַט. וואָסיל האָט זיך תּחילת צוריקגעהאַלטן, נאָר די קוויטשיקע געשרייען פֿון די ווײַבער און קינדער און די העסלעכע שרעק פֿון די מענער מיט די לאַנגע פּיאות און צעפּאָכעטע קאַפּאָטעס האָבן אים אַזוי צערייצט, אַז ער האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דער מחנה ווי אַ צעווילדעטער אָקס. זיי האָבן געקראָגן דעם חסד פֿון שנעלקייט: די אַרמיי איז אַריבער אי־בער זיי ווי אַ סטאַדע גאַלאָפּירנדיקע פֿערד.

און דעמאָלט האָט עמעצער — גיפּטיק און מיט אַ קוויטשיק קולכל אויסגערופֿן:

— די ייִדישע מלוכה!

דער אויסרוף איז מיט אַ מאָל אַרויפֿגעפֿלויגן אין דער הייך און ווי אַ דונער איבערן הימל זיך איבערגעקײַקלט איבער די ווילדע לעגיאָנען, זיך אַריבערגעוואָרפֿן אין די דערפֿער, אין די שטעט און דערגרייכט די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקלען פֿון לאַנד. די אַרמיי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער געגנט מיט בראַנד־און־שווערד. בײַ נאַכט האָבן ברענענדיקע שטעט באַלויכטן זייער וועג, און בײַ טאָג האָט דער רויך פֿאַרהויכט די זון און דעם הימל, און אין וואַטענע קנוילן זיך געקײַקלט איבער דער ערד, און דערשטיקטע ראָבן זײַנען צײַטנ־ווײַז געפֿאַלן צווישן די רייען און אויף די קעפּ פֿון די סאָלדאַטן. עס האָבן געברענט זיקאָוו, פּאָטאָפּנאַ, כאָלאָדנע, סטאַרי־יוג, שעליוב־

---

[12] מחנות. — [13] שלאָג! הרגע! — [14] אַרויסשאָס, זעץ.

קאַ; עס זײַנען אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער ערד אָסטראָגריע, סאַוואַ, ריקאַ, ביעלאָיע־קרילאָ און סטופּניק; ס׳איז אַוועק מיטן רויך די ייִדישע וועבערשטאָט ביעלאָפּריאַזשאַ; עס האָט געפֿלאַטערט ווי אַ שײַטער־הויפֿן דער ווינאָקורער וואַלד, ווו דרײַסיק טויזנט ייִדן האָבן געזוכט שוץ און באַהעלטעניש, און דרײַ טאָג נאָך אַנאַנד האָבן ביטערע געשרייען, ווי בייזע, גיפֿטיקע גאַזן, זיך געהויבן פֿון וואַלד און זיך געשפּרייט איבער דער אומגעגנט. די ביסטרע אָבער שמאָלע סיניעוואָדקאַ איז אַ ביסל נידעריקער פֿון ליוצין אין גאַנצן פֿאַרשטאָפּט געוואָרן פֿון מענטשלעכע גופֿים און האָט פֿאַרפֿליצט די פֿלאַכע פֿעלדער. אויף די חורבֿות פֿון דאָבראָסלאַוואַ איז געזעסן אַ משוגענער, דער איינציקער וואָס איז געבליבן פֿון דער שטאָט, און געבילט ווי אַ הונט.

די חילות זײַנען געוואָקסן. דער פֿויער האָט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף. דער בירגער האָט אַוועקגעוואָרפֿן די שטאָט. גלחים מיט איקאָנעס[15] און צלמים אין די הענט האָבן געפֿירט פּראָצעסיעס איבער די דערפֿער, און פֿרום און באַגײַסטערט געבענטשט דאָס פֿאָלק, און די ייִדישע מלוכה איז געווען דאָס וואָרט. די ייִדן אַליין האָבן אײַנגעזען, אַז זייער לעצטע שעה האָט געשלאָגן — די סאַמע לעצטע. און ווער עס איז געבליבן לעבן, איז געלאָפֿן שטאַרבן צווישן ייִדן, אין דער גרויסער שטאָט מאַליאַסי, דעם גרעסטן און עלטסטן ייִדישן צענטער אין לאַנד, אַ מקום־תורה פֿון פֿערצנטן יאָרהונדערט אָן, אַ שטאָט מיט אַלטע שולן און גרויסע ישיבֿות, מיט רבנים און געלערנטע פֿון הײַנטיקער צײַט, מיט יחוס פֿון לומדישן און סוחרישן שטאַנד. דאָ האָט מען געפֿאַסט תּעניתים בציבור, זיך מתוודה געווען אויף חטאים, געבעטן מחילה פֿון שונאים און גוטע פֿרײַנד. עלטערע מענטשן האָבן געזאָגט תּהילים און סליחות און מעבֿר־יבוק; ייִנגערע האָבן געברענט תּבֿואות און קליידער, געהאַקט מעבל און אַלערליי חפֿצים, געבראָכן און פֿאַרניכטעט זאַכן, וואָס האָבן געקאָנט ברענגען נוצן

---

[15] הייליקע בילדער.

דער אָנקומענדער אַרמיי. און זי איז געקומען, געקומען פון אַלע זײַטן. פון אַלע זײַטן אָנגעצונדן די שטאָט און זיך אַרײַנגעגאָסן אין די גאַסן. יונגע־לײַט האָבן געפּרוווט זיך שטעלן אַנטקעגן און זײַנען אַרויס מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די רעוואָלווערן האָבן גע־פּישטשעט ווי קינדערשע ראָדביקסלעך. די סאָלדאַטן האָבן געענטפערט מיט אַ דונער פון געלעכטער און האָבן פון די יונגע־לײַט גע־צויגן די אָדערן אײנציקווײַז און געבראָכן זייערע ביינער אויף קליי־נע טיילן. דערנאָך האָט מען זיך געלאָזן איבער די הײַזער, די מענער געהרגעט, ווי מ׳האָט זיי געטראָפן, און די ווײַבער אַרויסגעשלעפּט אין מאַרק.

— ז —

איין קורצער קנײַלעכיקער קלאַפּ מיט דער פויסט, און דער שלאָס איז אָפּגעשפּרונגען און די טיר האָט זיך געעפנט.

וואַסיל האָט שוין צוויי מעת־לעת נישט געגעסן און נישט גע־שלאָפן. זײַן הויט האָט געברענט אין טרוקענער היץ. זײַנע ביינער זײַנען געווען ווי שלעכט צוזאַמענגעפּאַסט. די אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט און דאָס געזיכט ביז אונטער זיי פאַרוואַקסן מיט קליינע פלאַקס־ווײַסע הערעלעך.

— עסן! — האָט ער הייזעריק אַרויסגעכריפּעט.

קיינער האָט נישט געענטפערט. בײַם טיש איז געשטאַנען אַ לאַנ־גער ייִד אין אַ שוואַרצן ראָק, מיט שוואַרצע באָרד און פּיאות און כמורנע אויגן. ער האָט צענויפגעדריקט די ליפּן און פאַרעקשנט גע־שוויגן. וואַסיל האָט מיט כעס געמאַכט אַ טריט פאַרויס און נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— עסן!

נאָר אַרויסגעקומען איז עס מיט אַ טאָן נידעריקער. נעבן אַ פענצטער האָט ער דערזען נאָך אַ פיגור. אַ יונגע פרוי, אין ווײַסן, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר. צוויי גרויסע אויגן — קיין מאָל נישט געזען אַזעלכע גרויסע אויגן! — האָבן געקוקט אויף אים און אַרי־

בער, און דער קוק פֿון די אויגן איז געווען אַזעלכער, אַז וואַסיל האָט אויף אַ רגע אַ הייב געטאָן אַ האַנט צו פֿאַרשטעלן זײַנע. ער האָט דערפֿילט, אַז זײַנע קני ציטערן און אַז ער גייט־אָפּ ווי נאָך אַ פֿראָסט. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿרוי?... וואָס זײַנען עס פֿאַר אַ מענטשן?... גאָט! צו וואָס, צו וואָס האָבן זיי געדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן קריסטוסן?... און דערצו זײַנען זיי שולדיק אין אַלעם — ראַטשיק אַליין געזאָגט — אַז מענטשן האַלטן אין איין שווײַגן, און קוקן קוקט מען אַלע מאָל ערגעץ אַריבער, אין אַל די שוואַרץ־יאָר... און וואָס זײַנען זיי אויסן מיט דעם אַלעם?

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ מיט ביידע הענט.

ער האָט עפּעס דערפֿילט — און זיך אומגעקוקט. דער ייִד איז געשטאַנען נעבן אים, טויטבלאַס און מיט שׂנאה אין זײַנע אויגן. אַ ווײַלע האָט וואַסיל געקוקט שטומפּיק. און פּלוצעם האָט ער אָנגעכאַפּט די שוואַרצע באָרד און זי אַ ריס געטאָן מיט רציחה.

אַ ווײַסע פֿיגור האָט זיך אַרײַנגעשלײַדערט צווישן זיי. אָבער דער כּעס האָט אים שוין געשווינדלט דעם קאָפּ און געשאַרפֿט זײַן האַלדז. ער האָט אַ ריס געטאָן די ווײַסע פֿיגור מיט איין האַנט. טר־ר־ר!... אַ לאַנגער פּאַס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿונעם קלייד מיטן העמד צוזאַמען און געבליבן הענגען פֿאַרן אונטערשטן זוים. עס האָט געגעבן אַ פֿינקל אין זײַנע אויגן צום בלינד ווערן. אַ האַלבע ברוסט, אַ געטאָקטע זײַט, אַ פֿולע קײַלעכדיקע היפּט — אַלץ בלענדווײַס און פּוכקע, ווי ווײַסע חלה, צום טײַוול, אָט די זשידעס זײַנען אין גאַנצן געמאַכט פֿון ווײַסער חלה!... אַ קאָכיקער שטראָם האָט אַ ברי געטאָן זײַן גאַנצן קערפּער פֿון אויבן ביז אַראָפּ. די האַנט איז אויפֿגעפֿלויגן ווי אַ שפּרינגפֿעדער און זיך אַרײַנגעשאָסן אין ריס.

אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט זײַן האַלדז און זיך אײַנגעקלאַמערט אין פֿליש.

ער האָט לאַנגזאַם אומגעדרייט דעם קאָפּ צום ייִדן און געקוקט אַ ווײַלע מיט פֿאַרשמעלערטע אויגן און אויסגעשטשירעטע ציין, נישט אַראָפּוואַרפֿנדיק די ייִנגליש־שוואַכע פֿינגער פֿון זײַן קורצן

האַלדז. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אַקסלען, זיך אויסגעבויגן שטײַף און קײַלעכיק ווי אַ ראָד, אָנגענומען דעם יידן מיט ביידע הענט פאַר די פּיס, אים אויפגעהויבן אין דער הייך און אַ האַק געטאָן מיטן רוקן אין שאַרף פֿון טיש. און אַוועקגעוואָרפן ווי אַ צעבראָכענעם שטעקן.

אַ קליינער קרעכץ פֿון מאַן און אַ שנײַדיק געשריי פֿון דער פֿרוי. נאָר ער איז שוין געווען אויף איר. ער האָט זי צוגעדריקט צו דער ערד און געריסן די קליידער צוזאַמען מיטן פֿלייש. איצט איז זי געווען העסלעך, דאָס פּנים פֿלעקיק רויט, רויט דער שפּיץ פֿון דער נאָז, און די האָר צעפּאַטלט און אויף די אויגן.

— „מכשפֿה!״ — האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער, אָנגעכאַפּט איר נאָז און זי אַ דריי געטאָן ווי אַ שרײַפֿל. זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש — קורץ, מעכאַניש און צו הויך, ווי דער פֿײַף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו. דער קוויטש האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין מאַרך און אין גאַנצן ווילד געמאַכט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז און פֿאַרשטיקט.

נעבן זײַנע אויגן האָט געציטערט אַ ווײַסער אַקסל, אויף וועלכן עס איז געזעסן אַ פּולער, קײַלעכיקער טראָפּן פֿריש און גלאַנציק בלוט. זײַנע נאָזלעפּלעך האָבן זיך באַוועגט ווי פֿליגל. די ציין האָבן זיך צונויפֿגעשטשימעט[16] און גענומען זיך שאַרפֿן. און פּלוצעם האָבן זיי זיך פֿונאַנדערגענומען און זיך אײַנגעשניטן טיף אין ס'ווײַסע פֿלייש.

— — — ווײַסע חלה האָט דעם טעם פֿון שטײַפֿן, זאַפֿטיקן פּאַמעראַנץ. דער זאַפֿט איז וואַרעם. דער זאַפֿט איז הייס. און וואָס מער מ'זייגט, מער ברענט דער דאָרשט. דער זאַפֿט איז שאַרף און געדיכט, און מאָדנע געווירצט, און זייער מאָדנע געווירצט.

דאָס איז געווען ווי פֿליען אין אַ שליטן פֿון אַ הויכן באַרג

---

[16] צוזאַמענגעדריקט.

אַראָפּ, אַראָפּ. דאָס איז געווען ווי טרינקען זיך אין שאַרפן ברענענ־דיקן ספּירט. דאָס איז געווען — ביידע.

אין אַ קרײַז, אין אַ קרײַז זײַנען די זאַפטן פון לעבן געגאַנגען פון קערפּער צו קערפּער — פון אײנעם אין צווייטן, פון צווייטן אין ערשטן — אין אַ קרײַז, אין אַ קרײַז.

זײַלן רויך און זײַלן פלאַם האָבן געשטיגן צום הימל פון דער גאַנצער שטאָט. שעהען האָט געברענט דאָס פײַער אויפן גרויסן מזבח. די געשרייען פון די קרבנות — לאַנגע, געצויגענע, ענדלאָזע — זײַנען געווען זיס אין די אויערן פון אַ גאָט, אַזוי אײביק ווי דער אײביקער גאָט. און די צאַרטע טײלן, שענקל און ברוסט האָט גע־קראָגן דער כּהן.

רוסלענדער סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבייטערפּאַרטיי.

די קישינעווער הריגה.

I

מאַטעריאַלען און דאָקומענטן.

שער־בלעטל פון ביכעלע, געדרוקט אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר אין 1903 (געפינט זיך אין בוענאָס־אײַרעסער ייִוואָ).

א. ליעסין

פון דער באָבעס מעשיות

די מעשה מיט די קאָזאַקן און די יינגלעך

איז דער הימל ווי אַ פֿײַערטרעפּ געלעגן
אויף די אָונט־וועגן וואָלקנדיק אַנטקעגן.

קלינגט אויף חגא אונטן ווילד דער געלער קלויסטער;
און אין שטוב, אין שאָטנס אײַנגעטוליעטע,
הער איך מיט דער באָבען צו, ווי אַלץ צעבייזטער
ווילדעווען די קלאַנגען, די צעהוליעטע;
און צעציטערט איז די באָבע אויפֿגעשפּרונגען,
ווי אַ מעשה נורא קומט איר אויפֿן זין:
האָט מען דאָך אַזוי רציחהדיק געקלונגען
אויך פֿאַר צײַטן אין דער גזירה פֿון לובלין.

אין דער שטאָט פֿון גרויסן ליכט, פֿון דעם מהרש״ל [1],
בעת דעם פֿינצטערן קאַזאַקן־איבערפֿאַל.

און די הייסע לופֿט איז געל פֿון קלויסטער־קלאַנגען
און די מעשה בלוטיקט־אום אַ גלוטיקע [2];
זיבען רויט פֿאַר מיר אין וואָלקן אויפֿגעגאַנגען
די קאָזאַצקע אַנפֿאַלערס, די בלוטיקע,
מיט די ווילדע וואָנצעס, מיט די סטראַשנע טשובן [3],
אין די רויטע קאַפּטלס, אויף די פֿלאַמענפֿערד,
און די גלעקער רעווען, און די טרובעס טרובען,
און לובלין קומט־אום פֿון פֿײַער און פֿון שווערד.

---

[1] פסעוודאָנים פון תלמוד־מפרשן ר׳ שלמה בן יחיאל לוריאַ (1510 בריסק — 1573 לובלין. — [2] פֿײַערדיק. — [3] האָרגעפלעכט אויפן קאָפּ (ווי ביי אַ האָן).

ברענט מיט מאָרד דער הימל, רויט אַזוי ווי צונטער,
ווי מען צינדט עס דאָרט אַ שול מיט ייִדן אונטער.

האַקט פֿון קלויסטער מיט אַ פֿראָסט מיר דורכן רוקן
און די באָבע צאַפּלט זיך דערציילנדיק,
ווי איך טו צום בראַנד פֿון שול אין הימל קוקן,
און איך זע אַ קנויל פֿון קינדער קנוילנדיק,
וואָס מען יאָגט צום שמד מיט שווערדן אַלץ צעברויזטער;
ווערט דער גאַנצער מאַרק מיט חדר־ייִנגלעך פֿול,
צווישן מערדערלעכן, קלינגענדיקן קלויסטער
און דער אָנגעפּאַקטער, ברענענדיקער שול.

האַקט דער קלויסטער מיט נצחון פֿון דער הויך,
בעת די שול גייט־אויף אין פֿלאַמען און אין רויך.

נעמען זיך די ייִנגלעך פֿאַר די הענט צוזאַמען,
בעת דער טויט טוט טויזנט־שווערדיק הויערן;
רײַסן זיי זיך דורך די שווערדן צו די פֿלאַמען,
און דער שמע ישׂראל שפּאַלט די אויערן,
און זיי וואַרפֿן זיך אין קנאַקנדיקן פֿלאַקער,
און די באָבע לאָזט־אַרונטער שטום דעם קאָפּ,
און איך מורמל: „נצח ישׂראל לא ישקר״...
און איך וויש די טרער, די ברענענדיקע, אָפּ.

ניו־יאָרק 1938

ל. שאַפּיראָ

דער צלם

קאַפּיטלען

... אויף אונדזער שטאָט האָט זיך אָנגערוקט דער וואָלקן פון אַ פּאָגראָם אויף ייִדן. מאָדנע קלאַנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין שטאָט, שטילע און שאַרפע קלאַנגען, ווי דאָס צישען פון אַ שלאַנג. מענטשן זײַנען אַרומגעגאַנגען מיט געשפּיצטע אויערן, מיט פלינקע און קרומע בליקן, און האָבן „געשריבן" מיט די נעזער, ווי זיי וואָלטן געשפּירט עפּעס אַ פאַרדעכטיקן גערוך. אָבער שטיל און פאַרביסן.

מיר זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ הייסן נאָכמיטאָג צו אַן עקסטרע מיטינג אין מינאַס וווינונג, וועלכע איז געווען צו גלײַכער צײַט אונדזער קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר. די זיצונג האָט לאַנג נישט געדויערט: קורצע באַראַטונגען, קיינע דעבאַטן, און אַ באַשלוס — צו אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ ווי מעגלעך שנעלער. אין פאַרלויף פון מיטינג האָב איך אַ פּאָר מאָל באַמערקט אויף זיך מינאַס אויפמערקזאַמען בליק. און ווען די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן גענומען אײַנציקווײַז זיך פונאַנדערגיין, האָט זי מיר געגעבן אַ ווונק, איך זאָל בלײַבן.

איך בין געבליבן שטיין שוין מיטן הוט אויפן קאָפּ, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן און מיט בײדע הענט בײַם טיש, בעת מינאַ, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און די הענט צונויפגעלייגט אויף איר ברוסט, איז אַרומגעגאַנגען הין־און־צוריק איבערן צימער. מיר האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן גלײַך אויף מיר. זי איז געווען בלאָס, זייער בלאָס, און אירע אויגן, שוואַרץ און פינצטער, ווי בלויז מינאַס אויגן האָבן געקאָנט זײַן.

מיר איז קאַלט געוואָרן. מאָמענטאַל, ווי באַלויכטן פון אַ שטאַרקן

און פּלוצלינגן אויסבראָך פון פּײַער, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן מײַן געדאַנק: צו ווערן איינע פון די „ראַקעטן", וואָס באַלײַכטן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע — און באַצאָלן דעם פּרײַז דערפאַר.

און מינאַ האָט עס פאַרשטאַנען די ערשטע! זי האָט עס געזען אויף מײַן געזיכט, ווען דאָס איז פאַר מיר אַליין נאָך קלאָר נישט געווען.

— באַשלאָסן? — האָט זי געפרעגט אין אַ ווײַלע אַרום, מיט אַ האַלב פאַרשטיקטער שטים.

— באַשלאָסן. — האָב איך געלאָסן און פעסט געענטפערט, פילנדיק אַז דער באַשלוס ווערט אַנגענומען אין דער זעלביקער סעקונדע.

זי האָט אויף מיר געקוקט אַ ווײַלע און ווידער גענומען אַרומגיין איבערן צימער. אין אַ פאַר מינוט אַרום איז זי געווען רויִק און ערנסט ווי שטענדיק.

— איבעריקנס, מיר וועלן זיך דאָך נאָך זען. — האָט זי געזאָגט און מיר געגעבן איר האַנט.

גייענדיק אַהיים צו זיך און צו מײַן מוטער, האָב איך געפילט, אַז אַלע אבֿרים אין מיר זינגען. דערצו האָב איך געטראַכט, ווי מאָדנע עס איז דאָס מזל פון אַ מענטשן, וועמעס לעבנסוועג, וואָרשײַנלעך זייער אַ קורצער, ציט זיך פון אין פרוי, וועלכע ער האָסט כמעט, צו אַ צווייטער, וואָס ער הייבט־אָן זי צו ליבן.

אײדער איך בין אַרײַן אין טיר פון מײַן וווינונג, האָב איך געוואָרפן אַ בליק אויף דער שטאָט. די זון האָט געהאַלטן בײַם אונטערגאַנג און אַ לײַכטער, צאַרטער שלייער, געשפּינט פון גאָלד און פרידלעכקייט, איז געלעגן אין ווײכע פאַלבן אויף גאַסן און הײַזער. אונדזער שטאָט איז געווען אַ שיינע שטאָט.

*

מיר האָבן פאַרשפעטיקט. שוין אין דער זעלביקער נאַכט איז אויסגעבראָכן דער פאָגראָם. פּלוצעם, ווי אַן עקספּלאָזיע פון אַ פאַרויס

אונטערגעלייגטער מינע, און גראָד אין דער געגנט ווו איך האָב גע־וווינט. די ערשטע געשרייען האָבן זיך נאָך געפּלאָנטערט צו מײַנעם עפּעס אָן אומקלאָרן חלום. דערנאָך האָב איך פּלוצעם פֿאַרשטאַנען, בין אַראָפּ פֿון בעט, האָב אָנגעצונדן פֿײַער און זיך גענומען אויף שנעל אָנטאָן. אין דעם מאָמענט האָט זיך מײַן מוטער אויפֿגעזעצט אויף איר בעט און האָט אויף מיר אַ מאָדנעם קוק געטאָן. מיר איז געוואָרן אומהיימלעך. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי קוקט אויף מיר קאַלט און איראָניש, ווי עס וואָלט זײַן אַ פּאָגראָם אויף מיר און נישט אויף איר. אַ ווײַלע בין איך געבליבן שטיין, האַלב אָנגע־טאָן, און האָב אַ צעמישטער געקוקט אויף איר. און אָט אין דער ווײַלע האָט דאָס הויז אַ ציטער געטאָן, ווי אין די אָרעמס פֿון אַ שטורעם. די פֿענצטער האָבן געפּלאַצט מיט אַ קלינגערײַ. עס האָט זיך אויפֿגעבראָכן אין טיר נאָך דער צווייטער און צוזאַמען מיט אַ שוימענדיקער כוואַליע פֿון צעריסענע געשרייען און געוויינען פֿון גאַס האָט זיך אַרײַנגעריסן צו אונדז אַ באַנדע פּאָגראָמשטשיקעס.

איך בין אַ שטאַרקער מאַן, אָבער — ביז יענער נאַכט איז מיר קיין מאָל נישט אויסגעקומען זיך צו שלאָגן, ערנסט, מיט כּעס. ביז יענער נאַכט האָב איך נישט געוווּסט פֿון אמתן כּעס, וועלכער פֿאַר־שיכּורט, ווי שטאַרקער ווײַן; פֿון כּעס, וואָס קאָכט־אויף מאָמענטאַל ערגעץ אין בלוט, טוט אַ שטראָם איבערן גאַנצן קערפּער, אַ זעץ אין קאָפּ אַרײַן און פֿאַרפּלייצט אַלע רעיונות. און ווען די פּאָגראָמ־שטשיקעס — פֿאַרשיידענע: יונגע, עלטערע, מיט „היימיש" געוועט און גאָר אָן געווער — זײַנען אויף מיר אָנגעפֿאַלן, האָב איך זיך תּחילת געוועדט קאַלט און אין דער זעלביקער צײַט אַ ביסל צע־טומלט: איך האָב, דאַכט זיך, נישט רעכט פֿאַרשטאַנען, וואָס מ׳וויל פֿון מיר. נאָר פּלוצעם, פֿון עפּעס אַ קלייניקייט — מיר דאַכט, עמע־צער האָט צעבראָכן מײַן שרײַבגעצײַג מיט אַ וואָרף אין דר׳ערד — האָט אַ שטאַרקע היץ אַ ברי געטאָן מײַן גאַנצן קערפּער, אין קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען און מײַן האַנט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זיך אַליין. קעגנאיבער מיר איז געשטאַנען אַ קליין־געוואַקסע־

נער גוי, פֿון אומבאַשטימטער עלטער, מיט אַ מאָגערן, בלוטלאָזן געזיכט, מיט האַרטע געלע וואָנצעס און קלײנע, שפּיציקע אײגלעך, פֿול מיט קאַלטער רציחה. איך געדענק, אַז אויף דעם דאָזיקן פּרצוף האָב איך עס אַראָפּגעלאָזן מײַן פֿויסט און דערבײַ נישט געקענט צוריקהאַלטן אַ מאָדנעם ברום, ווי אַ צעווילדעטער אָקס. דערנאָך האָט זיך אַלץ געדרייט אַרום מיר און אין מיר, געדרייט זיך שנעל און הייס, און איך האָב געהאַט אַ משונהדיקע הנאה.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט. מײַן כּעס און הנאה זײַנען געוואַקסן אין דער זעלביקער מאָס, אין וועלכער מײַנע קרעפֿטן האָבן באַגעגנט ווידערשטאַנד און אים גובֿר געווען. אין דער זעלביקער צײַט האָט צו מיר געגרייכט פֿון ערגעץ זייער ווײַט אַ גרילצנדיקע, אײַנגעגעסענע שטים, ווי דאָס זשומען פֿון אַ מאָסקיט און אָפּגעריסענע ווערטער אין רוסיש: „מ'דאַרף נישט... מ'דאַרף נישט... בינדן... בינדן!"... דער ווידערשטאַנד האָט גענומען וואַקסן שנעל, שנעלער פֿון מײַנע קרעפֿטן, פֿון אַלע זײַטן, פֿון אויבן, פֿון אונטן, דערנאָך איז ער פּלוצעם פֿאַרגליווערט געוואָרן אַרום מײַן גאַנצן קערפּער, ווי אַ שטײנערנע הויט. די הנאה איז פֿאַרשווּנדן, און כּעס, הוילער העלישער כּעס, האָט געשרפֿעט מײַן ברוסט און געטריקנט מײַן האַלדז. ביסלעכווײַז איז ער געוואָרן פֿאַרקילט, פֿאַרפֿרוירן און איז געבליבן ליגן אויף מײַן האַרצן, ווי אַ שווער, שפּיציק שטיק אײַז. איך בין געקומען צו זיך.

איך בין געלעגן אויף דער ערד אַ געבונדענער, כּמעט אַ פֿאַרפֿאַקטער אין שטריק, צעוווּנדעט, צעבלוטיקט, און נאָענט אַרום מיר האָט אַרומגעטאַנצט דער קלײנער גוי מיט די שטעכיקע אײגלעך, אָבער מיט אַ שרעקלעך פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרענדערט געזיכט. בלוט האָב איך באַמערקט אויך אויף די פּנימער פֿון די אַנדערע ברואים, וואָס האָבן זיך געשטויסן אַרום מיר.

מ'האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, ווי אַן אָנגעפּילטן זאַק, און צוגעבונדן צום צופֿוסן־ווענטל פֿון מײַן מוטערס בעט.

מײַן מוטער! ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אין איר. זי

איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, קענטיק — מיר צו הילף. איצט האָט מען זי געשלעפּט צוריק צום בעט, ווו איך בין געשטאַנען גע־בונדן. איך האָב זי כמעט נישט דערקענט. אין איין העמד. ברייטע, מאָגערע ביינער. ווילד צעשויבערטע גרויע האָר און פינקלענדיקע אויגן. די ציין צוזאַמענגעדריקט און — שטום. מ׳האָט זי אַרײַנגע־שלײַדערט אין בעט, אַנטקעגן מיר.

*

שטעלט אײַך פאָר: וואָס איז אַ האָר — איין אײנציקע גרויע האָר — אויסגעריסן פון אַ קאָפּ? גאָר נישט, לחלוטין גאָר נישט. און צוויי האָר? און אַ פּאַסמע, אויסגעריסן מיט איין מאָל? און אַ סך פּאַסמעס לאַנגע, גרויע האָר? פּכע! גאָר נישט מיט גאָר נישט. געוויס: אַז מ׳ברעכט ביינער, קנאַקן זיי. אָבער אַז מ׳ברעכט שטעקלעך, טרוקן האָלץ און — ווייס איך וואָס נאָך? — קנאַקט עס אויך, דאָס איז אַ „נאַטירלעכע דערשײַנונג".

שטעלט אײַך פאָר: וואָס זײַנען צוויי אַלטע, אײַנגעשרומפּענע בריסט? — פליש. שטאָף איז עס. עס באַשטייט פון געוויסע „עלע־מענטן" — אַט פרעגט אַ כעמיקער! און ווען אַפילו דאָס זײַנען די בריסט פון אײַער מוטער — צוויי צניעותדיקע בריסט, וואָס האָבן אײַך אויסגעזויגן און וועלכע איר האָט קיין איינציק מאָל נישט גע־זען אויפגעדעקט פון אײַער קינדהייט אָן? און ווען אַפילו מ׳רײַסט זיי אויף שטיקלעך מיט שמוציקע פינגער פאַר אײַך אין די אוי־גן? — — —

זאָגט מיר, איך בעט אײַך: וואָס ווייסט די נאַטור, דער וועלטאַל, וועגן שמוץ און שאַנד? נישטאָ אין וועלטאַל אַזעלכע זאַכן ווי שמוץ און שאַנד.

אָ, געוויס: קיין מאָל, קיין מאָל נאָך איז אַ מענטשלעכער קער־פּער, דער פײַנער קערפּער פון מענטש און פרוי, אַזוי נישט באַ־שפּיגן און דערנידעריקט געוואָרן! אָבער — וואָס אַרט עס מיך? וואָרעם — ווייסן זאָלט איר זײַן: נישטאָ אין דער נאַטור אַזאַ זאַך, ווי שמוץ און שאַנד.

עס גייט אַוועק אַ יאָר און צוויי, און צען, און הונדערט און צוויי הונדערט. ווי איז עס מעגלעך? ווי איז עס מעגלעך, איך זאָל אַזוי לאַנג לעבן? קאָן דען אַ מענטש אַזוי פיל לעבן?

מאַמע: טו אַ געשריי, נו — טו אַ געשריי! אַ קלאַג אויף דיר! וואָס מיינסטו — עס זיינען דיר יענע יאָרן, ווען דו פלעגסט מיך שלאָגן מיט אַזאַ רשעות און דערביי שווייגן!... כאָטש איין געשריי, כאָטש אַ קרעכץ! אָ, גאָט! — — —

יאָרן נאָך יאָרן — — —

איר זעט אָט דאָרטן דאָס פאַרבלוטיקטע פנים? דאָס איז דאָס ערשטע מענטשלעכע פנים, וואָס איך האָב דערזען ביים אויפטאָג פון מיין לעבן. אַ שטרענג, אַ פאַרוואָלקנט פנים, אָבער — דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געזען אין מיין לעבן. די פרוי מיט אָט דעם פנים פלעגט מיך שלאָגן און איך האָב זי פיינט געהאַט. און נאָך איצט האָב איך זי פיינט, און נאָך מער ווי פריער, און מיין שׂנאה שטיקט מיך צום דערוואָרגן ווערן. וואָרעם פאַר וואָס דען, אויב נישט אויס האַס, קוק איך צו מיט אַזאַ דאָרשט, ווי דאָס פנים ווערט פאַרענדערט פון מינוט צו מינוט? פאַר וואָס פאַרמאַך איך נישט די אויגן, פאַר וואָס קריכן זיי פון מיין קאָפּ, מיט אַזאַ ווייטיק, מיט אַזאַ ברענענדיקער נייגעריקייט? גוטע, ליבע מענטשן: שטעכט מיר אויס מיינע אויגן! וואָס קאָן עס אייך אַרן? איין שניט מיט אַ מעסער, רינען זיי אויס, אָט די צוויי בלעזלעך מיט וואַסער, אָט די, אָט די פאַרשאָלטענע צוויי בלעזלעך מיט וואַסער, וועלכע איך דאַרף, כ'לעבן, נישט האָבן. איר לאַכט! איר זייט פריילעכע מענטשן, זייער פריילע־כע מענטשן, אָבער — שטעכט זיי אויס. וואָס קאָן עס אייך אַרן? — יאָרן און יאָרן.

*

דער קליינער גוי האָט געזאָגט:

— די אַלטע כלבטע וויל אַלץ ניט שרייען. לאָזט מיך נאָר צו נענטער צו איר.

עס האָט געדויערט אַ ביסל, דערנאָך האָב איך דערהערט אַ קול.

דאָס איז געווען אַ קרעכץ, אַ געוויין, אַ געשריי — אַלץ צוזאַמען, און ווערטער אין דעם געשריי, און הגם די שטים איז געווען הײַזעריק און ווילד פֿאַרענדערט, האָבן זיך די ווערטער אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן קלאָר און אויסדריקלעך ווי לאַנגזאַמע, אָפּגעטיילטע קלעפּ אין אַ גלאָק:

— אוי, מײַן זון!

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן.

שוויס ווי אַ רעגן האָט אַ גאָס געטאָן פֿון מײַן שטערן און האָט אָנגעפֿילט מײַנע אויגן. איך האָב זיך אַ ריס געטאָן מיט אַלע קרעפֿטן און די שטריק האָבן זיך אײַנגעשניטן טיפֿער אין מײַן לײַב. גאָט האָט זיך איבער מיר דערבאַרעמט אויף אַ ווײַלע: דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרייט און כ׳האָב פֿאַרלוירן מײַנע געדאַנקען. אָבער איך האָב נאָך צײַט געהאַט צו הערן אַ געלעכטער אַרום מיר. דערנאָך בין איך געקומען אויף אַ מינוט צו זיך, און ווידער האָט דער קליינער גוי געזאָגט:

— גענוג. זאָל זי ביסלעכווײַז אָוועקפּגרן פֿאַר אים אין די אויגן. און אים וועל איך איבערצלמען, כּדי צו ראַטעווען זײַן זשידאָווסקע נשמה פֿון גיהנום.

איך האָב דערפֿילט צוויי טיפֿע שניט אויף מײַן שטערן, אײנעם איבערן אַנדערן, און האָב ווידער דערהערט אַ געלעכטער. אַ קליינער וואַרעמער שטראָם איז אַראָפּגעלאָפֿן פֿון מײַן שטערן איבער דער נאָז און איז אַרײַנגערונען צו מיר אין מויל.

איך האָב נאָך אַ מאָל פֿאַרלוירן די געדאַנקען.

*

אַבסאָלוטער חושך. אַבסאָלוטע שטילקייט. קיין איינציקער אײַנדרוק פֿון דרויסן, קיין פֿעסטער פּונקט פֿון אינעווייניק, בלויז עפּעס אַן אומרויִקייט, אַ שווערע אומרויִקייט און אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו געפֿינען עפּעס אַ וועלכן עס איז פּונקט. אַ וואָרט האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער דאָזיקער וועלט פֿון תּוהו־ובֿוהו. אַ קליין וואָרט:

„וואָס?...״ און דרײַ מאָל: „וואָס? וואָס? וואָס?...״ און צוואַנציק מאָל „וואָס״... און דאָס וואָרט וואַקסט און פֿאַרשפּרייט זיך, און פֿאַרמערט זיך, און עס ווערט פֿון דעם: „וואָס איז דאָ?... וואָס איז אַרום?... וואָס איז איך און וואָס איז אויסער איך?״... און פּלוצעם — אַ שאַרפֿע ליכטיקייט מיט אַ שטאַרקן ווייטיק צוזאַמען בײַ מיר אין קאָפּ. דרײַ ווערטער שטעקן אין מײַן מוח, ווי אַ דינע, לאַנגע נאָדל, אַרײַנגעשטאָכן פֿון איין אויער ביז צום צווייטן: „אוי, מײַן זון!״

מאָמענטאַל בין איך געקומען צו מײַנע געדאַנקען.

נאַכט. דער לאָמפּ איז אויסגעגאַנגען אָדער זיי האָבן אים אויסגעלאָשן פֿאַרן אַוועקגיין. איך שטיי צוגעבונדן צום בעט און אויף מײַן שטערן, פֿיל איך, ברענט אַ וווּנד, ברענט שאַרף און מאַכט פֿאַרגעסן אין די אַנדערע ווונדן. פֿון שטאָט גרייכן אַהער פֿאַרשיידענע קולות; די שטאָט שרײַט אין מיטן דער נאַכט, שרײַט פֿאַרדומפּן, מיט פּלוצלינגע שאַרפֿערע אויסבראָכן פֿון צײַט צו צײַט, ווי אַ ווײַטע שׂריפֿה. נישט ווײַט פֿון מיר, אויפֿן בעט, צאַפּלט זיך עפּעס אין דער פֿינצטער.

— מאַמע!

שטיל.

— מאַמע?

קיין ענטפֿער. מײַן קול דערגרייכט נישט אַהין, אין יענער וועלט פֿון יסורים, וווּ עס שוועבט־אַרום איר שטרענגער, רויער גײַסט. „אוי, מײַן זון!״. — האָט זי מיך גערופֿן. יאָ, איר זון, דען יעדער טראָפּן בלוט, וואָס זי פֿאַרלירט אַצינד, פֿליסט־אַרײַן דורך אומבאַקאַנטע וועגן אין מײַנע אָדערן און צינדט דאָרט אָן אַ העליש פֿײַער. „אוי, מײַן זון!״ — אַ שווערער האַמער הייבט זיך לאַנגזאַם און אָן אויפֿהער אַרויף־און־אַראָפּ, און פֿאַלט יעדעס מאָל אויף מײַן קאָפּ, און — גאַנצע וועלטן פֿאַלן אין חורבֿות.

*

— וואָס איז עס אויף דײַן שטערן?

— דאָס איז כּדי צו ראַטעווען מײַן נשמה פֿון די יסורים פֿון גיהנום — ענטפֿער איך.

זיי שאָקלען מיט די קעפּ און הייבן־אָן זיך פֿונאַנדערצוגיין. איך ווער אומרויִק.

— וואַרט! — זאָג איך — איך וועל אײַך דערקלערן.

זיי שאָקלען מיט די קעפּ און ווערן פֿאַרשווּונדן — — — —
— —

„איך בין דער גאָט, וואָס האָט דיך פֿון מצרים אַרויסגעצויגן!"

„קיין אַנדערע געטער צוזאַמען מיט מיר!"

„אַן אל נוקם ונוטר בין איך — און פֿאַרלאַנג פֿון דיר: זײַ עפּעס!"

דער אָטעם פֿון שטורעם ציט זיך איבער דער אויפֿגעטרייסל־טער מחנה. די שקלאַפֿישע קערפּערס ציטערן, ווי אונטער דער בײַטש, אָבער די טונקעלע, מאָגערע גערזיכטער און די שוואַרצע פֿי־בערישע אויגן צינדן זיך אָן מיטן רויטן פֿײַער, וואָס באַקרוינט דעם קאָפּ פֿון באַרג — — — — — — — — — — — — — —
— —

„אוי, מײַן זון!" — האָט זי געזאָגט. בזה הלשון: „אוי, מײַן זון" —
— —

עס טאָגט.

דער קאָפּ איז פּוסט און גרויס ווי אַ פֿאַס. מ'וואָלט באַדאַרפֿט אַוועקגיין פֿון דאַנען. יאָ, אַוועקגיין; אָבער — אַהאָ, די שטריק! מ'קאָן געפֿינען אַ מיטל. עס מוז זײַן עפּעס אַ מיטל אַזאַ — אַזאַ — מיטל.

איך שטרענג זיך אָן צו ברענגען מײַנע געדאַנקען כאָטש וויפֿל עס איז אין אָרדענונג.

אָט איז אַן אײַזערנער נאָגל. אין ווענטל פֿון בעט, צו וועלכן איך בין צוגעבונדן, איז אַרײַנגעשלאָגן און האַלב פֿאַרבויגן אַ נאָגל מיט אַ ברייט קעפּל. ווי קומט אַהער אַ נאָגל? דאָס איז נישט וויכ־טיק, אָבער מיט דעם נאָגל קאָן מען — וואָס קאָן מען מיט דעם נאָגל?

איך האָב זיך אַזוי לאַנג געדרייט און געוואָרפֿן, ביז מיר האָט זיך איינגעגעבן צוצורוקן איינעם פֿון די שטריק צום נאָגל. דאַן האָב איך גענומען רייבן מיטן שטריק איבערן שאַרפֿן אייזערנעם קעפּל.

שעהען זיינען פֿאַרביי. איך בין געוואָרן דול און האָב קוים גע־ וווּסט וואָס איך טו, אָבער איך האָב מיין אַרבעט, קענטיק, פֿאַרגע־ זעצט מיט דער פּינקטלעכקייט און עקשנות פֿון אַ מאַשין. עס איז געקומען אַזאַ מינוט און די שטריק האָבן עטוואָס נאָכגעגעבן. נאָך און נאָך אַ ביסל אָנשטרענגונג — און ביי מיינע פֿיס זיינען געלעגן צעריסענע, צעריבענע שטריק. ביי מיינע פֿיס זיינען געלעגן צעבראָ־ כענע שאַרבנס פֿון געטער.

*

איך האָב זיך אָנגעבויגן איבערן בעט. דאָרט האָט נאָך אַלץ געפֿיבערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום ענלעכ־ קייט צו קיין מענטשן, אָבער דאָס קרעכצן איז שוין געווען אַזוי שטיל, אַז מיין אויער האָט עס קוים געכאַפּט. איך האָב שטיל אַרויס־ גערעדט: „מאַמע"... מיין אָטעם האָט געגרייכט צו דער וווּנד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ געזיכט, און איך האָב נאָך אַ מאָל געזאָגט: „מאַ־ מע!"...

אַ באַוועגונג איז פֿאָרגעקומען איבער דער וווּנד און עפּעס האָט זיך געעפֿנט. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט: דאָס איז געווען אַן אויג. איין אויג — דאָס אַנדערע איז אויסגערונען. דאָס אויג איז געווען אַרומגעזאָטן מיט בלוט, אָבער עס האָט נאָך אַלץ געפֿינקלט ווי אַ טליִענדיקע קויל.

האָט עס מיך דערקענט? — כ'ווייס נישט. מיר האָט זיך גע־ דאַכט, אַז יאָ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס קוקט אויף מיר מיט אַ פֿראַגע און אַ שטרענגן פֿאַרלאַנג. „יאָ, יאָ, עס וועט זיין רעכט!" — האָב איך געזאָגט הויך און ערנסט, נישט ווייסנדיק אויף קלאָר וועגן וואָס איך רייד. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקוקט אין צימער. צווישן די אַנדערע שטיקער פֿונעם צעבראָכענעם מעבל איז געלעגן אַ פּיסל פֿונעם טיש. עס איז געווען קיילעכדיק, דיק און געטאָקט.

עס האָט געטויגט. איך האָב אויפֿגעהויבן דאָס טישפּיסל און מיט מײַן גאַנצער קראַפֿט האָב איך עס אַראָפּגעלאָזן אויף דעם גלי׳ענדיקן אויג. דאָס פֿאַרבלוטיקטע „עפּעס" האָט געגעבן איין־איינציקן צוק און איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין. נישטאָ מער דאָס גלי׳ענדיקע אויג. אַ קורצער שליוכץ מיט עפּעס אַ מאָדנעם, באַלד פֿאַרשטיקטן בריל האָבן דערגרייכט צו מײַן אויער. אָבער דאָס איז געווען אָן מײַן ווילן, איך פֿאַרזיכער אײַך. דערצו איז די שטים געווען אַזוי פֿרעמד, אַז איך בין ניט זיכער, צי זי איז געווען מײַנע.

ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָט די זון געהאַלטן בײַם אונ־טערגייען, די אַלטע זון, וואָס האָט דאָ געשפּיגלט איר גאָלד מיט טויזנט יאָר צוריק. ווער האָט עס געזאָגט, אַז טויזנט יאָר איז מער פֿון איין מעת־לעת? — איך בין אַלט געווען טויזנט יאָר.

*

עס קומען די טונקלסטע טעג אין מײַן לעבן.

די שטאָט האָט איבערגעלעבט אַ מין קדחת. שׂריפֿות. רציחות. בלוטיקע געשלעגן און אַ שיסערײַ אין די גאַסן. עס האָט זיך, קענ־טיק, דאָך אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ, שוין אונטערן פֿײַער פֿונעם פּאָ־גראָם.

וואָס האָב איך געטאָן דעמאָלט? איך ווייס נישט. אָט האָב איך זיך געפֿונען אין די רייען פֿון זעלבשוץ און אָט — אין דער מאַסע פֿון די פּאָגראָמשטשיקעס. איך האָב זיך געפֿילט, ווי אַ בלעטל גע־טראָגן פֿון שטורעם. אויף מײַן שטערן האָט געברענט דער צלם. אין מײַנע אויערן האָט געקלונגען: „אוי, מײַן זון!"...

אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָב איך איין מאָל באַגעגנט מײַן גוי — דעם גוי וואָס האָט, לכל הדעות געהערט צו מיר אַליין. איך האָב געהאַט אַזאַ געפֿיל, אַז אויב איך וויל, מעג איך אים נעמען און אַראָפּלאָזן צו מיר אין קעשענע. ער איז געוואָרן בלאַס און איז, קענטיק, נישט אין שטאַנד געווען צו רירן זיך פֿון אָרט. איך האָב אים אָבער נישט גענומען. ער האָט גאָרנישט ניט געוועקט אין מיר.

איך האָב אים בלויז פֿרײַנדלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און פֿריילעך צוגעוווּנקען צו אים מיט איין אויג. איך האָב נישט באַמערקט, אַז דאָס זאָל אים געווען האָבן צוגעגעבן מער מוט.

אַ צווייטע סצענע איז פֿאַרבליבן אין מײַן זכרון. אַן אַלטער ייִד לויפֿט איבער דער גאַס, און נאָך אים — אַ יונגער שייגעץ פֿון אַ יאָר זעכצן מיט אַ האַק אין האַנט. דער שייגעץ דעריאָגט דעם אַלטן און מיט איין קלאַפּ שפּאַלט ער אים דעם קאָפּ. און אַז דער אַלטער פֿאַלט, דריקט דער שייגעץ צו מיט זײַן שטיוול דעם געעפֿנטן קאָפּ. אין דער רגע לויפֿט־אָן אַ ייִדישער יונגער־מאַן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. אַ בלאַסער יונגער־מאַן. אַ מאָגער געזיכט. ברילן. זיי לויפֿן, און איך — נאָך זיי. דער יונגער־מאַן שיסט־אויס און טרעפֿט נישט. דער שייגעץ פֿאַרלאָזט די אָפֿענע, ברייטע גאַס און לאָזט זיך אין אַ הויף אַרײַן. איך האָב זיך אין עפּעס פֿאַרטשעפּעט און בין געפֿאַלן.

ווען איך בין אַרײַן אין הויף, איז דער שייגעץ געשטאַנען אין אַ ווינקל, מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט בײַם פּלויט. זײַן כמעט קינדעריש געזיכט איז גרין געוואָרן, די גרויע אויגן זײַנען געווען גרויס און קײַלעכדיק און די ציין זײַנע האָבן געקלאַפּט שנעל און דראָבנע.

דער יונגער־מאַן איז געשטאַנען האַרט נעבן אים מיטן רעוואָלווער אין דער אויפֿגעהויבענער האַנט, אָבער זײַן פּנים איז געווען נאָך בלאַסער ווי פֿריִער. ער האָט געקוקט אויף דער ווילדער שרעק פֿון יונגן בלוט־און־פֿלייש, געקוקט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער צוגעשטעלט דעם רעוואָלווער צו זײַן אייגענעם קאָפּ און האָט אויסגעשאָסן.

אין דעם שייגעצס אויגן איז פֿאַרלאָשן געוואָרן די לעצטע שײַן פֿון זינען. ער האָט זיך צוגעזעצט צום קערפּער, וואָס האָט געצוקט נעבן זײַנע פֿיס, האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבן און מיט אַ משוגענעם געשריי איז ער אַריבערגעשפּרונגען איבערן טויטן און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויף.

בײַ מיר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ הויך געלעכטער. מײַן פֿוס

האָט זיך אַליין אויפגעהויבן און אַ בריק געטאָן דעם פאַרבלוטיקטן פגר, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעדרייט אויף דער ערד ווי אַ צעטראָ־טענער וואָרעם.

*

דאָס האָט געדויערט טעג־און־נעכט. איך ווייס נישט וויפל. און אין אַן אָוונט בין איך געשטאַנען נעבן אַ טיר און האָב געקלאַפּט אין איר אויף אַ געוויסן אופן. דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז עס גייט אַ היימישער. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ סיגנאַל? צו וואָס האָט ער געדינט און פון וואַנען האָב איך אים געוווּסט?... איך האָב זיך די דאָזיקע פראַגעס נישט געשטעלט, ווי מ'שטעלט זיך נישט אַזעל־כע פראַגעס אין אַ חלום. די טיר האָט זיך געעפנט און איך האָב דערזען מינאַן.

אַ בליץ האָט זיך אָנגעצונדן ביי מיר אין מוח און אויף אַ רגע האָט מיך אָנגענומען אַן אימה. איך האָב פאַרשטאַנען, ווו איך בין און וואָס איך וועל טאָן. און באַלד אויף דער שוועל בין איך געוואָרן רויִק.

זי האָט מיך נישט גלייך דערקענט. דערנאָך האָט זי זיך אַ טרייסל געטאָן, האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און מיך אַריינגעשלעפּט אין צימער. איך האָב געלאָזן אַוועקזעצן מיך אויף אַ שטול.

זי האָט געקוקט אויף מיין קאָפּ און אויף מיין שטערן, ווו דער צלם האָט געברענט, און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרדומפּן קול:

— דערציילט.

איך האָב איר דערציילט. כ'האָב דערציילט גערן, געלאַסן, אַלץ. די יסורים פון מיין מוטער — מיט עטלעכע שענדלעכע אייִנצלהייטן. אויף איר געזיכט האָבן זיך געביטן די קאָלירן: רויט, ווייס, גרין און געל. ווען איך האָב געענדיקט, האָב איך זיך פאַרנייגט פאַר איר מיט אַן איינגענעם שמייכעלע. זי האָט עס קוים באַמערקט און האָט איינגעגראָבן איר געזיכט איןביידע הענט. דערנאָך האָט זי אָפּגע־דעקט איר פּנים, וואָס איז געווען פאַרוויינט — אמתע טרערן, אויף

מײַנע נאמנות: נאַסע, װײכע און, איך גײ אין געװעט, אַזעלכע װאַ־רעמע! — האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פֿאַר מיר אויף די קני און גענומען מײַן האַנט. מײַן שמײכעלע איז געװאָרן ברײטער. דאָס מאָל האָט זי עס דערזען, האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד און אָנגע־הויבן אַרומצוגײן הין־און־צוריק איבערן צימער, װאַרפֿנדיק אויף מיר אומרויִקע בליקן. איך בין מיר געזעסן און האָב געשמײכלט, װי מיר האָט זיך געדאַכט, זײער אײַנגענעם.

ענדלעך האָט זי בײַ זיך געפּועלט אָנצװװענדן עפּעס אַ מיטל, װאָס זי האָט, קענטיק, גערעכנט פֿאַר זײער שאַרף. זי האָט זיך צו־ריק אַװעקגעזעצט אויף דער שטול קעגנאיבער מיר און האָט שטיל געפֿרעגט:

— און אײַער באַשלוס?...

מײַן באַשלוס? װעלכער באַשלוס?... װאַרט אַ װײַלע... יאָ, מיט יאָרן צוריק, מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָב איך אָנגענומען עפּעס אַ באַשלוס, זײער אַ װיכטיקן באַשלוס, אָבער — װעגן װאָס?... און פּלוצ־צעם האָב איך זיך דערמאָנט.

איך האָב זיך פֿונאַנדערגעלאַכט איר אין פּנים אַרײַן. באַלד דער־נאָך בין איך געװאָרן ערנסט און האָב איר אַ קוק געטאָן גלײַך אין די אויגן. זי איז געװאָרן װײַס װי לײַװנט און איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול. איך בין אויך אויפֿגעשטאַנען פֿון מײַן אָרט לאַנגזאַם און רויִק.

איך האָב זי פֿאַרגעװאַלטיקט.

זי האָט זיך געװערט, װי מײַן מוטער. אָבער װאָס האָבן גע־קלעקט אירע קרעפֿטן קעגן דעם מאַן מיטן צלם אויפֿן שטערן? אויף איר פּנים איז אָנגעגאַנגען אַ מוראדיק שפּיל פֿון פֿלאַמענדיקער רויט־קײט און בלײכקײט פֿון אַ מת. געשריגן האָט זי נישט; זי האָט צע־ביסן איר אונטערשטע ליפּ, זי האָט צעקײַט און געשלונגען דאָס בלוט. און איך האָב געטאָן מײַן אַרבעט. מיט אַלע דערנידעריקנדיקע אײנצלהײטן. דאָס האָט געדויערט לאַנג.

דערנאָך האָב איך זי דערשטיקט. דאָס האָב איך געמאַכט קורץ

און שטורמיש. איך האָב אַרײַנגעגראָבן מײַנע פֿינגער, לאַנגע, בײ־נעריקע פֿינגער, אין איר ווײַסן האַלדז. זי איז געוואָרן רויט, בלוי און באַלד דערויף שוואַרץ. עס האָט גיך גענומען אַן ענד.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול און כּמעט אין דער זעלביקער רגע בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן, ווי איך וואָלט מיט אַ מאָל פֿאַרזונקען אין אַ טיף וואַסער. קיין חלומות.

*

אַז איך האָב דערוואַכט, האָב איך באַמערקט, אַז דאָס סטעאַרין־ליכט אויפֿן טיש איז כּמעט נישט קלענער געוואָרן. איך בין גע־שלאָפֿן, וואָרשײַנלעך, נישט מער ווי פֿופֿצן מינוט. אָבער איך בין געווען פֿריש, מונטער און רויִק. דער אויסגעשריי: „אוי, מײַן זון!״ — האָט מיך ביז הײַנטיקן טאָג נישט פֿאַרלאָזן, אָבער פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן ווייכער, מוטערלעכער. מײַן מאַמעס נשמה האָט געפֿונען אַ תּיקון.

אונדזער קאָנספּיראַטיווע קוואַרטיר איז געווען אײַנגעאָרדנט באַ־קוועם, כּמעט עלעגאַנט, אויף אויסצומײַדן יעדן חשד. איך בין אַרײַן אין טואַלעט־צימער און האָב זיך גוט אָפּגעוואַשן דעם קאָפּ און די הענט. דער שפּיגל האָט מיר געוויזן, אַז איך בין גרוי. איך האָב ענדלעך דערזען אָט דעם צלם, וואָס איך האָב די גאַנצע צײַט בלויז געפֿילט. די וווּנד האָט מער נישט וויי געטאָן; זי האָט בלויז אַ ביסל געביסן.

תּחילת האָב איך געוואָלט נעמען אַ מעסער, אָפּשנײַדן אַ פּאַס פֿון שטערן און — אָפּמעקן דעם צלם. דערנאָך האָב איך זיך באַ־קלערט — זאָל ער בלײַבן. „לטוטפֿות בין עיניך״ [1]... האַ! אַזעלכע „טוטפֿות״ האָט עס אונדזער אַלטער, ליבער גאָט געמיינט?

*

איך בין קיינעם גאָר נישט שולדיק געווען און האָב פֿאַר קיין זאַך נישט געוואָלט צאָלן.

---

[1] (דברים ו, ח׳) פֿאַר אַ האַלדזבאַנד צווישן דײַנע אויגן (יהואָש). תּפֿילין.

שוין די זעלביקע נאַכט האָב איך פאַרלאָזן אונדזער שטאָט. אין צווי טעג אַרום בין איך אַריבער די דײַטשישע גרענעץ און האָב זיך אַוועקגעלאָזן קיין אַמעריקע.

דער ים האָט מיך אויפגענומען מיט ענדלאָזער ברייטקייט, מיט רויע ווינטן, מיט שאַרפן, געזאַלצענעם אָטעם. און גערעדט האָט ער צו מיר פון וואונדערלעכע זאַכן, גערעדט־גערעדט און געשוויגן־גע־רעדט. מיט פרייד און שטוינען האָב איך אים צוגעהערט, און נישט אין ווערטער וועל איך איבערגעבן, וואָס ער האָט מיר דערציילט.

כמעט באַלד נאָך מײַן קומען אין אַמעריקע האָב איך זיך אַוועק־געלאָזן וואַנדערן איבערן לאַנד. און די פרעריע האָט גענומען מיר פאַרטײַטשן אויף איר לשון, וואָס דער ים האָט געמיינט מיט זײַנע רייד. אָ, די פרעריע! אירע נעכט, אירע טעג!...

שוין באַלד דרײַ יאָר זינט איך וואַנדער־אַרום. און איך, נײַ־גע־בוירן קינד, שפּיר, אַז איך בין שוין געננוג קרעפטיק. אין גיכן וועל איך גיין צוריק צום ישוב.

און דעמאָלט — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

איך האָב אַ קוק געטאָן אין זײַן זײַט, אָבער ער האָט מער גאָר נישט געזאָגט. אין מיר האָט ער, קענטיק, פאַרגעסן. און איך, אַ מענטש וואָס איז שוין יאָרן לאַנג געווען דרויסן פון אַלעם, האָב גע־טראַכט: עס וועט אויפשטיין אַ דור פון אײַזערנע מענטשן און זיי וועלן אויפבויען דאָס, וואָס מיר האָבן דערלאָזן חרוב צו ווערן.

יוסף קירמאַן

אַ תפילה

האַר,

דורך אַלע דײַנע הימלען ברעכן זיך די דונערן איבער אונדזער נאַקן צו דער ערד אַראָפּ.

איבער אונדזער לײַב — װײַס און צאַרט װו'אַ לױז געװיקס —
פֿאַלט דער האָגל האַרט צוריק.
און ס'איז מײַן קאָפּ, װאָס האָט אײן מאָל זיך אַ הײב געטאָן
צו דער ליכטיקײט אַרױף,
שטײן געבליבן פֿאַר די הימלען אין דער אײביקײט געװענדט:
האַר, װי ס'צינדט־אָן דײַן האַנט אַ נעסט פֿון שטרױ
און ציטערט־אױף די װאָרצלען פֿון אַן אַלטן דעמב —
שטײ איך נאַקעט פֿאַרן בליץ,
אין נס פֿון מײַנע ציט'ריקע רײד —
האַר!

װאַרשע 1929

שפּילקי — „שלאָג די ייִדן!", קאַריקאַטור פֿון פֿאַרמלחמהדיקן פּױלן

4

געגוג בלוט און מארך געקאסט

ה. רויזנבלאַט

אַ בריוועלע

איך האָב אַ בריוועלע פֿון דר׳היים,
און דאָרטן שטייט געשריבן:
„זײַ וויסן, אַז מיר האָבן זיך
פֿון שטאָט אַרויסגעקליבן!

עס האָט בײַ אונדז זיך אויפֿגעבויט
אַ „שטעטעלע״ אַ נײַעס,
און דאָרטן וווינען מיר אַצינד
אָן שרעק און אָן אַחריות...

געגנוג האָט בלוט און מאַרך געקאָסט,
אַהין דאָס איבערקלײַבן —
אוי, גאָטעניו! מיר זאָלן דאָרט
כאָטש אומגעשטערט שוין בלײַבן!

נאָר ווי עס איז מיר האָבן דאָ
כאָטש אַלע פֿרײַע דירות...
מען זאָל אונדז ניט מקנא זײַן
אויף אונדזער גרויס עשירות...

פֿאַר יעדערן אַ שטיבעלע,
אַפֿילו בלויז פֿיר איילן.
נאָר, דאַנקען גאָט, מען דאַרף זיך ניט
מיט שכנים כאָטשבי טיילן.

עס איז אַפילו פינצטער דאָ,
ניטאָ קיין שטראַל צו זען,
נאָר עס, מען איז שוין לאַנג געוווינט
אָן ליכט זיך צו באַגיין...

דערפאַר האָט אָבער יעדערער
אַ בוימל פאַר זײַן דירה,
ווו אין די שטילע זומערנעכט
די פייגל זינגען שירה.

און שיין איז אונדזער שטעטעלע,
און שטיל איז אַ מחיה...
און אָט אַזוי אָ קומען צו
דאָ טעגלעך דירות נײַע...

נאָר ווי עס איז, מען ווינט דערווײַל
אָן שרעק און אָן אַחריות.
און איצטער זײַ מיר, קינד, באַגליקט —
ניטאָ שוין מער קיין נײַעס...״

1906

שלום עליכם

דאָס 105טע קאַפּיטל פון ראָמאַן אין 2 בענד

דער בלוטיקער שפּאַס

חיבוט הקבר

וואָס מער דער אמתער ראַבינאָוויטש, פאַרנדיק ראַטעווען זײַן חבר, דעם אמתן פּאָפּאָוו, האָט זיך דערווײַטערט פונעם רוסישן צענ־

טער און וואָס נענטער ער איז געווען צו דער יידישער „טשערטאַ״ [1], אַלץ מער האָט ער זיך געפילט אין דער היים און אַלץ מער האָט ער געפילט דעם יידישן טעם מיטן יידישן שמאַרץ, מיטן יידישן גלות. און וואָס מער ער האָט דאָס געפילט, האָט דאָס אים אַלץ מער הנאה געטאָן און ער האָט זיך געפרייט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט ביי ציינטנס אויפגעוואַכט און קאָן פאַרריכטן דעם פעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען, וואָס ער האָט צוליב אַ זיסן חלום פון אַ בת־מלכה זיך אין גאַנצן אָפּגעריסן פון זיין פאָלק, און לחלוטין אויסגעטאָן זיך פון זיין יידישקייט. און נאָך מער האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער פאָרט ראַטעווען פון אַן אומגליק נישט נאָר אַ חבר — ער פאָרט ראַטעווען אַ גאַנץ גרויסע גרופּע מענטשן פון אַ מי־אוסן בילבול און נאָך אַ גרעסערע גרופּע מענטשן פון באַגיין, אויב נישט אַ היסטאָריש פאַרברעכן, איז אַ היסטאָרישן טעות. און עס איז געווען פאַר אים קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער באַדאַרף נאָר קומען צו פאָרן און דערציילן פאַר ווער מען באַדאַרף דעם גאַנצן אמת, אַז דער אמתער הערש ראַבינאָוויטש — דאָס איז ער, און אַז יענער איז גאָר אַ פּאַפּאָו, זיינער אַ קריסטלעכער חבר, מיט וועלכן זיי האָבן זיך נאָר אויף אַ טשיקאַוועסט, אין אַ שפּאַס, געביטן מיט די יוצרות — וואָס דאַרף מען נאָך? — און אָט אַזוי וועט אויפגע־דעקט די גאַנצע חתונה, און עס עפענען זיך אויף די טירן און דער חבר גרישאַ גייט אַרויס פריי — און אַ סוף צום עלילת־דם, און אַ סוף צו דער וואַקכאַנאַליע, וואָס די צייטונגען האָבן אויפגעהויבן, און אַ סוף צום בלוטיקן שפּאַס!...

מיט אַ פריילעך קלאַפּנדיק האַרץ האָט אונדזער פּאַפּאָו־ראַבי־נאָוויטש זיך אויפגעזעצט פאָרן, נאָר נישט לאַנג האָט געדויערט זיין פריילעכקייט, און זיין גוטע שטימונג איז גיך אָפּגעסמט געוואָרן. קודם־כל פון דעם פּאַק מיט געדרוקטער סחורה, וואָס ער האָט זיך באַוואָרנט אין וועג אַריין, אַלערליי רעכטע און לינקע, שוואַרצע און

[1] תחום המושב.

געלע צײַטונגען — „צדה לדרך“, ווי ער האָט דאָס אָנגערופֿן. ווי נאָר ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין וואַגאָן און פֿאַרנומען אַן אָרט נעבן פֿענצטער, אַזוי האָט ער זיך צעלייגט מיט דער דאָזיקער סחורה און גענומען זוכן, ראשית־חכמה, וואָס שרײַבט מען עפּעס נײַס וועגן דעם ריטואַלן פֿאַרברעכן און וועגן דעם פֿאַרברעכער, דעם דאַנטיסט הערשקאָ ראַבינאָוויטש? נאָר ער האָט נישט באַדאַרפֿט לאַנג זוכן. אַלע בלעטער כמעט גאָר אָן אויסנעם, זײַנען געווען פֿול מיטן דאָזיקן רעטעניש און דער מערסטער טייל צײַטונגען האָבן אויסער נאַקעטע ידיעות צוגעגעבן אויך גאַנץ פֿײַנע גיפֿטיקע אַרטיקלען וועגן דעם באַרימטן פֿאָלק ישׂראל, וואָס וויל אײַננעמען די וועלט מיט בלוטזויגערײַ, און געפֿאָדערט ליכט און גערעכטיקייט פֿונעם משפּט, וואָרעם „טאָמער וועט מען זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן צאָרן פֿונעם פֿאָלק — אַזוי האָבן זיי געסטראַשעט — וועט זײַן אַ סך ערגער, דאָס פֿאָלק קאָן פֿאָדערן בלוט פֿאַר בלוט“...

פֿון דעסט וועגן האָבן די דאָזיקע שרײַבעכצן און די בלוטיקע העצעס פֿון דעם געוויסן מיט פּאַטריאָטישע בלעטער, וואָס האָבן זיך גענומען צובלאָזן דעם עסק פֿונעם געפֿאַנגענעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש, מאַכן פֿון אים אַ גאַנצן צימעס, אַ מין דרייפֿוס־פּראָצעס, אים נאָך נישט אַזוי שטאַרק געאַרט. שוין פֿונעם טאָן אַליין איז געווען צו זען, אַז דאָס שרײַבן פֿאַרקויפֿטע נשמות, וואָס האַנדלען מיט זאָאָלאָגישן פּאַטריאָטיזם, קריכן פֿון דער הויט און ווילן אַריבערשטײַגן איינס דאָס אַנדערע אין רשעות, טפּשות, עם־הארצות און חוצפּה. אָט די פֿײַנע בריהס, האָט ער געוווסט, האָבן זיך זייער פּלאַץ אין דער וועלט און מע וויס זייער ווערט. אַקעגן די שרײַערס, האָט ער זיך געטרייסט, איז דאָ נאָך אַ היפּשער טייל פֿון דער בעסערער געזעלשאַפֿט, וואָס דענקט גאַנץ אַנדערש און וואָס איז גרייט פֿון צײַט צו צײַט אויפֿהייבן אַ קול, זאָגן אַן ערנסט אמתדיק וואָרט און אַרויסטרעטן מיט אַ פֿײַער קעגן די שעדלעכע העצעס און באַווײַזן, אַז זיי זײַנען מער בזיון פֿאַר די באַשולדיקערס אײדער פֿאַר די באַשולדיקטע. והא ראַיה: אָט צווישן דעם סם־המוות, וואָס איז צעשפּרייט

דאָ און דאָרטן, האָט ער באַגעגנט געדרוקטע פּראָטעסטן קעגן דעם נײַעם בילבול, באַדעקט מיט צענדליקער און הונדערטער חתימות פֿון באַרימטע מענטשן, פֿון געלערנטע, פֿון שריפֿטשטעלערס, פֿון פּראָפֿעסאָרן, פֿון יוריסטן, גלחים אאַז״וו. און זײַן ייִדיש האַרץ האָט זיך געקוויקט, געפֿונען כאָטש אַ שטיקל באַפֿרידיקונג.

אַ סך מער האָט אים געאַרט און אַ סך מער האָבן אים ווײ געטאָן די רייד, די זאָגעכצן, די שמועסן און די מימרות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט, פֿריִער זיצנדיק אין וואַגאָן דריטע קלאַס מיטן פּראָסטן עולם און דערנאָך אין וואַגאָן צווייטע קלאַס, שוין צווישן אַזוי גערופֿענע אינטעליגענטן.

דער פּראָסטער עולם, וואָס אין דריטער קלאַס, איז באַשטאַנען פֿון באַלמעלאָכעס און אַרבעטערס און גלאַט ווילדע יונגען, פּאַנקעס [2] וואָס גייען די העמדלעך אַריבער די הויזן, טראָגן קײַלעכיקע אונטערגעשאָרענע היטשקעלעך [3], לאַנגע זילבערנע האַלדזקייטלעך און שווערע קופּערנע סיגנעטן אויף די גראָבע שוואַרצנאָגלדיקע פֿינגער. די דאָזיקע לײַט, וואָס זײַנען מיט דער „פּאָליטיק" און בכלל מיט דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט, אַ פּנים, קנאַפּע מחותּנים, זײַנען אויף יעדער מער אָדער ווייניקער היפּשער סטאַנציע אײַנציקווײַז אַרויסגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן, ווער כאַפּן אַ גלאָז ביר און ווער אַ קעלישקל בראָנפֿן, און עמעצער זאָל עס אַפֿילו אין זינען האָבן קויפֿן אַ גאַזעט. „אָט גליקלעכע מענטשן!" — האָט זיך געטראַכט פּאַפּאָור־ראַבינאָוויטש און האָט זיי באמת מקנא געווען, וואָס זיי ווייסן נישט פֿון קיין בילבולים און העצעס און וואָס נייטיקן זיך נישט אין קיין פֿאַרענטפֿערן זיך און דאַרפֿן נישט, אַז פֿרעמדע זאָלן זיך אָננעמען זייער קריוודע, האָגלען מיט פּראָטעסטן, אונטערשריפֿטן און נאָך אַזעלכע זאַכן... נאָר פֿון וואַנען האָט זיך גענומען פּלוצעם אַ נײַער פּאַרשוין, אַ האַלבער אינטעליגענט מיט אַ געשטופּלטן פּנים און מיט אַן אויסגערונען אויג? דער פּאַרשוין האָט זיך אָוועקגע־

---

[2] (פּאַרקלענערונג פֿון פּאַניעס) רוסישע שקצים. — [3] בינטלעך, קנוילן האָר.

זעצט דווקא נישט בײַם פּענצטער, נאָר אין מיטן וואַגאָן אין אַ האַלבֿ־פֿינצטערניש, האָט זיך אײַנגעבויגן אין דרײַען און גענומען לייענען פֿון עפּעס אַ בלעטל בקול רם און דער עולם האָט געהערט.

וואָס דאָרט איז געלייענט געוואָרן — ווייס מען נישט. נאָר אַז דער פּאַרשוין מיטן אַרויסגערונען אויג האָט געענדיקט, איז אויסגעבראָכן בײַם עולם אַ שמועס, פֿון וועלכן דער סטודענט פּאַפּאָוו האָט געכאַפּט אַ צוויי־דרײַ ווערטער, וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז דאָ שמועסט מען וועגן דער זאַך, וואָס ער פֿאָרט צוליב דעם אין דער „טשערטאַ"‚ און ער האָט גענומען זיך אײַנהערן מיט קאָפּ. דער שמועס האָט זיך געקײַקלט און געקײַקלט, אַריבער פֿון איין בײַשפּיל אויפֿן אַנדערן, און אַלע מאָל האָט זיך געלאָזט הערן דאָס ליבע וואָרט זשיד, זשידי, זשידאָוו — אויף אַלע פֿאַסאָנען און מאַנירן.

אַזוי ווילד און אומגעלומפּערט לעכערלעך איז געווען דער שמועס, אַז ער האָט זיך געוואָלט צורוקן אַ ביסל נענטער און האָרכן. פּאַוואָלינקע, ביסלעכווײַז, פּריִער אויף איין בענקל, דערנאָך אויפֿן צווייטן, רוקט זיך צו דער אומבאַקאַנטער סטודענט צום עולם, אַלע מאָל נענטער, און קוים האָט ער זיך שוין צוגערוקט גאַנץ נאָענט, האָט ער שוין נישט געקאָנט נישט אַרײַנמישן זיך, פּריִער מיט אַ וואָרט, דערנאָך מיט נאָך אַ וואָרט, ביז ער האָט, נישט ווילנדיק — אַרײַנגעלאָזט זיך אין אַ געשפּרעך, פֿאַרשטייט זיך, נישט מיטן גאַנצן עולם, נאָר מיטן האַלבן אינטעליגענט, וואָס מיטן אויסגערונענעם אויג. צום סוף האָט ער אים צוגעקוועטשט צו דער וואַנט, ער זאָל אים זאָגן, פֿון וואַנען קאָן ער עס אַזוי ידען? „אָ! ער קאָן זיי זייער גוט!"... בײַן, דער סטודענט וויל וויסן נאָך איין זאַך: צי האָט ער געזען ווען אַ ייִדן? לאָזט זיך אויס מן הסתּם, אַז ער אַליין, אָט דער האַלבער אינטעליגענט, האָט קיין ייִדן נישט געזען קיין מאָל, ווײַל אין זײַן דאָרף זײַנען קיין ייִדן נישטאָ. „געווען איינער, האָט מען אים אַרויסגעיאָגט שוין לאַנג: ער איז נאָך דעמאָלט אפֿשר אויף דער וועלט נישט געווען. נאָר אַזוי ווי ער לייענט גאַזעטן — צו

זיי אין וואַלאָסט [4] גייען אַלע גאַזעטן און ער איז דער וואָלאָסטנאָי־שרײַבער — האָט ער זיך אָנגעלייענט אַזוי פֿיל וועגן די דאָזיקע ייִדן, אַז ער קאָן זיי שוין אויסנווייניק..."

אָט דאָ האָט זיך דער סטודענט צעלאָזט גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן און האָט אָוועקגעגעבן דעם „וואָלאָסטנאָי"־שרײַבער אַ גאָב! נאָר ווי איבערגעראַשט איז ער געוואָרן, אַז איינער פּונעם עולם, וואָס איז געזעסן אַקוראַט אַקעגן אים, דעם קאָפּ אויףביידע הענט, אָנגעשפּאַרט אויף די קני געקוקט אים, דאַכט זיך, גלײַך אין מויל אַרײַן און געשלונגען די ווערטער, האָט זיך פּלוצעם אָנגערופֿן צום אָראַטאָר, נאָר אין גוטן מוט, נאַיִוו און ערנסט, אין אַ ריינער טיף־רוסישער אויסשפּראַך, און דווקא אויף „דו":

— זאָג נאָר, ליבער מענטש, צי ביסטו נישט אַקאָרשט אַליין אַ זשיד?

דאָס האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. דער גאַנצער עולם, ווי איין מענטש, האָט אויסגעדונערט אַ געלעכטער. דער סטודענט, פּאַפּאָור־ראַבינאָוויטש, איז געוואָרן רעכט רויטלעך, פֿאַרשלאָגן מיט רייד און אויף דער ערשטער סטאַנציע, נעבעך, געמוזט צוזאָלן אין דער קאַסע און אַריבערפּעקלען זיך, מחילה, אין אַ וואַגאָן צווייטער קלאַס.

נאָר אַז ס'איז באַשערט אַ מענטשן, גייט עס אים נאָך פֿון הינטן פֿוסטריט. אויף זײַן גליק באַדאַרף ער טרעפֿן אין וואַגאָן צווייטער קלאַס אַ געזעלשאַפֿט פֿון דווקא שוין גאַנצע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געהאַלטן אַקוראַט אין אַ הייסער דיסקוסיע וועגן דעם היל־כיקן ריטואַל־פּראָצעס, וואָס באַדאַרף באַלד זײַן, אין וועלכן עס ווערט באַשולדיקט דער ייִדישער דאַנטיסט ראַבינאָוויטש. און אַזוי ווי דאָס איז שוין געווען נענטער צו דער „טשערטאַ", זײַנען צווישן די אינטעליגענטע פּאַסאַזשירן געווען נישט ווייניק אינטעליגענטע ייִדן, ייִדן נאָך אפֿשר מער ווי קריסטן. גערעדט האָבן אַלע און ביידע „צדדים" האָבן זיך אַזוי געהיצט, אַזוי געשאָטן מיט פֿײַער און

---

[4] אָנפֿירונג איבער אַ גרופּע דערפֿער.

אַזוי געגאָסן מיט סם־המוות איינס אויף דאָס אַנדערע, אַז מע האָט געקאָנט מורא האָבן, דאָס זאָל זיך ענדיקן מיט אַ געשלעג.

מער פֿון אַלע האָט זיך געהיצט אַ ייִדישער יונגער־מאַן מיט געלע וואָנצעס און מיט אַ ברילִיאַנטענער נאָדל אין אַ גרויסאַרטיקן גרינעם שניפּס. ער איז געווען מוראדיק אויפֿגערעגט און די ליפּן, וואָס האָבן נישט אין זיך אַזוי אויך קיין טראָפּן בלוט, זײַנען אים נאָך געוואָרן טויטבלאָס און די הענט האָבן געציטערט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער אויפֿגערעגטער יונגער־מאַן מיט דער ברילִיאַנטענער נאָדל זיך אָנגערופֿן צום „צד שכּנגדו” און האָט זיך אויפֿשפּרינגענדיק אַ כאַפּ געגעבן צו דער זײַט־קעשענע — אָט נעם איך אַרויס טויזנט רובל מזומן און לייג־אײַן בײַ אָט דעם פּאַטערל, ער האָט אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אויף אַ באַיאָרטן גלח מיט זייער אַ לײַטישן פּנים, און איר לייגט־אײַן אַקעגן אַ הונדערטער, נאָר איין הונדערטער, אויף וואָס פֿאַר אַ צוועק איר ווילט, אויף דער באָלניצע [5], אויפֿן קראַסני קרעסט [6] — ס'איז בײַ אײַך די ברירה — אַז דער משפּט וועט דעם דאַנטיסט ראַבינאָוויטש געפֿינען פֿאַר אומשולדיק, האַ? איאַ, איר שווײַגט? איאַ?

דער אויפֿגערעגטער עולם פֿון ביידע צדדים, אויסער דעם באַיאָרנטן גלח, וואָס האָט זיך געהאַלטן רויִקער פֿון אַלעמען, איז פֿונעם דאָזיקן פֿאַרשלאָג געוואָרן נאָך מער אויפֿגערעגט און די אַטמאָספֿער איז געוואָרן מוראדיק געדיכט.

— מסתּמא רעכנט איר — ענטפֿערט אים איינער פֿונעם צד שכּנגדו, דווקא מיט אַ גוטמוטיק געלעכטערל אויף די זאַפֿטיקע ליפּן, באַווײַזנדיק זײַנע ווײַסע געזונטע ציין — מסתּמא האָט איר שאַנסן אויף אונטערצוקויפֿן די געשווירענע, אַז ווי יענע פֿון אײַערע, וואָס האָבן געוואָלט אונטערשמירן די פּראָפֿעסאָרן, מען זאָל אָנערקענען דעם פֿאַרברעכער פֿאַר געריכט? אָדער אַזוי ווי דער פּאַטער פֿונעם

[5] שפּיטאָל. — [6] רויטער קרייץ.

דאַנטיסט האָט אַנומלטן געוואָלט אונטערקויפֿן די טורמעלײַט, מע זאָל העלפֿן אַנטלויפֿן דעם אַרעסטאַנט...

דער יונגער־מאַן מיט די געלע וואָנצעס איז אויפֿגעשפּרונגען און מיט פֿאַרלייגטע הענט אַהינטער און מיט איבערגעקערטע אויגן אַרויף זיך אַ לאָז געגעבן צום צד שכּנגדו: „איר ווייסט, וואָס סע קומט פֿאַר אַזעלכע ווערטער? איר ווייסט ? !...“

אַ גליק, וואָס די יידישע „אָפּאָזיציע“ האָט זיך אַרײַנגעמישט און האָט דעם יונגן־מאַן צוריק אַוועקגעזעצט אויף זײַן אָרט — אַניט וואָלט אַרויס אַ מיאוסער סקאַנדאַל, אין וועלכן דעם גרעסטן חלק וואָלט געכאַפּט מסתּמא ניט קיין אַנדערער, נאָר טאַקע דער יונגער־מאַן מיט די געלע וואָנצעס און מיט דער בריליאַנטענער נאָדל אינעם גרויסאַרטיקן גרינעם שניפּס — ער זאָל זיך נישט וואַרפֿן מיט קיין הונדערטער...

— פֿון וואַנען נעמט זיך אַזוי פֿיל גיפֿט שׂנאה פֿון אַ מענטשן צו אַ מענטשן? ווען די דאָזיקע אַלע אָט דאָ, וואָס זײַנען גרייט, דאַכט זיך, דורס זײַן, אײַנשלינגען איינס דאָס אַנדערע לעבעדי־קערהייט, ווען זיי זאָלן נאָר וועלן רויִק, אָן אַ שום פּאַרטיקע מיי־נונג און אָן אַ שום וועלן באַווײַזן, אַז איך בין גערעכט, נאָר אויס־הערן איינער דעם אַנדערן און געוויר ווערן דעם אמתן אמת, וואָלטן דאָך די דאָזיקע מענטשן, אַנשטאָט דעם, מע זאָל זיך רײַסן בײַ די נעזער, געכאַפּט בײַ די זײַטן און וואָלטן אַזוי געלאַכט, אַז זייער געלעכטער וואָלט דערגרייכט פֿון עק צו עק איבער דער גאַנצער וועלט!...

אָט אַזוי האָט זיך געטראַכט דער אמתער ראַבינאָוויטש, וואָס איז דערווײַל, בדרך אַגבֿ, געוויר געוואָרן נײַס, מאָדנע זאַכן, וואָס זײַנען געווען פֿאַר אים עפּעס נישט אַזאַ גוטע בשׂורה... דאָס, וואָס מע רופֿט מיטן נאָמען „חיבוט הקבֿר“ [7], איז געווען, קאָן מען זאָגן, גאָר ניט קעגן דעם, וואָס דער אמתער ראַבינאָוויטש האָט אַריבער־

---

[7] (נאָכן טויט) אויסגעקלאַפּט, אויסגעמישט ווערן מיט דער ערד.

געטראָגן און וואָס אים איז נאָך פֿאַרגעשטאַנען אַריבערצוטראָגן אין דער דאָזיקער שווערער מיסיע, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען — אַרויסצושלעפּן זײַן חבֿר פֿון אַ זומפּ און זײַן פֿאָלק פֿון אַ נײַעם בילבול...

אַלטער קאַציזנע

קולות אויף אוקראַינע

באַלאַדע

ווי פֿאַרציילט מען דאָס אין ווערטער פּשוטע און שטילע,
און ווי קלײַגט מען זיך דעם שאַרפֿן אויסגעשריי פֿאַרבײַגייק,
אַזוי אַז מענטשן זאָלן אויסהערן און שווײַגן,
מיט שטומע אויגן, אָן אַ קרעכץ אַפֿילו,
אָן אַ קרעכץ. ווײַל יעדער קרעכץ איז ליידיק —
אַ פּוסטע זאַנג אין פֿולן פֿעלד פֿון לײַדן.

הײַנט שײַנט־אויף די זון, און מאָרגן וועט זי שײַנען,
און וועט אַרײַנקוקן אין פֿענצטער צו ר׳ נחומקע מלמד
און וועט אַרײַנקוקן אויך אַנדערשוווּ, ווו אומעט שפּרײַזט
אויף סאַמעט,
ווו שטילע שטילקייט הערשט, נאָך קולות אויף אוקראַינע.
נאָך קולות אויף אוקראַינע ווערט שיטער די משפּחה.
ר׳ נחום בלײַבט אַליין. מיט אים — זײַן טאָכטער ברכה.

זיי זעען זיך נישט אָפּט. זיי לעבן ווי די פֿרעמדע.
זי — זיצט בײַ זיך אין צימערל און קעמט די לאַנגע האָר זיך.
ער — קלאַפּט נאָר אין טיר צו איר מיט מורא און מיט פֿאַרזיכט
און בעט זיך, פֿאַרן מרחץ גיין, צו געבן אַ פֿריש העמד אים.

— באַדאַרפֿסט דיר דאָך נישט בייזערן. אַ ייִד מוז דאָך געדענקען:
כּל־זמן עס טליִעט נאָך אַ פֿונק — באַדאַרף מען האַלטן ריינקייט!
דעם טאַטנס אויגן — רויט, פֿון הענגען איבער ספֿרים.
און אירע — זײַנען אויסגעבלייכט פֿון שיסן צו דער סטעליע,

עס שלאָגט פֿון זיי אַ הפֿקר און אַ ליידיקייט אַ העלע.
פֿון טאַטנס רייד פֿאַרנטונקלען זיי זיך ווי די פּוסטע קבֿרים —
צוויי פּוסטע קבֿרים, וואָס די הינט האָבן פֿאַרשלעפּט די מתים,
צעריסן הענט און פֿיס און פֿאַרטראָגן — שדים ווייסן...

אַ לויב צו אײַער ייִדישקייט, ווילקענעוודיקע תּמימים!
אַ לויב צו אײַער קענטעניש, פֿון טריף צו מאַכן כּשר!
צו בלוט זײַנען מיר צוגעווינט, זאָל אָפּרינען, נישקשה!
אָבי נאָר זאָל אָפּוואַשן די אויסגעברענטע חתימה,
די אויסגעברענטע חתימה, וואָס פֿאַרפֿינצטערט אונדז דאָס פּנים!
דער כּבֿוד איז אין דר'ערד! נאָר לעבן קאָן מען אָן אים.

נאָר לעבן קאָן מען אָן אים, ווער צום לעבן איז באַרופֿן.
דער וויטיק איז פֿאַרגעגנגלעך און די בושה איז פֿאַרגעסלעך...
פֿאַראַן אָבער נשמות, וועלכע בלאָנדזשען אין די געסלעך
און שלעפּן ווי די מיסטוועגן די הויקערדיקע גופֿים.
די גופֿים — זײַנען איבעריק. דער כּבֿוד איז געבראָכן...
... ר' נחום זיצט און שווײַגט. אין צווייטן צימער — ברכה.

וואָס זוכט ער דאָרט אין ספֿרל, דער טרויעריקער טאַטע?
וואָס שאָקלט ער זיך ווינטיק, ווי אַ בוימל אויפֿן צווינטער?
אַ קרעכץ אויף דער אָקטאַווע בײַ אַ ניגון אויף דער קווינטע.
דאָך וויקלט זיך זײַן ניגעלע אָן איבעררײַס און גלאַטיק,
אָן איבעררײַס און גלאַטיק, ווי די ווענט פֿון טיפֿן ברונעם.
עס פֿאַלט און פֿאַלט. קיין גרונט נאָך נישט געפֿונען.

... דער זייגער האָט זיך אָפּגעהוסט און אויסגעשלאָגן צוועלף שוין.
דאָס לעמפּעלע צעשמילקעט זיך און פֿרייט זיך מיט זײַן פּטירה.

ערשט דאַן, פון ברכהס צימערל צעעפנט זיך דאָס טירל,
די האָר אירע צעלאָזענע און די אויגן גליִען וועלפיש.
די אויגן גליִען וועלפיש אויף דעם טאַטן ווי ער לערנט.
צי פילט ער אירע טריט? צי וועט ער זי דערהערן?

דער טאַטע האָט דערפילט. אַ קער געטאָן זיך זייטיק.
אַריינגעשטעקט אין ברכהן זײַנע אויסגעווייַנטע אויגן.
אַ קוש געטאָן דעם ספר און אַ בלאַט אין אים פאַרבויגן,
זיך צוגעגרייט באַגעגענען דאָס אומגליק וואָס איז צײַטיק,
וואָס צײַטיק און דערוואַרט, ווײַל זײַן אָנקום האָט געשלאָגן.
ס'האָט אויפגעשפילט דער ווײַן אין אָנגעפלאַשטן לאָגל.

ווען זאָגן זאָל עס סתם אַ ייִד און נישט דער שטילער טאַטע,
וואָלט ברכה זיך אַ לאָז געטאָן צו אים מיט אירע טענות,
וואָלט ברכה ווידער אויפגעוועקט די קולות פון אוקראַיִנע:
זאָג ייִד! וואָס טויג די וועלט, ווען דײַן נשמה איז פאַרלאַטעט,
פאַרלאַטעט ביז צום קבר מיט אַ גרויסן, געלן ליגן?!
דעם טאַטנס אויגן — רויט. און ברכה האָט געשוויגן.

געשוויגן, זיך פאַרטײַעט אין איר הויקערדיקן צאָרן.
זי קאָן שוין נישט פון שטוב אַרויס אויף נאָנטע דלד אָמות.
עס שטעכן זי די בליקן פון די וואָכעדיקע מאַמעס:
... ווי שיקט זיך עס, אַ מויד זאָל זיך ניט שעמען מיט איר צרע?
אַ צרע — אויף אונדז אַלעמען! האָט קיינעם נישט געמיטן!
די וועלט איז אָבער — וועלט! געפינט מען זיך אַ מיטל...

אַ דאָקטער פון אַמעריקע, אַ מומחה און בעל־דרשן,
געבענטשט האָט אויף בוידעמער, אין קעלערן געקראָכן,
אַרײַנגערעדט אין טאַטן, ווײַל באַהאַלטן האָט זיך ברכה.
זי וויל ניט — זאָגט זי — מיטפאָרן מיטן טראַנספאָרט אין וואַרשע,
קיין וואַרשע מיט די מוידן ווי די גענדז אין די וואַגאָנעס!
ניין, דאָקטער, ניין! אַ פרוי אָן שאַנד פאַרדינט נישט אויף רחמנות.

אין וואַרשע שטייט אַ הײַזעלע, די הייך — אַ גאַרן זיבן,
מיט נײַן און נײַנציק צימערן, מיט זיבן הונדערט בעטלעך.
און מיידן מיט די נומערן, און ווײַבער מיט די צעטלעך —
זיי ווערן ווי די ווערעמדיקע אַרבעס דאָרט געקליבן.
געקליבן און פֿאַרשריבן. און צו קענטעניש גענומען.
— אַט האָט איר אײַער פּלאַץ! אַ בעטל מיט אַ נומער!

דאָקטוירים אין די צענדליקער, אַלץ ייִדן, גאָט צו דאַנקען.
עס בלאַנקען ווײַסע פֿאַרטעכלעך, עס גלאַנצן פּליך־און־ברילן.
אַ רעווען ווי אין שעכטהויז. און אַ יאָמער ווי צו נעילה.
דאָס רינט דאָך ייִדיש בלוט פֿון די צוואַנגען, פֿון די בלאַנקע!
מיט בלאַנקענדיקע צוואַנגען פֿון די מיידלשע געדערעם
דאָרט רײַסט מען אויס די פֿרוכט פֿון אוקראַיִנישער זרע.

און ברכה איז אַרײַן אין אירע נאַכטיקע מלבושים
מיט ליכטיקע הדלקות אין די פֿענצטער פֿון איר שאַרבן.
און ברכה האָט אַרויסגערעדט: אַ, טאַטע, לאָז מיר שטאַרבן,
מיט ערד און רידל אויסלעשן דאָס פֿײַער פֿון מײַן בושה.
דאָס פֿײַער פֿון מײַן בושה און די דמים, די צעקאָכטע!
און נחום האָט געברומט: — דו ביסט גערעכט, מײַן טאָכטער!

און נחום האָט געברומט: — אַ חלוש און אַ זקן...
דערנידעריקט דעם קאָפּ. אים אײַנגעטונקט אין תהילים...

טאָ ווי פֿאַרציילט מען דאָס אין ווערטער פּשוטע און שטילע,
ווי אַזוי פֿאַרן געברום דער יונגער טאָג האָט זיך דערשראָקן,
דערשראָקן פֿאַרן אויסגעפּראַל פֿון אויפֿגעפּלאַמטע מײַלער:
ר׳ נחומס טאָכטער האָט זיך אויפֿגעהאָנגען אויף אַ לײַלעך!

פֿון עבֿר קלינגען אויסטערליש די קולות פֿון אוקראַיִנע...
הײַנט שײַנט די זון. און מאָרגן וועט זי שײַנען.

ל. שאַפּיראָ

דער קוש

בײַ ר׳ שכנאן האָבן זיך געטרייסלט הענט־און־פיס און אין מויל בײַ אים איז געווען אומדערטרעגלעך ביטער. ער איז געזעסן אויף אַ שטול, האָט געהערט די ווילדע קולות פון גאַס, די פײַפערײַ און דאָס קלינגען פון צעבראָכענע שויבן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט דאָס אַלץ קנאַקט, שרײַט און קלינגט אינעווייניק בײַ אים אין קאָפּ.

דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פּלוצעם, אַז ער האָט קיין צײַט נישט געהאַט אַפילו צוצושליסן זײַן קראָם און איז באַלד אַוועקגעלאָפן אַהיים. אין הויז האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. שׂרה מיט די קינדער האָבן זיך, ווײַזט־אויס, ערגעץ באַהאַלטן, איבער־לאָזנדיק דאָס הויז מיטן ביסל זילבער, מיטן געלט אויף גאָטס באַ־ראָט. ער אַליין האָט נישט געקלערט פון באַהאַלטן זיך. ער האָט בכלל פון גאָר נישט געקלערט. ער האָט זיך בלויז צוגעהערט צו די גוואַלדן פון גאַס און צו דער ביטערקייט, וואָס בײַ אים אויף דער צונג.

דאָס געטויש פון פּאָגראָם האָט זיך אַ מאָל דערנענטערט, אַ מאָל דערווײַטערט, ווי אַ פײַער אין דער שכנותשאַפט, און האָט פּלו־צעם אַרומגענומען דאָס הויז פון אַלע פיר זײַטן. די פענצטער האָבן גענומען קנאַקן. עטלעכע שטיינער זײַנען אַרײַנגעפלויגן אין עס־צימער און מיט אַ מאָל, דורך טיר־און־פענצטער, האָבן אָנגעהויבן קריכן גוֹיִם, מייסטנס יונגע שקצים, מיט שטעקנס, מיט מעסערס, מיט שיכורע, רויטע פּנימער. ר׳ שכנא האָט דערשפּירט, אַז ער דאַרף עפּעס טאָן. ער האָט זיך מיט גרויסער שווערקייט אויפגעהויבן פון שטול און פאַר די פּאָגראָמשטשיקעס אין די אויגן האָט ער גענומען קריכן אונטערן דיוואַן, וואָס איז אין צימער געשטאַנען. חבֿרה האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

וואָס דוראַק[1]! האָט איינער געזאָגט און אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ פּוס — ע, טי, ווסטאַווי[2]!

ער איז פּלוצעם צו זײַנע געדאַנקען געקומען און האָט זיך צע־וויינט ווי אַ קליין קינד.

— קינדער, — האָט ער זיך געבעטן — איך וועל אײַך אַליין ווײַזן, ווו עס ליגט דאָס געלט, דאָס זילבער און אַלצדינג, אַבי הרגעט מיך ניט. צו וואָס זאָלט איר מיך הרגענען?... איך האָב אַ ווײַב מיט קינדער...

דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. זיי האָבן גענומען אַלץ און אים האָבן זיי געשלאָגן, געשלאָגן אין די ציין, אין די זײַטן, אין בויך, מיט גרויס רציחה. ער האָט געוויינט און זיך געבעטן, און זיי האָבן געשלאָגן. איינעם פון די שקצים האָט ער געקענט און האָט זיך געווענדט נאָך רחמנות צו אים:

— וואַסילענקאָ, קענסט דאָך מיר... דײַן טאַטע האָט געאַרבעט בײַ מײַן הויז. זאָג: האָב איך אים נישט באַצאָלט?... ער האָט בײַ מיר גוט פאַרדינט... וואַסילענקאָ... וואַסילענקאָ... גוואַלד! גוואַלד! ראַטע— — —

אַ זעץ אונטערן האַרצן האָט איבערגעריסן זײַן געבעט. צוויי שקצים האָבן זיך אויף אים אַרויפגעזעצט און גענומען דריקן זײַן בויך מיט זייערע קני. וואַסילענקאָ, אַ קליינער, מאַגערער שייגעץ, מיט אַ קרום פּנים און גרויע אייגלעך, האָט מיט גדלות געשמייכלט און גערעדט:

— טאַ שטשאָ[3]?... האָסט געצאָלט, ווי דען?... דער באַטקאָ[4] האָט געאַרבעט, האָסטו באַצאָלט. אַהאָ, איך וואָלט אַ בעלן זײַן זען, ווי אַזוי דו וואָלטסט נישט באַצאָלט!...

פון דעסט וועגן איז אים געפעלן געוואָרן, וואָס ר׳ שכנא האָט זיך געווענדט צו אים נאָך הילף, און ער האָט געזאָגט צו די איי־בעריקע:

---

[1] אָט אַ שוטה! — [2] ע, דו, שטיי־אויף! — [3] איז וואָס? — [4] דער טאַטע.

— נו, רעביאַטאַ[5], געוונג, לאָזט די פּגירה לעבן. איר זעט דאָך, שוין סײַ ווי קוים וואָס ער זשיפּעט...

זיי האָבן זיך ביסלעכווײַז אָפּגעריסן פֿון זייער קרבן און גענומען אַרויסגיין פֿון הויז, ברעכנדיק אויפֿן וועג די כּלים, וואָס זיי האָבן פֿריִער געלאָזן גאַנץ.

— נו, שכנא, האָסט מיר צו פֿאַרדאַנקען, וואָס דו ביסט לעבן געבליבן! — האָט וואַסילענקאָ געזאָגט צו ר' שכנאן, וועלכער איז געשטאַנען פֿאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ צעשלאָגענעם פּנים און האָט שווער געאָטעמט — חבֿרה וואָלט מיט דיר קיין ספק שהיות נישט געמאַכט, ווען נישט איך...

ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פּלוצעם איז אים עפּעס אײַנגעפֿאַלן.

— נאַ... — האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צו ר' שכנאן — טו אַ קוש...

ר' שכנא האָט אויפֿגעהויבן זײַנע בלוט־פֿאַרגאָסענע אויגן און געגעבן אויף אים אַ צעמישטן קוק. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען.

וואַסילענקאָס פּנים האָט זיך פֿאַרוואָלקנט.

— דו הערסט ניט, שטאָ לי[6]?... קוש, זאָגט מען דיר!

צוויי פֿון די שקצים זײַנען געבליבן שטיין אין טיר, פֿאַראינטערעסירטע אין דעם, וואָס דאָ קומט־פֿאָר. ר' שכנא האָט געקוקט אויף וואַסילענקאָן און געשוויגן. וואַסילענקאָ איז אַזש גרין געוואָרן.

— אָך, דו זשידאָווסקער פּרצוף, וואָס דו ביסט! — האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און מיט דער גאַנצער האַנט דערלאַנגט ר' שכנאן אַ זעץ אין געזיכט — דו קווענקלסט זיך נאָך?... ע, חבֿרה, קומט נאָר אַהער!...

די צוויי שקצים זײַנען צוגעגאַנגען נענטער.

— אַנו, נעם אים נאָר צו דער אַרבעט! אַז ער איז יאָ אַזאַ

---

[5] קינדער. — [6] אָדער וואָס?

פאַרדריפּעטער פּריץ, מוז ער מיר שוין אַ קוש טאָן אין פּוס. אויב נישט...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. די שקצים האָבן גע־כאַפּט ר' שכנאַן און אים אַ וואָרף געטאָן צו וואַסילענקאָס פּיס.

— ציִ־אַראָפּ! — האָט וואַסילענקאָ באַפוילן, געבנדיק אים מיטן שטיוול אין די ציין.

ר' שכנא האָט לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן דעם שטיוול פונעם שייגעצס פּוס.

— קוש!...

איינס קעגן צווייטן זיינען געשטאַנען: אַ רויטער, שמוציקער פּוס מיט אַ שווערן גערוך פון שוויס — און אַ צעשלאָגן פּנים מיט אַ לאַנגער, בכבודיקער טונקעלער באָרד. דורך אַ מאָדנעם צופאַל האָבן חברה זיך וויניק באַשעפטיקט מיט דער דאָזיקער באָרד, און זי איז געווען בלויז אַ ביסל אָפּגעצופּט אין אַ פּאָר ערטער, אָבער אויף איר איז נאָך געלעגן די גאַנצע הדרת־פּנים פון אַ דערוואַק־סענעם יידן און אַן אָנגעזעענעם באַלעבאָס. פון אויבן־אַראָפּ האָט געקוקט וואַסילענקאָס גרין, קרום געזיכט מיט די גרויע אויגן.

— קוש, זאָג איך דיר!...

און נאָך אַ זעץ אין די ציין האָט באַגלייט דעם באַפעל.

אין מאָמענט זיינען אַלע אין צימער געווען שטום און אומ־באַוועגלעך. דערנאָך האָט ר' שכנא צוגעבויגן זיין קאָפּ און וואַסי־לענקאָ האָט אַרויסגעלאָזן אַ שאַרפן, שרעקלעכן קוויטש. אַלע פינ־גער פונעם פּוס און אַ היפּשער טייל פונעם טראַט זיינען פאַרשוווּנדן אין ר' שכנאס מויל, און צוויי ציילן ציין האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין דעם שמוציקן, שווייסיקן פלייש.

דאָס, וואָס נאָך דעם איז פאָרגעקומען, איז געווען ווילד און שווער, ווי אַן אומגעלומפּערטער, בייזער חלום.

די שקצים האָבן געשלאָגן ר' שכנאַן מיט די שטיוול אין די זייטן מיט אַזאַ קראַפט, אַז פון יעדן קלאַפּ האָט עס אָפּגעקלונגען הויך און פּוסט, ווי פון אַ פאַס. זיי האָבן געפּליקט זיין באָרד פּאַס־

מעסוויַז, זײַנען אים אַרײַן מיט די פֿינגער אין די אויגן און האָבן זיי אַרויסגעריסן, האָבן אויסגעזוכט די געפֿילפֿולסטע ערטער אויפֿן קערפּער און געריסן שטיקער פֿון אים. דער קערפּער האָט געצי־טערט, געפֿיבערט, זיך געוואָרפֿן און געדרייט, און די צוויי צײַלן



דער ייִד, אַ געמעל אין גרין פֿון 1914, פֿון מאַרק שאַגאַל

ציין האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט אַלץ קאָנוולסיווער און זײַנען גע־גאַנגען אַלץ טיפֿער, און עפּעס אַזוינס האָט געקנאַקט דאָרטן אינע־וויניק אין פּוס: די ציין, דיביינער, אָדער בײדע זאַכן צוזאַמען. די גאַנצע צײַט האָט וואַסילענקאָ געשריגן, ווילד, אָן דעת, ווי אַ גע־שטאָכענער חזיר.

ווי לאַנג דאָס אַלץ האָט געדויערט, האָבן זיך די שקצים קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן, און זײַנען געקומען צו זיך ערשט ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז ר׳ שכנאס קערפּער צאַפּלט זיך שוין נישט, און אַ קוק טוענדיק אין זײַן געזיכט, האָבן זיי בײדע אויפֿגעציטערט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

די אַרויסגעריסענע אויגן האָבן זיך געבאָמבלט נעבן די פּאָר־בלוטיקטע לעכער, גרויסע, קײַלעכדיקע און קלעפּיקע. קיין פּנים איז נישט געווען צו זען. די באָרד האָט זיך צונויפֿגעשלאָגן אין נאַסע, בלוטיקע קאָלטענעס, און די טויטע ציין מיטן שטיק פּוס צווישן זיי זײַנען געווען אויסגעשטשירעט, ווי בײַ אַ געהרגעטן וואָלף. וואַסילענקאָ האָט זיך נאָך אַלץ געוואָרפֿן, — שוין נישט אויף דער שטול, נאָר אויף דער ערד. זײַן קערפּער האָט זיך אויסגעדרייט, ווי אַ שלאַנג, און פֿון האַלדז בײַ אים האָבן זיך געריסן הייזעריקע, אויסגעצויגענע קולות. זײַנע גרויע אייגלעך זײַנען געוואָרן גרויס, מאָט און גלעזערן. ער איז, קענטיק, אַראָפּ פֿון זינען.

מיט אַ דערשראָקענעם „האָספּאָדי פּאָמילוי נאַס[7]!“ זײַנען די צוויי שקצים אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז.

אין גאַס האָט געבושעוועט די בייזע פּאָגראָם־מהומה און צווישן די פֿאַרשיידענע קולות האָט קיינער נישט געמערקט די אונטערגע־ריסענע געשרייען פֿונעם לעבעדיקן, וואָס האָט לאַנגזאַם געגוססט בײַם טויטן אין די ציין.

[7] דערבאַרעם זיך אויף אונדז, האַר!

אַ. ליעסין

נאָכן פּאָגראָם

און פּלעגט אויף דיר אָנפּאַלן, פֿאָלק מײַן, אַ נביא אין צער,
איז דאָך װײַל ער פּלעגט פֿאַר גאָטס כּבֿוד זיך שטעלן:
װאָס שלעכטער דאָס פֿאָלק, אַלץ גערעכטער איז גאָט אין זײַן גזר
װער קען דאָס איצט װעלן!
מען קען צו דיר, פֿאָלק מײַן, ניט קומען מיט װערטער פֿון שטראָף
אין בראָך אין דעם גרױסן, װאָס האָט דיך געטראָפֿן;
איך זע דיך פֿאַרצוקט צװישן זיבעציק װעלף װי אַ שאָף —
װי קען מען דיך שטראָפֿן!

װי קען מען דיך זידלען און שילטן
און דאָן פֿאַר אַ נבֿיא צו גילטן?

איך קען אויך ניט לעסטערן גאָט, אונדזער ייִדישן גאָט,
אין ברענענדן װײטיק דערמיט זיך צו שטילן;
דײַן גאָט איז דאָך, פֿאָלק מײַן, דײַן אײגענער גײַסט; זײַן געבאָט —
דאָס איז דאָך דײַן װילן;
דײַן אױסשטראַלונג איז דאָס, דײַן אוראַלטע אינערע שטים,
דער גאָט פֿון אַבֿרהם און יצחק און יעקבֿ;
ניט קריגער און ניט מיסיאָנערן געבראַכט האָבן אים,
ניט סוחרים אין אײַנקויף.

איך קען מיט אַ װאָרט מיט אַ פּרעכן
דײַן הייליק גײַסט ניט פֿאַרשװעכן.

איך קען אויך דעם פֿעלקער־פֿאַרברידערנדן װעלט־אידעאַל
ניט אויסשרפּען, פֿאָלק מײַן, אין גלותן פֿון ראָכע;
װי װײסט װאָלט אונדז װערן די װעלט אָן זײַן מונטערן שטראַל —
אונדז, שװאַכסטע פֿון שװאַכע!

איך ווייס, צו דער מענטשהייט אַנטקעגן דער מענטשהייט אַליין
איז זינלאָז, איז דום נאָך אַנאַנד זיך צו ווענדן;
נאָר אויפגעבן אויך אָט דעם גלויבן וואָלט הייסן דאָך שוין
דאָס לעצטע פאַרלענדן!

אונדז בלײַבט אין דער וועלט אין דער ליבער
נאָר טויט און פאַרטיליקונג איבער.

נ״י 1921

לייב פיינבערג

אַטאַמאַנען

ווי שערענגעס[1] רויבפייגל, אונטער סומנע כמאַרעס,
קלײַבן אַטאַמאַנען זיך פון מזרח און פון מערב.

פירן באַנדעס רוצחישע, צעיוכעט און פאַרשײַט,
הפקרע, פאַרשיכּורטע, צעווילדעוועטע לײַט...

פאָכעט איבער דערפער געל־און־בלוי פון פאָנען,
אויף די וועגן גנבעט זיך אַטאַמאַן זעליאָני.

קלאָגן מאַמעס ידישע אויף טעכטערישע קעפ —
אַנגעל און טיוטיוניק לויערן אין סטעפּ.

אין די ערשטע רייען אויף אומקום און אויף שחיטות
גייט סימאָן פעטליורע, גייט דער נײַער טיטוס.

פירט ער באַנדעס רוצחישע אויף שטעטלעך און שטאָט —
וועלקן לעבנס ידישע אונטער זייער טראָט.

---

[1] שורות.

ס'איז דאָס לעבן ביטער זיי, ס'איז דאָס לעבן פריקרע,
זוכן זיי דערטרינקען עס אין היפע[2] און אין שיכּרות...

זידט אין זיי די יוכע[3] מיט רשעות און מיט ווזט,
זוכן זיי דערטרינקען עס אין פליעסקענדיקן בלוט.

דרייען זיך און פּלאָנטען זיך אין פּיערדיקער שפּולקע,
פראַווען זיי אַ בלוטיקע, אַ שמחהדיקע הולקע[4].
זינגען זיי און מאָרדעווען, צעיוכעט און פאַרשייט,
אַטאַמאַן פּעטליורעס הפקרדיקע לײַט:

„אין דער ערשטער ריי גייט פּעטליורע,
פירט די זאַפּאָראָזשיער
איבער סטעפּ און אָזיערע,
פול מיט גבֿורה!...
און פון הינטער בערגער,
איבער ברייטע טאָלן,
די קאָזאַקן גייען...
איי, איבער בערגער, איי,
איבער טאַ...אַ...אָ...ל...ן...
די קאָזאַקן גייען!"...

רחל פייגענבערג

אַ פּנקס פון אַ טויטער שטאָט

די ניסים פון ריבניצע

פון פּאָגראָמען האָט ריבניצע גאָט אויסגעהיט. אמת, מיט גרויסע ניסים. דער ערשטער נס איז געשען מיט די ריבניצער ייִדן אין 18טן

---

[2] קללות. — [3] צעקאָכטע בלוט. — [4] הוליאַנקע.

יאָר, ווען די עסטרײַכער מיט די דײַטשן זײַנען אַוועק פֿון דער אוק־ראַיִנע. זיי, די עסטרײַכער מיט די דײַטשן, דערוויסנדיק זיך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, אַז די האָהענצאָלערנס מיט די האַבסבורגער זײַנען געפֿאַלן, זײַנען זיי אַרויס אין גאַס און האָבן פֿון דער העלער הויט אָנגעהויבן שיסן חזירים און קעץ, און האָבן דערבײַ אויך גע־שאָסן אַ ייִדן. דערנאָך, אין עטלעכע טעג אַרום, ווען זיי האָבן גע־דאַרפֿט פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, האָבן זיי זיך לוסטיק געמאַכט איבער ייִדישע קליטן און האָבן דאָרט אויסגעמישט נאַפֿט מיט זאַמדצוקער, זאַלץ מיט בוימל און פֿלעשער טינט האָבן זיי זיך גלאַט געוואָרפֿן אין די ווענט אַרײַן. נאָר דער נס איז געווען, וואָס דער קאָמאַנדיר זייערער האָט זיי בײַ צײַטנס באַרויִקט מיט דער ביקס אין האַנט און די לוסטיקע עסטרײַכער זײַנען אין פֿולקומער אָרדענונג אַוועק פֿאַר־נעם שטעטל, ווי עס פּאַסט פֿאַרן עסטרײַך־דײַטשן מיליטער אין אַלע פּרטים...

*

דערנאָך זײַנען אין ריבניצע געשען ווידער גרויסע ניסים.

אינעם 19טן יאָר האָט אויף דעם געהאַט אַן אויג אַ געוויסער באַנדיטן־אַטאַמאַן קאָזובסקי, וועלכער האָט געאַרבעט מיט אַ בראָ־ניעוויק [1] אויף די נאָענטע סטאַנציעס פֿון דער דרום־מערבֿ־ליניע. צו ריבניצע האָט אויך געהאַט חשק דער באַנדיטן־אַטאַמאַן באַיקאָ. ער האָט אויך געאַרבעט אויף דער באַלינגיע מיט אַ בראָניעוויק. מיט אַ בראָניעוויק זײַנען קיין ריבניצע אָנגעקומען אויך די קאָזאַקן פֿונעם וואָלד „כאָלאָדני יאַר“. דערהערנדיק דעם פּײַף פֿונעם בראָ־ניעוויק, פֿלעגט זיך דאָס שטעטל אין אימה צעלויפֿן, באַהאַלטן אין די קעלערס און דאַן פֿלעגן אין ריבניצע געשען גרויסע ניסים. דער אוקראַיִנער אַטאַמאַן סאָסענקאָ איז תּמיד געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט יעדעס מאָל געראַטעוועט דאָס שטעטל פֿון אַן אומגליק. צו יענער צײַט האָט מען אין ריבניצע געגלייבט, אַז ער, דער אַטאַמאַן

[1] געפּאַנצערטע שיסמאַשין.

סאָסענקאָ, איז עפּעס אַ שליח פֿון גאָט אַליין, ווײַל וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן אין ריבניצע, האָט קיינער נישט געוווּסט. די אָרטיקע אוקראַיִנער מאַכט האָט אים צוגעטיילט גרויס כּבֿוד, נאָר געלעבט האָט ער שטיל און לײַטיש און תּמיד איז ער נאָר געווען צווישן די עטלעכע אוקראַיִנער זעלנער, וועלכע האָבן אים אונטערטעניק געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געוואַרט אויף זײַנע באַפֿעלן. און דאָס שטעטל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט קיין גלאַטע זאַך.

דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַטאַמאַן סאָסענקאָ, וועמען אַלע אוקראַיִנער מיליטער־לײַט האָבן גערופֿן באַטקאַ[2] און האָבן אים גרויס כּבֿוד צוגעטיילט, איז פּשוט אַ געשמדטער ייִד פֿון קרעמענטשוג. ער איז קראַנק געוואָרן, האָט ער געשיקט רופֿן דעם פֿאָרזיצער פֿון דער קהילה און אים געבעטן, מען זאָל אים מאַכן אין שול אַ מי שברך. דערבײַ האָט ער געזאָגט, אַז דאָס שטעטל זאָל פֿאַר קיינעם נישט מורא האָבן, ווײַל ער, דער אַטאַמאַן סאָסענקאָ, איז אַ ייִד און ביז וואַנען ער וועט זײַן אין ריבניצע — מעגן די ריבניצער ייִדן זײַן רויִק.

נאַטירלעך, האָט מען דערפֿילט זײַן בקשה. אין אַלע ריבניצער שולן האָט מען דעם אַטאַמאַן סאָסענקאָ געמאַכט מי שבירך און גאָט האָט געהאָלפֿן, ער איז געזונט געוואָרן. דערפֿאַר האָט ער אויך געהאַלטן וואָרט. דאָס שטעטל האָט ער געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און דער אַטאַמאַן סאָסענקאָ האָט געהאַט די ברייטע דעה בײַ קאָזובסקין, וועלכער פֿלעגט אַרײַנפֿאָרן אויף זײַן בראָניעוויק „דער טויט“, אַרומגערינגלט מיט די שוואַרצע קאָלפּיקעס[3] זײַנע, די פּיקעס אין דער הייך געהויבן. געאַכט און געקרוינט איז ער אויך געווען בײַ דעם באַנדיטן־אַטאַמאַן באָיקאָ, וואָס איז אַרײַנגעפֿאָרן מיט אַ גזירה, אַז די ייִדן פֿון שטעטל זאָלן אים שאַפֿן הונדערטער אַרשינען געלע און העלבלויע זײַדנס אויף אוקראַיִנער פֿאָנען, ווען נישט — וועט

---

[2] טאַטעלע. — [3] היטלען.

ער אַלעמען אויסשטעכן. און אַפילו בײַ די קאָזאַקן פֿונעם וואַלד „כאָלאָדני יאַר" איז דער אַטאַמאַן סאָסענקאָ אויך געווען אַ קדוש. זייער „באַטקאָ" האָט ער גערופֿן צו זיך און האָט אים באַפֿוילן צו טרינקען מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער קהילה ברודערשאַפֿט, ווײַל די ייִדן האָבן אים, דעם אַטאַמאַן זייערן, גרויסע טובֿות געטאָן, און ווען ער איז געווען קראַנק, האָבן זיי מיט זייערע תּפֿילות אויסגעבעטן בײַ גאָט, ער זאָל געזונט ווערן. דער גרויזאַמער באַטקאָ, אַרומגע־רינגלט מיט זײַנע געטרײַע קאָזאַקן פֿון וואַלד „כאָלאָדני יאַר", האָט געדריקט דעם פֿאָרשטייער פֿון די ריבניצער ייִדן די האַנט. אויך האָט ער אים געצוווּנגען אויסצוטרינקען צוויי גלעזער געפֿעפֿערטן בראָנפֿן און דערבײַ האָט ער אים געזאָגט בזה הלשון:

— „אָט זעסטו די קאָזאַקן? דאָס זײַנען אַלע מײַנע קינדער. און פֿון טעפּליק האָסטו געהערט? דאָס איז זייער אַרבעט... דאָס זײַנען קאָזאַקן איינס און איינס. אַלע זײַנען זיי קעפּשנײַדער, נאָר ערלעכע. וואָס דער באַטקאָ זאָגט, איז הייליק. אַז איך וועל זאָגן, דאָ אין ריב־ניצע זאָל מען גאָר נישט טאָן, ווײַל די ריבניצער ייִדן האָבן גאָט געבעטן פֿאַר אונדזער טײַערן באַטקאָ, וועט זײַן שטיל. אַלע זײַנען זיי קעפּשנײַדער, נאָר ערלעכע"...

און דער באַטקאָ פֿון „כאָלאָדני יאַר" האָט אויך געהאַלטן וואָרט. זײַנע ערלעכע קינדער, די קעפּשנײַדער מיט די רויטע קאָלפּאַקעס, האָבן אין ריבניצע נישט אָנגערירט קיין פֿאָדעם און פֿאָרן אַוועק־פֿאָרן האָט נאָך זייער באַטקאָ אויסגעקלעפּט אין שטעטל אַ דאַנק־בריוו די ריבניצער ייִדן פֿאַר זייערע תּפֿילות, דער טײַערער באַטקאָ סאָסענקאָ, זאָל געזונט ווערן.

ס'איז געווען אַ נס פֿון גאָט, און דער אַטאַמאַן סאָסענקאָ איז געווען דער גוטער שליח. נאָר די ריבניצער ייִדן האָבן עס אים ביזן סוף געדענקט צום גוטן. מען האָט אים דורכויס געהאַדעוועט מיט „מי שבירכס", און אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ריבניצער לײַ־טישער שיקסע, האָט אים דאָס שטעטל געשיקט אַ פֿוד ווײַסע מעל דרשה־געשאַנק. און דערנאָך, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אים אַרעס־

טירט און אָװעקגעשיקט אונטער אַ שטרענגער װאַך קיין באַלטע, האָבן די ריבניצער ייִדן זײַן גזיקע מיטן קינד אויך נישט פֿאַרלאָזן און מען פֿלעגט איר געבן מתּן־בסתר, אויפֿן איידעלן אופֿן.

*

געװען איז עס דינסטיק, פּסח שני, תּרע״ט.

װי נאָר די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָט מען געגעבן אין שטעטל עטלעכע זאַלפֿן פֿון אַ פּולעמיאָט, װי באַשטימטע סיגנאַלן צו באַפֿאַלן די ייִדן, און די פּויערים פֿון דובאָװע אין די אַרומיקע דערפֿער האָבן זיך מיט העק און װידלעס[4] אַרײַנגעריסן אין שטעטל אַרײַן.

דורכויס זײַנען עס געװען היימישע גויִים. אַלע האָבן זיי גע־טראָגן די פּעלצן אויף דער לינקער זײַט און די דאַשיקעס פֿון די היטלען פֿאַרדרייט אויף אַהינטער. די איבערגעקערטע פּעלצן און פֿאַרדרייטע דאַשקעס זײַנען עס געװען די סימבאָלן פֿון דער איבער־געקערטער אָרדענונג אין לאַנד. אַ סך האָבן זיך אויסגעפֿאַרבט די פּנימער, מען זאָל זיי נישט דערקענען. נאָר די דובאָװער ייִדן האָבן אַלעמען דערקענט. פֿונעם פֿעלדשער מיטן געװעזענעם בריװ־טרעגער קאַרטשינסקי ביז דעם מינדסטן פּויער־ייִנגל, װאָס איז זיי נאָכגעלאָפֿן, װי אַ צערייצט הינטל — זײַנען זיי אַלע געװען אויפֿן אויג. געטייט האָבן זיי אַלע קרבנות מיט קאַלט געװער און געשאָסן האָט מען נאָר אין די פּוסטע גאַסן פֿון פֿריילעכקייט װעגן. די נאַכט זײַנען אומגעקומען דרײַצן מענטשן מיט אַלערליי מיתות־משונות. איבער הויפּט האָבן געליטן די ייִדישע פֿאַמיליעס, מיט װעלכע די היימישע פּויערים האָבן געהאַט װעלכע ס׳איז סכסוכים. אַזוי האָט אויך געליטן די פֿאַמיליע פֿונעם קצבֿ דוד פֿורמאַן. ער האָט אויך געװוינט אין אַ הינטער־געסל. דעריבער זײַנען אַלע קרובֿים און גו־טע פֿרײַנד געקומען צו אים זיך באַהאַלטן. אויך זײַנען אַלע געװען זיכער, אַז מען װעט דוד דעם קצבֿ קיין שלעכטס נישט טאָן, װײַל

[4] גרויסע גאָפּלען צו אַרבעטן אויף די פֿעלדער.

ער איז געווען זייער היימיש מיט די גויים. זיי האָבן אים געטרויט און געלט זייערע רינדער פֿון איין יאַריד צום אַנדערן און ער פֿלעגט זיי צושטעלן פֿלייש צו באַצאָלן, ווען עס וועט זײַן דער מזומנער גראָשן. דערצו האָט זײַן ווײַב געשמט מיט איר אָפֿענער האַנט צו העלפֿן אין אַ נויט. געווען איז עס די געוויסע זלאָטע די קצבֿטע, וועלכע האָט געקאָכט אַלע אויפֿדערנאַכט אַ פֿליישיקע זופּ פֿאַר די בכבֿודע אָרעמע־לײַט פֿונעם שטעטל. שטייענדיק נעבן דעם פֿלייש, האָט די דאָזיקע ייִדענע אויך געוווסט פֿון אָרעמע גויעס, וואָס זייערע מאַנען זײַנען צוריק פֿון דער מלחמה נישט געקומען אַהיים און פֿון קאַליקעס בעטלערס און בעטלערקעס, וועלכע פֿלעגן זיצן נעבן קלויסטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט נאָך אַ גראָשן אַ נדבֿה. זי האָט יעדן דערהאַלטן דאָס חיות מיט אַ שטיקל דרויב. אויף די יאַ־רידן אין דובאָווע האָבן זיך נעבן איר רעדלעך געקליבן פֿון אַלערליי גויעס, וועלכע האָבן בײַ איר טובֿות געבעטן און דערבײַ האָט מען גערעדט פֿון איר, אַז גאָט האָט איר געגעבן אַ גוטע קריסטלעכע נשמה. און דווקא מיט דער זלאָטען האָט אין דער נאַכט פֿון פּסח שני דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפֿן.

די סיבה איז געווען אַ צופֿעליקע. בײַ איר אין שטוב האָט מען געזוכט אַן אַנדער ייִדן, אויך אַ קצבֿ, מיט וועמען אַ דובאָווער פּויער האָט געהאַט אַ סכסוך איבער אַ שטיקל פֿלאַץ, ווײַל זיי זײַנען געווען שכנים. האָט יענער אָנגעבעטן גוטע ברידער, מען זאָל אין דער נאַכט, ווען מען מעג ייִדן הרגענען, אָפּרעכענען זיך מיט זײַן ייִדישן שכן. דער דאָזיקער משה קצבֿ, וואָס זיי האָבן געזוכט, האָט זיך גראָד בײַ פֿורמאַנען נישט באַהאַלטן, נאָר ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, די בלוטן פֿון די אָנפֿאַלערס זײַנען שוין געווען שטאַרק צעקאָכט און די ביקסן, העק און ווידלעס זײַנען געווען גרייט אין די הענט — האָבן זיי זיך אַרײַנגעריסן מיטן געוועזענעם בריוועטרעגער קאַרטשינסקי צו דוד פֿורמאַן אין שטוב אַרײַן, וועלכע איז געווען פֿול מיט איבערגעשראָקענע ייִדן, ווײַבער און קינדער. גלײַך האָבן זיי פֿאַרלאָשן די לאָמפּ, מען זאָל זיי נישט דערקענען,

די פאַרגעפילן ערב דעם פּאָגראָם, אַקוואַרעל פון ישׂשכר בער ריבאַק

פּאָגראָם, אַקוואַרעל פון ישׂשכר בער ריבאַק

און אָנטקעגן דער לבֿנה־שײַן פֿון די ליכטיקע פֿענצטער האָבן זיי צווישן געשריי און יאָמער געגומען האַקן און רעכטס און אויף לינקס. אייניקע האָבן זיך געוואָרפֿן רויבן די שופֿלאָדן פֿון קאָמאָד און אַלמער. אַזוי האָבן זיי אין עטלעכע מינוטן געהרגעט זלאַטעס שוועסטער מיטן מאַן, וואָס זייערע זיבן קינדער האָבן באַוויזן אַרויס־צורײַסן זיך פֿון שטוב און אַנטלויפֿן בײַ נאַכט אין די פּויערישע גערטנער. צוויי קינדער פֿון אַכט און צען יאָר פֿונעם ברודער אַהרן־זכריה קאָזאָדאָי און צוויי שכנות, אַ יונג ווײַבל מיט אַן עלטערער מאַמען. דערבײַ האָט זלאַטע אַליין אויך שלעכט אָפּגעשניטן. צווישן די אויפֿגעהויבענע העק און ווידלעס האָט זי זיך געוואָרפֿן צו די היימישע באַנדיטן מיט תּחנונים, אָנרופֿנדיק זיי בײַ די נעמען. די הענט האָט זי זיי געקושט און געבעטן רחמים, מען זאָל אויפֿהערן הרגענען. אַזוי אַרום האָט מען איר צעהאַקט דעם קאָפּ און איבער־געהאַקט אַ האַנט און אויסגעשטאָכן אַן אויג איר פּיריעריק מיידעלע, וועלכע זי האָט אויף די הענט געהאַלטן. לסוף האָט מען זיך דאָך אויף איר דערבאַרעמט. ווען זי איז אַ געחלשטע אומגעפֿאַלן אין אײנעם מיט איר קינד, האָט איינער פֿון די גזלנים אויסגעשריגן:

— ברידער, ס'איז דאָך זלאַטע! זעט, וואָס איר טוט מיט דער בידנער זלאַטען!...

אויף דעם געשריי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די הענט מיט די העק און ס'איז געוואָרן טויטשטיל. אַזוי איז געווען עטלעכע רגעס. מיט אַ מאָל האָט איינער אַרויסגערעדט אין שרעק:

— איז דאָ נישטאָ מאָשקען?... ווו איז ער דען?...

פֿון אַ ווינקל האָט אַרויסגעוויינט דער בלײַענער קול פֿון דוד פּורמאַן:

— רופֿט אַ דאָקטאָר.

— בידנע זלאַטע! — האָט עמעצער ווידער באַדויערט פֿון דער באַנדיטן־חבֿרה מיט די איבערגעקערטע פּעלצן און איבערגעדרייטע דאַשיקעס. נאָר אין דער רגע האָט מען אויסגעשאָסן אינעם ליכטיקן

פֿענצטער אַרײַן און אונטער די קלאַנגען פֿון די אויסגעהאַקטע שויבן זײַנען זיי אַלע פֿון שטוב אַנטלאָפֿן.

*

... נאָר דער גרעסטער נס איז געשען בײַ די דובאָוער שמידן.

דרײַ ייִדישע משפּחות זײַנען עס געווען און פֿון דער גאַנצער עדה ייִדן האָבן נאָר זיי באַקומען דאָס רעכט צו בלײַבן לעבן, דערפֿאַר וואָס מען האָט אין פּויערישן הויף געדאַרפֿט זייער אַרבעט. דער באַנדיטן־אַטאַמאַן קאָזאַקאָוו האָט זיי גערן געטאָן דעם דאָזיקן חסד, ווײַל זיי, די ייִדישע שמידן פֿון דובאָווע, זײַנען אים אַליין אויך גוט צו נוץ געקומען. די אַלע דרײַ ליכטיקע זומערטעג פֿון דער גרויסער הריגה האָבן זיי פֿאַר זײַן באַנדיטן־חיל געשמידט די פֿערד און געשאַרפֿט די שווערדן, אויסצוקוילן דאָס ייִדישע שטעטל און זיי זײַנען עס געווען די איינציקע ייִדיש־לעבעדיקע עדות פֿון די אַלע חוזק־טויטן און מיתות־משונות, וואָס די גוייִשע טמאים־קעפּ האָבן צוגעטראַכט זייערע ייִדישע קרבנות צו פּײַניקן.

זיי האָבן געזען, ווי אַזוי מען האָט דער געשמדטער פֿייגע־ווײַטעלעס באָבע, חיה שקאָדניק, געשלעפּט אַ לעבעדיקע אין קבֿר אַרײַן. אירע קולות האָבן געלעכערט די אויערן. האָט מען איר אונטערגעשאָסן, איז זי שוין דאָן שטיל געבליבן. נאָר אַז מען האָט זי אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב פֿון דער „גליניששטשע" צווישן יונגע־לײַט און ייִדן מיט בערד, האָט זי זיך מיטן קלייד גוט די פֿיס צוגעדעקט...

און אים, שמואל־יצחקן, האָבן די הימישע באַנדיטן געצוווּנגען צו שטאַרבן מיט אַזאַ חוזק־טויט, וואָס דער גאַנצער יאַריד איז געפֿאַלן פֿאַר געלעכטער. ער, דער גדלן, וועלכער איז בײַ אַלע אומגליקן פֿונעם שטעטל איבערגעזעסן בײַ זיך אין זײַן שיינער פּריצישער שטוב — אים האָט, אויפֿן צווייטן טאָג פֿון דער גרויסער הריגה באַהערשט אַ פּחד. מיטנעמענדיק דאָס געלט מיטן גאָלד און זילבער, איז ער מיט חיהן אַנטלאָפֿן אויפֿן דאָרף צו אַן אָרעמען ערלעכן פּויער, מיט וועלכן ער האָט יאָרן לאַנג געהאַנדלט און האָט

אים גרויסע טובֿות געטאָן. אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך דער־שראָקן פֿאַרן טויט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער בעסטער גוי אין דובאָווע איז דער אָרעמער און ערלעכער אַניסקאָ טשערנאָוואָל, און יענער האָט אים אַרויסגעגעבן די באַנדיטן גלײַך ווי ער האָט אים אָפּגעגעבן צו די הענט זײַן פֿאַרמעגן. די גרינע טויזנטער האָט ער נאָר זיך איבערגעלאָזן. מיט זיי האָט ער דערנאָך געוואָלט זיך אויסקויפֿן פֿון טויט, נאָר די היימישע גויִים האָבן אונטערגעזאָגט די באַנדיטן, אַז ער, שמואל־יצחק, האָט זיי זייער ליב געהאַט און דעריבער האָט מען אים געגייט צו טאַנצן איבער דער גאַס מיט די גרינע טויזנטער אין די הענט ביז צו זײַן נאַסן לעבעדיקן קבֿר.

די דובאָווער שמידן האָבן אויך געזען, ווי אַזוי די באַנדיטן־זעלנער האָבן געטראָגן אויף אַ שפּיז די שיינע און יונגע שנור פֿון יוסף סאָלאָדאָווניק. זי איז געווען אַ גרויסע שיינהייט און איז אַלט געווען נײַנצן יאָר. געבוירן און אויסגעוואַקסן בײַ אָרעמע עלטערן אין גאָלאָוואַניעווסק, האָט זי צו זעכצן יאָר געענדיקט די גימנאַזיע און צו אַכצן איז זי געווען אַ פֿאַרמאַצעווטין. מיט זלמן סאָלאָדאָווניק האָט זי חתונה געהאַט אויס ליבע מיט אַ האַלב יאָר צוריק און גע־ווען איז עס אַ גליקלעך פֿאַרליבט פּאָרפֿאָלק.

אים האָט מען געהרגעט דעם ערשטן טאָג פֿון דער הריגה פֿאַר איר אין די אויגן. דערנאָך האָבן זיך די באַנדיטן גענומען צו איר. זיי האָבן זיך געשפּיגלט אין איר שיינקייט און דערבײַ האָבן זיי גע־ריסן פֿון איר די קליידער, שלעפּנדיק זי פֿון האַנט צו האַנט. נאָר זי האָט זיי אַלעמען באַרויקט. זי האָט צו זיי געשמייכלט און צערט־לעך געגלעט איבער די קעפּ. אַלעמען האָט זי זיי גערופֿן אין דער פּערפֿומען־קלייט פֿון איר מאַן, דאָרטן וועט זי זיי אַלעמען שענקען שמעקנדיקע זייפֿן און אַליין וועט זי זיך אָפּגיסן מיט אָ־דע־קאָלאָן, דערנאָך וועט זי גיין מיט זיי אין „שטוב" אַרײַן.

די באַנדיטן האָבן זיך געלאָזט אײַנריידן און זײַנען מיט איר אַוועק אין איר מאַנס פּערפֿומען־געשעפֿט און דאָרטן האָט זי זיך פֿאַר זיי אַלעמען אין די אויגן געסמט מיט קאַרבאָל. די באַנדיטן־

יונגען זײַנען געוואָרן בײז ווי די וועלף און האָבן זי אויף אַ שפּיז אַרויסגעטראָגן אין גאַס אַרײַן, נאָר זי איז שוין געווען טויט.

די שמידן זײַנען אויך געווען די שטומע עדות בײַ דעם מאַר־טירער־טויט פֿונעם דובאָוער זיבעציק־יאָריקן גמרא־מלמד פּסח זבאָרסקי. ער, דער גרויסער למדן און שטילער ערלעכער ייִד, פֿלעגט אין די הריגה־טעג פֿונעם זומער תּרע״ט תּמיד זיצן בײַ זיך אין שטיבל איבער אַ ספֿר. די אַלטיטשקע זײַנע מיט די קינדער און אייניקלעך זײַנען געזעסן פֿאַרשטעקט אויפֿן בוידעם און ער האָט אין דער שטיל געהיט די שטוב, נאָר אַז ער פֿלעגט דערהערן די קולות פֿון די געפּײַניקטע צום טויט, האָט ער זיך געכאַפּט אויפֿן קול תּהילים זאָגן. און גאָט האָט אַלע מאָל מיט אים חסד געטאָן. אויף זײַן קליין אײַנגעהויקערט שטיבל האָט זיך קיינער נישט אומ־געקוקט. נאָר בײַ דער גרויסער הריגה איז זײַן אָרעמע שטילע נעסט אויך צערויבט געוואָרן. געווען איז עס נאָך דעם ערשטן טאָג, און אויף מאָרגן, בעתן יאָריד, האָט זיך אַ צערייצטע שיכּורע מחנה ווידער צו אים אַרײַנגעריסן. באַלד האָבן זיי אַנטדעקט דאָס באַהעל־טעניש אויפֿן בוידעם. אַלעמען האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט אונטן. פֿאַר אים אין די אויגן האָט מען געטייט זײַנע קינדער און אייניקלעך און ער האָט אַלץ תּהילים געזאָגט אויפֿן קול. דערנאָך האָט מען אים אַליין אַרויסגעשלעפּט אין גאַס, וווּ ס'האָט געווימלט דער יאַ־ריד. מען האָט אים גלײַך אָפּגעהאַקט די האַנט, אין וועלכער ער האָט דעם תּהילים געהאַלטן. דער תּהילים איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד, נאָר דער ייִד האָט זיך אײַנגעבויגן און האָט אים אויפֿ־געהויבן מיט דער אַנדערער האַנט. דאַן האָט מען אים אויך די צווייטע אָפּגעהאַקט און דער אַלטער גמרא־מלמד האָט נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו טאָקן די פּסוקים אויפֿן קול. אַזוי האָט מען אונטער די פֿעסטע קלאַנגען פֿון זײַן תּהילים־דעקלאַמאַציע געהאַקט פֿון אים אבֿרים ביז ער איז שטיל געוואָרן. דאַן האָבן די רוצחים געצוווּנגען זײַן בלינדלעכע אַלטיטשקע, זי זאָל אָפּוואַשן פֿון די שווערדן דאָס

בלוט פֿון איר מאַן און דערנאָך האָט מען זי אַליין געהרגעט מיטן זעלביקן קאַלטן געווער.

אַ גליקלעכער זון פֿון די שמידישע משפּחות אין דובאָווע, האָט אויך בײַגעוווינט די לעצטע מינוטן פֿונעם ציוניסטישן אינטעליגענט און כּלל־טוער גדליה קאָרעצקי. ווען די באַנדיטן זײַנען באַפֿאַלן די באַיאָרנטע שיינע פֿרוי זײַנע, צו שענדן זי בײַ זיך אין שטוב, איז ער אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן גאַניק און האָט אָנגעהויבן צו שרײַען אויף רוסיש: „איך בין אַ קאָמוניסט! זאָל לעבן לענין און טראָצקי!" — דערבײַ האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען די „מאַרסעליעזע", און זינגענדיק איז ער געפֿאַלן טויט נעבן זײַן געשענדטער פֿרוי מיט אַ צעשאָסענעם קאָפּ און איבערגעבראָכענע הענט־און־פֿיס.

פֿאַרבײַ די אָפֿענע טירן פֿון די ייִדישע שמידערײַען האָט מען אויך געשלעפּט דעם לאַדיזשינקער בלעכער מיט זײַן צוועלפֿיאָריקן בן־יחיד לעבעדיקערהייט אין קבֿר אַרײַן צו דער „גלינישטשע". געכאַפּט האָט מען זיי אין גאַס, ווען זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן בײַ די הענט פֿאַרוווּנדעטע און פֿאַרשמאַכטע, בעטנדיק אַ ביסל וואַסער בײַ די היימישע גויִים. פֿאַר זייערע אויגן האָט מען אויך געקעפּט דאָס יונגע ווײַבל אסתּר דינשטיין, וועלכע איז געווען שוואַנגער. אין מיטן גאַס האָט זיך אין מיסט און אין שטויב געוואַלגערט דער שוואַרץ־פֿאַרקעמטער קאָפּ אירער מיט די קעמעלעך אונטער די אויערן און דערבײַ איז געלעגן דאָס עופֿעלע, וואָס מען האָט פֿון איר אויפֿגעהאַקטן בויך אַרויסגענומען, און די באַנדיטן האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט דעם ווי מיט אַ שפּילבאַלאָן.

זייערע אויערן האָבן אויך פֿאַרנומען די חוזק־געלעכטערס פֿון די היימישע גויִים, ווען דער בעל־עגלה שלמה טעפּליצקי האָט געפֿאָדערט בײַ די באַנדיטן אַ קויל פֿאַר זיך, און אַז זיי האָבן אים געהאַקט מיט די שווערדן, איז דער אַרומיקער פּויערשער עולם געפֿאַלן פֿאַר געלעכטער, שיטנדיק זיך מיט ווערטלעך, למאַי ער לאָזט זיך נישט שנײַדן.

די ייִדישע שמידן האָבן אויך אַ טובֿה געטאָן שאול נאַכימאָ־

וויטשן, ווען מען האָט אים געפֿירט אין די נאַסע גריבער אַרײַן. אין איינעם מיט זײַן דרײַיאָריק ייִנגעלע האָט ער געבעטן די טובֿה, מען זאָל אָנשאַרפֿן גוט די שווערד און די באַנדיטן האָבן אים צו־ליב געטאָן. דער ייִדישער שמיד האָט עס אָנגעשאַרפֿט און שאולס קאָפּ איז געפֿלויגן ביז צו די קוזשניעס, באַשפּריצנדיק די ווענט מיט אַ רעגן פֿון בלוט און דאָס דרײַיאָריקע קינד האָט מען לעבע־דיקערהייט אַרײַנגעשלײַדערט אינעם ייִדיש־קהלשן קבֿר.

און די דובאָווער שמידן האָבן געזען דעם חוזק־טויט פֿונעם באַיאָרנטן אַדוואָקאַט ניעסטראָווסקי מיטן ווײַב, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ תּבֿואה־שפּײַכלער, אַ פֿאַרשטיינערטע פֿון פּחד, מיטן טויפֿצעטל אויפֿן האַלדז. ער האָט די באַנדיטן געוויזן די קמיע וואָס דער ווילשענקער גלח האָט אים אָנגעטאָן. זיי האָבן עס צע־ריסן בײַ די פֿאַטשערײַען און הוראַ־קולות פֿון די הימישע גויִים. נאָר ווי אַזוי דאָס פּאָרפֿאָלק ניעסטראָווסקי איז אומגעקומען, ווייס מען נישט, ווײַל מען האָט זיי ביידן געהרגעט מיט אַזאַ שענדלעכן חוזק־טויט, וואָס מען קאָן עס מיט קיין מענטשלעכן לשון נישט דערציילן...

מיט דעם ענדיקן די דובאָווער שמידן זייער גבֿית־עדות וועגן דער גרויסער הריגה אין די טעג י׳, י״א און דעם פֿרימאָרגן פֿון י״ב מנחם־אָבֿ תּרע״ט. און ווײַטער באַקומען מיר ווידער די גענויע כראָניק פֿונעם דובאָווער פּראָלעטאַרישן קהלס־מאַן, משה שטעלמאַ־כער, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך בײַ דעם צעשטערטן ייִדישן שטעטל ביזן סוף.

*

פֿרײַטיק אין דער פֿרי, ווען משה שטעלמאַכער איז אַרויס פֿון קעלער, האָט ער זיך שוין געמוזט שטעלן אויף זײַן קהלשן פּאָסטן.

נאָך דעם ווי ער איז מיט ווילדע קולות אַנטלאָפֿן אין גאַס אַרײַן און האָט זיך אָנגעשטויסן נעבן דעם רבֿס שטוב אויף די הימישע פּויערים־יונגען, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן איבער די שיך

מיטן רעקל פֿון מענדל בערדיטשעווסקי, איז אים שוין דימיטרי שאַ־באַלינסקי אַנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ פֿראַגע:

— וואָס טוט מען? די ווײַבער מיט די קינדער זײַנען הונגעריק.

געווען איז עס נאָך פֿאַר האַלבן טאָג, ווען איינציקע באַנדיטן־זעלנער האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל. בײַ דעם זעל־ביקן דימיטרין אין שטוב האָט נאָך קאַזאַקאָוו מיט זײַן „שטאַב" געפּרישטיקט בײַ ווײַס־געגרייטע טישן, וווּ ס'האָט געשפּילט מוזיק. די אַלע דרײַ הריגה־טעג איז ער זײַן גאַסט געווען און בײַ אים אין הויף האָט מען געשאָכטן ייִדישע קי און ציגן, דעם אַטאַמאַנס טיש צו שפּײַזן. די „ייִדישע כּפּרה", טאַליע שאַבאַלינסקי, האָט געהאַלטן אין איין כאַפּן ייִדישע עופֿות, געהאַקט פֿון זיי די קעפּ און געגעבן די ייִדישע ווײַבער צו די הענט, זיי זאָלן קאָכן מיטאָג פֿאַר די „געסט", נאָר דערבײַ האָט זי זיי געטרייסט, אַז זיי וועלן שוין באַלד אַוועק־גיין.

דאָס דאָרף איז נאָך אַלץ געווען יום־טובֿדיק. די היימישע באַנ־דיטן האָבן נאָך אַלץ געטראָגן זייערע איבערגעקערטע פּעלצן מיט די פֿאַרדרייטע היטלען, אונטערגעבונדן די בערד מיט די טשופּרי־נעס, מען זאָל זיי נישט דערקענען, און די שיקסעס, פֿאַרפּוצטע אין די זונטיק־לײַבלעך מיט קרעלן און בענדער, האָבן שיכּורע געטאַנצט בײַ יעדן הויף, באַרימענדיק זיך מיט די רינגען און בראַסלעטן אויף די הענט. דאָרטן, אין די גויִישע גאַסן, האָט די מוזיק נישט אויפֿגע־הערט צו שפּילן. מען האָט נאָך אַלץ געשיכּורט און געפֿרעסן בײַ געגרייטע טישן פֿון כּל־טובֿ, זינגענדיק און שפּילנדיק אויף באַלאַ־לײַקעס און האַרמאָניקעס, און אין שטעטל האָבן נאָך געשאַלט די גויִישע טמא־געלעכטערס איבער די לעבן־געבליבענע.

צו די ייִדישע ווײַבער און קינדער בײַ שאַבאַלינסקין אין שפּײַכ־לער זײַנען יעדעס מאָל אַרײַנגעקומען היימישע און פֿרעמדע באַנ־דיטן־יונגען מיט פֿראַגעס: „ווער איז אײַער גאָט? לענין אָדער טראָצ־קי?"... און איינער פֿון זיי האָט געפֿאָדערט, אַז די ייִדישע קליינע קינדער זאָלן אים קושן. און אַז יענע האָבן זיך אין אימה געטוליעט

צו די מוטערס, האָט ער געשריגן, אַז ער וועט זיי אַלעמען לעבע־דיקערהייט אַרײַנוואַרפֿן אין דער „גלינישטשע“. די ווײַבער מיט די דערשראָקענע קינדער אַרום זיך האָב אים געבעטן און געקושט די הענט, ביז ער האָט זיך געלאָזט אײַנריידן און שטיל דעם שפּײַכ־לער פֿאַרלאָזן. די דאָזיקע מענטשן־חיות זײַנען שוין געווען איבער־געזעטיקט מיט הריגות און רציחות. מען האָט נאָך אַלץ געשלעפּט מיידלעך און ווײַבלעך צום שענדן. פֿון די אויסגעשמירטע און פֿאַר־שטעלטע פֿאַר אַלטע ווײַבער האָבן זיי געריסן די קויטיקע טשעפּי־קעס און טיכלעך פֿון די שוואַרצע און בלאָנדע קעפּ, נאָר די נפֿשות האָט מען שוין מער נישט גענומען. די היימישע און פֿרעמדע באַנ־דיטן זײַנען שוין מיד געווען פֿון רויב און בלוט. משה שטעלמאַכער האָט שוין זיכער געקענט טראַכטן עפּעס צו טאָן.

דאָס ערשטע האָט ער איבערגעציילט זײַנע קינדער. זיי זײַנען אַלע זעקס אין איינעם מיט חנניהן געזעסן בײַ שאַבאַלינסקין אין שפּײַכלער, צוגעטוליעט אין אַ ווינקל נעבן דער פּאַרווינטער מוטער. ס׳האָט איר געפֿעלט דאָס זיבעטע קינד. געווען איז עס דווקא דאָס קליינע זעקסיאָריקע יינגעלע, וועלכעס האָט זיך מיט דער מאַמען נישט געוואָלט צעשיידן. מיט געוואַלד האָט זי אים אָפּגעריסן פֿון זיך און האָט אים, אַ וויינענדיקן, אָפּגעשיקט מיטן עלטערן מיידל צו בעריסלאַווסקי דעם קירזשנער אין קעלער אַרײַן, ווײַל זי האָט מורא געהאָט, אַז בײַ איר זײַנען דאָ צו פֿיל קינדער.

נאָר זי האָט די צוויי פֿייגעלעך אירע גוט באַוואָרנט. איר מאַנס קהלשע פֿאַרדינסטן זײַנען איר בײַגעשטאַנען, אַז יאָסל דער קירזש־נער זאָל אַרײַננעמען די קינדער צו זיך אין „סעקרעט“, ווײַל אַ פּעסטונג איז עס געווען. דעם גאַנצן זומער האָט ער מיט נאָך צוויי יידן, זײַנע קרובֿים, געגראָבן אונטער דער ערד בײַ זיך אין קעלער און מען האָט דאָרטן דאָס אמתע קונציקע באַהעלטעניש אויסגעבויט. געווען איז עס אַ קאַמער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פֿאַר לעבעדי־קע מענטשן. פֿון אויבן האָבן דורך געלעכערטע אומזעבאַרע שפּאַרעס אַרײַנגעדרונגען פּאַסן ליכט און לופֿט צום אָטעמען און דער אַרײַנ־

גאַנג איז געווען אַזוי קונציק פֿאַרמאַסקירט, אַז די באַלעבאַטים אַליין האָבן זיך געדאַרפֿט מאַכן סימנים, ווי אַזוי אַרײַנצוגיין אינעווייניק.

דער דאָזיקער „סעקרעט" האָט געשמט אין דובאָווע און אַ סך מענטשן האָבן זיך דאָרטן געוואָלט באַוואָרענען, ווען ס'וועט קומען די בייזע מינוט פֿון סכנות־נפֿשות. האָט מען זיך בײַ בעריסלאַווסקין באַשטעלט פּלעצער אין זײַן קעלער, ווי בילעטן אויף אַ פֿאַרשטעלונג, וועלכע ווערט אַנאָנסירט בײַ צײַטנס. נאָר נישט אַלע זײַנען געווען פֿון די גליקלעכע, ווײַל דאָס דורכגעגראָבענע קעלער־שטיבל איז נישט איבעריק גרויס געווען. דערצו איז יאָסל דער קירזשנער אַליין געווען אַ גרויסער בעל־משפּחה און האָט געוואָלט אַלע זײַנע פֿרײַנט האָבן נעבן זיך. איבעראַל האָבן זיך דאַן אַלע אַזוי נוהג געווען. אין די גרויזאַמע מינוטן פֿון לעבנס־געפֿאַר און טויטשרעקן פֿלעגט מען אָנווענדן די לעצטע כּוחות, אַז אַלע קרובֿים פֿון דער משפּחה זאָלן זיך האַלטן אין איינעם, כּדי מען זאָל דעם לעצטן ווילן איבערגעבן איינס דאָס אַנדערע. ווער עס וועט לעבן בלײַבן, זאָל וויסן וואָס צו טאָן מיטן איבערגעבליבענעם פֿאַרמעגן, אָדער פֿאַרזאָרגן אַן אַלמנה מיט יתומים, און אויב אַלע וועלן געהרגעט ווערן, זאָל מען אין איינעם קומען צו קבֿר ישׂראל.

דאָס איז אויך געווען דער אידעאַל פֿונעם מיושבֿדיקן און פֿאַר־מעגלעכן קירזשנער יוסף בעריסלאַווסקי. דעריבער האָט ער מיט זײַ־נע קרובֿים אַזוי פֿיל געאַרבעט און אַ גאַנצן זומער געגראָבן זיך אונטער דער ערד. ער האָט געוואָלט באַוואָרענען זיך מיט זײַן געזינד און די גרויסע משפּחה זײַנע אויף לעבן און טויט.

נאָר בײַ דער גרויסער הריגה אין דובאָווע איז קיין באַהעלטע־ניש נישט געווען. זײַן פֿאַרבאָרגענע קאַמער אונטערן וואַנט פֿון קע־לער האָט מען אַנטדעקט דאָנערשטיק בײַ טאָג, ווען אַ קינד האָט דאָרטן אָנגעהויבן צו וויינען, און ווי אַזוי מען האָט דאָרטן געטייט נײַן געזינדן, ווייס קיינער נישט, ווײַל עדות זײַנען נאָר די שטומע ווענט, אָנגעזאַפּטע מיט בלוט און מאַרך פֿון יידישע קעפּ. דאָס פֿערצניאָריק מיידעלע פֿון משה שטעלמאַכער, וועלכע איז על־פּי

נס אַנטלאָפֿן אין גאַס אַרײַן, געדענקט גאָרנישט צו דערציילן. זי האָט גלײַך באַקומען אַ שרעקלעכן נערוון־אַטאַק און איז ערגעץ אומגעפֿאַלן אין אַ שטוב, וואָס איז געשטאַנען חרובֿ מיט אויסגעהאַקטע פֿענצטער און טירן. צווישן אויפֿגעריסענע קישנס און צעבראָכענע כּלים איז זי דאָרטן איבערגעלעגן די נאַכט און אין דער פֿרי האָט אַ גויע צופֿעליק דערהערט אירע היסטערישע קולות, האָט זי דאָס מיידל פֿאַר אַ האַנט געבראַכט צו שאַבאָלינסקין אין שפּיכלער, און דאָס ברודערל איז געבליבן דאָרטן צווישן די ביינער און שאַרבנס פֿון בעריסלאַווסקיס משפּחה, וועלכע די גויִם האָבן דערנאָך אַרײַנגעשלײַדערט אין „גלינישטשע“.

נאָר דאָס טויטע קינד זײַנס האָט בײַ משהן קיין איין טרער נישט אַרויסגערופֿן.

פּרץ מאַרקיש

פֿון דער פּאָעמע

די קופּע

נאָך אײַך, הרוגים פֿון אוקראַיִנע,
וווּ פֿול מיט אײַך די ערד איז,
און אויך נאָך אײַך, געשאָכטענע אין „קופּע“,
אין האָראָדישטש, דער שטאָט בײַם דניעפּער —
קדיש !

ניט ! לעק ניט, חלבֿ הימלשער, מײַנע פֿאַרפּאַפּטע בערד,
פֿון מײַנע מײַלער כליופּען [1] ברוינע ריטשקעס דזשעגעכץ [2],
אָ, ברוינע ראָשטשינע [3] פֿון בלוט און פֿון געזעגעכץ,
ניט ! ריר ניט דאָס געברעך אויף שוואַרצער דיך פֿון דר׳ערד.

---

[1] גיסן זיך (מיט געדריש) ווי בלאָטע. — [2] ווי האָלצמעל. — [3] פֿאַרקנעטעכץ.

אַוועק! סע שטינקט פון מיר, סע קריכן אויף מיר פּרעש!
דו זוכסט דײַן טאַטע־מאַמע דאָ? דו זוכסט דײַן חבר?
זיי זײַנען דאָ! זיי זײַנען דאָ! נאָר ס'שטינקט פון זיי אַן אַויר!
אַוועק! זיי לויזן זיך צערעפּעטע[4] מיט הענט צעבויגענע ווי מעש...
אַ קופּע קויטיק גרעט[5] — פון אונטן ביז אַרויף איז!
נאָ! וואָס דיר ווילט זיך, דולווינט, קראַץ־אַרויס און נעם דיר!
אַנטקעגן זיצט דער קלויסטער, ווי אַ טכויר, בײַ קופּע
אויסגעשטיקטע עופות.

אַ, חלבנע הימלען! אײַך צו לאַנגע יאָר די שבתדיקע העמדער!
און טראָגט געזונטערהייט, אין נחת, אַלע, אַלע!
י"א תשרי תרפ"א...

*

פאַרזונקען זיצט די שטאָט אין שטילקייט ביז די לענדן,
ווי אין אַ זומפּ אַליידיקער אַן איבערקערטער וואָגן...
אַ, ס'זאָל כאָטש עמעץ זיך מיט עפּעס קומען ווענדן,
ס'זאָל עמעצער כאָטש עפּעס קומען זאָגן!...

אַ וויי־און־ווינד נאָר וויינט אַ שקיעה, ווי אַ שפּאַרבער
אויף דאַך אויף בלינדן פון אַ בעטלערישער דלאָני[6]...

אַ, עפן, עפן־אויף דײַן שטענדיקן שער־בלאַט
אַלמעכטיקער פון וועלטן —
הנני העני...

כ'באַגער מיט דיר אין תפילה איצט באַהעפט זײַן,
און נאָר אויף לעסטערן און נאָר אויף שעלטן
באַוועגן זיך מײַן האַרץ און מײַנע לעפּצן...

אַ, מײַנע אויסגעדאַוונטע געוואָנדטע הענט,

---

[4] צעפּאַטשקעטע, צעקראַכענע. — [5] וועש. — [6] האַנטפלאַך.

געשענדט אין צענטן —
נאַ דיר, נאַ דיר!...

און צערטל זיי, און לעק זיי, ווי אַ הונט
אויף פּעל צעקרעציקטער — אַן אײַטערדיקע וווּנד,
איך בין זיי דיר מנדר!...

איך האָב דיר אויפֿגעשטעלט אין מיטן מאַרק אַ נײַעם משכּן, גאָט,
אַ שוואַרצע קופּע, ווי אַ בלוטער...
באַזעץ זיך אויף איר דאַך דעם ברוסטיקן,
גלײַך ווי אַ ראָב אַן אַלטער אויף אַ מיסטקאַסטן...

מײַן האַרץ, מײַן האַרץ, מײַן אויסגעדאַוונט האַרץ,
מיט אַלע אָפּוואַרפֿעכצן, — נאַ דיר, נאַ דיר!...
און פּיק עס, פּיק אויף רײַטוואָגן פֿון צוואַנציק דורות דיר געבראַכטס
— איך בין עס דיר מנדר!...

אַ וואַנדער־שטעקן וואַלגערט זיך און וואַרט שוין דײַנע טראָט
נאָך קינס אָפּגעשרויפֿטע רעכטע פֿיס...
ב׳אויף קידוש — בלוט
פֿון הבֿלס האַלדז — אַ היטל —
קיל איך דיר...

פֿאַרהילעכטער!
ס׳האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אַ שוואַרצע בויד מיט
שלאָפֿנדע פֿאַרשוין,
אין בלאָטע אײַנגעריכטע,
און עפּעס, עפּעס דאָרטן רירט זיך...

אָ, טײַכן סמאָלענע פֿון מײַנע אויגן,
אויסגעזויגענע אויף טהרה — נאַ דיר, נאַ דיר!
אַ שוואַרצע בויד מיט שלאָפֿנדע פֿאַרשוין,

אין בלאָטע אײַנגעריכטע...
מען פּירט דאָרט נאָך, מען פּירט דאָרט נאָך, מען פּירט דאָרט...

— נעם, צלם־איבער זיך און צייל זיי אויס!
אַ שקל פֿון אַ קאָפּ,
אַ שקל פֿון אַ קאָפּ,
און שטויס זיי, שטויס,
ווי שטענדיק אָפּ,
— איך בין זיי דיר מנדר,
איך בין זיי דיר מנדר!...

*

אַ, ווײנט און קוויטשעט, האַלבנאַכטישע צוגן,
פֿאַרחתמעטע מיט שטיקלעך בלוט, ווי טריוואַקסענע קאָפּקעס [7]...
קריצט־אויס אַ בילעניש אויף נאַכט, ווי שטראָמען רויטע,
אָן צייכנס און אָן ווערטער,
און שטערט ניט די עבֿודה,
און וועקט ניט אויף די וועכטער...

שוין שוואַרצע ריוועס [8] רויכערן־אַרויף
דײַנע צעקראַצטע בריסטן,
ווי שלענג פֿאַרשאָלטענע זיך ראַטשקעווען [9] אויף בײַכער...

— איך צאָם דיר אויף
אַ פּלויט אַ הויכן,
שלאָפֿנדיקע מיסטוויג,
מיט שוואַרצע פֿינדלען אויפֿן טעווער [10],
— אַני הגבֿר...

---

[7] (קופּקעס) שנויצן, ווי קאָפּצודעקן. — [8] גריבער. — [9] קריכן. — [10] אונ־טערגעוואָרפענע קינדער בײַם טויער.

אַז קיינער זאָל אַהער ניט צוגיין,
און קיינער זאָל פֿון דאַנען אָפּגיין...

אַ צוג אַנטקעגן צוג מיט זעצנדיקע טאַצן,
פֿון זייטן צוגן, צלמט זיך מיט צייכנס,
אַ, טרייסט זיך, וועלט, מיט בלוטיקער אילומינאַציע!...
און איך, ווי אַ פֿאַררויכערטער לאַמטערן,
וועל גיין
אַליין
הרוגים וועקן
אָן שטעקן
און אָן טופּען:
— „שטייט־אויף, הרוגים אין דער קופּע,
שטייט־אויף צו עבֿודת הבורא״!...

*

היי, איר, קרעמער,
איר, טענדלערס נאַכטישע, פֿון אַלטע מערק,
באַגרעבער,
תּכריכים־שוואַרצע וועבער,
— איר אַלע — אויף
פֿון אייער מיטנרו,
פֿון אייער מיטנבנאַכט
און פֿון געלעגער!...

— פֿון אַלע זייטן וועלט, פֿאַרברענטע טראָגט מען ספֿר־תּורות
אויף ברודערשאַפֿט מיט אייך אין קופּע זיך צו טרייסטן...
סע בייטן זיך דאָרט מאה אלף פּליצעס,
דאָס זילבער פֿון דעם שוואַרצן אָרון שוידערלעך און שווער איז:
נאָר יעדער גרויזלט מיט משא הייליקער צו זיין באַוואָרנט,
נאָר יעדער לעכצט באַריהט זיין מיט לווייהדיקן אָרון...

און אונטן קײַקלט דאָרט אויף רויטער בלאָטע דורכגייענדער ווינט,
אין ווינדעלעך פֿאַרהילט, אַ זיבעלע, אַ ברעקל קינד...

און רודערן זיך פּרעגלדיקע לײַבער אויף
מיט אויסגעשמירטע טמא פֿויסטן פֿון אַ שמייכלדיקן שלאָף
און שרײַען אויף משוגע און מטורף:

„— צוריק!
— צוריק!

ס׳איז דאָ ניטאָ קיין רו פֿאַר הייליקע, פֿאַר ספֿר־תּורהס!...“

און ווינטן וואָיענדיקע לאַכן:
— אל מלא רחמים...

*

צעבלוטיקט וואַלגערט זיך אויף גאַסן גאָט,
אי אונטער גלעקערס פֿײַערלעכן ווילדן וויאָקען [11],
אי אונטער דײַנע טענץ, אָ, צווייטער בבֿלשער גאָלגאָט!...

צו דיר, צו דיר, אָ, קופּע מיסט, אַ מלכּה באַרג
וועט זיך אין מיטן מאַרק
זײַן קערפּער צוויאָקען [12],
ווי צו דער ערד זיך צוויאָקעט פּאָקנדיק די שטאָט...

גאָלגאָט!
שוין ציילן קלויסטערס אָפּ, ווי טענדלערס נאַכטישע, פֿאַר גאָט
דאָס זילבער;

בײַ דײַנע טראָט
פֿון קרוינען אויסגעשנייט האָט זיך אַ בלענדנדיקער האָגל!

---

[11] קליִנגען. — [12] בייגן, ציִען.

— איך קלאַפּ־אַרײַן דעם ערשטן צוויאַק אין זײַנע פֿליגל
אויף דײַנע הויכע, קופּע, בבֿלדיקע ווענט...

אויף ערשטן טראָפּן בלוט פֿון דײַנע הענט
— אַ דאַרשטיקער, אַ תּפֿילהדיקער לאָגל —
— שוין אונטערשטעלט האָט זיך דאָס מויל דאָס שריפֿהדיקע
פֿון באַגינען...

נ׳בײַ דײַנע אויסגעשמירטע פּיס אין ווײַסן טרויער,
ווי נײַנצן בלינדע מאַגדאַלינעס
— פֿאַרגעבונג בעטן נײַנצן דורות!...

ה. רויזנבלאַט

יזכור

דאָס יאָרצײַטליכט אין ווינקל ברענט.
בייג־אָן דײַן קאָפּ, פֿאַרברעך די הענט
און זאָג מיר נאָך, נאָר שטיל זאָל זײַן,
פֿאַרדריק די ציין און האַלט זיך אײַן...
בלויז דו און איך, און קיינער מער
זאָל זען, ווי עס פֿאַלט דײַן טרער,
זאָל זען דײַן צעבראָכנקייט.

און איצט זאָג נאָך מיר, וואָרט פֿאַר וואָרט:
— פֿאַר אַלע די וואָס פֿוילן דאָרט,
פֿאַרגעסענע אין שונאס לאַנד,
פֿאַר זיי וואָס בייגן זיך אין שאַנד
און שטייען פֿאַר דער גאַנצער וועלט,
די הענט ווי בעטלער אויסגעשטעלט
און ווײַזן זייער נישטיקייט.

פֿאַר דיר, מײַן בלייך, דערשראָקן קינד,
וואָס בייגט זיך, בייגט זיך דאָ אַצינד
אין שוואַכן, בלייכן יאָרצײַטשײַן,
און האַלט זיך קוים פֿון שליוכצן אײַן.
פֿאַר מיר, פֿון וועמעס ליפּ עס טריפֿט־
אַראָפּ מײַן האַרץ מיט גאַל און גיפֿט,
פֿאַר מיר און מײַן צעביטערטקייט —

הייב־אויף, אָ, גאָט, דײַן שטאַרקע האַנט
און רעכן זיך פֿאַר אונדזער שאַנד!

1920

אַלטער קאַציזנע

דאָס 2טע בילד פון דער דראַמע

שוואַרצבאַרד

אין אַ געשאָכטענער שטוב

עס הערט זיך דער היידאַמאַקן־כאָר. קלינגט ווײַט און דראָענדיק. ער ווערט אַלץ שטילער, ווי ער וואָלט זיך דער־ווײַטערט. די סצענע שטעלט־פאָר אַ פּאָגראָמירטע שטוב מיט ברייט אויפגעריסענע טירן־פענצטער אין מאַרק אַרויס. אין דעם רויטלעכן פאַרנאַכט ציִען דורכן מאַרק לוויות מיט שיטערע, פאַרשטיקטע יללות. די לוויות חזרן זיך איבער מיט קורצע הפסקות. אין דער שטוב ברענט עלעקטרי. עלעקטרישע לעמפּלעך גלאָצן אויך אין די קעגנאיבער־דיקע ווײַטע פענצטער פון מאַרק, כאָטש ס'איז נאָך נישט נאַכט.

אין מיטן דער פּאָגראָמירטער שטוב שטייט אַ מיליטער־מאַן מיטן פּנים צו די פענצטער אין מאַרק. זײַן אוניפאָרעם איז

אַ פרוי ווײנט, סקולפּטור אין בראָנדז פון יעקב עפּשטײן

ניִשט קיין רוסישער. ער שטייט אָנגעלענט אויף זײַן ביקס און באַוועגט זיך קוים־קוים, ווי אַ בוים פון ווינט. זײַן באַוועגונג איז אין ריטעם מיטן פאַרשטיקטן געיאָמער פון די לוויות אין מאַרק. דער מיליטער־מאַן איז שוואַרצבאַרד.

דאָס שטומע בילד געדויערט אַ 20־30 סעקונדעס. עס קומט־אַרײַן אָשר שוואַרצמאַן מיט פעסטע מיליטער־טריט, מיט אַ רעוואָלווער פאָרויס — גרייט. שוואַרצבאַרד, פאַרזונקען אין זײַנע מחשבות, האָט פאַרשפּעטיקט. בליצשנעל כאַפּט ער זײַן ביקס, שפּרינגט־אָפּ אַ פּאָר טריט און אָט שטייען זיי שוין, איינער קעגן אַנדערן, גרייט צו שיסן. ווידער אַ 10־15 סעקונדעס עקספּאָזיציע.

שוואַרצבאַרד — באַמערקט אַ רויטן שטערן אויף שוואַרצמאַנס היטל. זע נאַר! אַ רויטער!

שוואַרצמאַן — אַ סיורפּריז פאַר דיר, פראַנצויז!

שוואַרצבאַרד — אַ טעות, חבֿר. איך בין אַ ייִד פון פראַנצייזישן פרעמדן־לעגיאָן. איצט — אין דער בריגאַדע פון ייִדישער זעלבשוץ.

שוואַרצמאַן — לאָזט־אַראָפּ דעם רעוואָלווער, פאַרשטעקט אין דער קאַבורע [1]. דאָ קאָן מען אַן אייגענעם טאָטן נישט דערקענען. שוין לאַנג זײַט איר אין שטאָט?

שוואַרצבאַרד — ערשט אַ האַלבע שעה. מיר זײַנען אַרײַן אויפן רוקן פון סעמאָסענקאָס באַנדעס.

שוואַרצמאַן — גרויסע אויפטוערס זענט איר קעגן זײַנע באַנדעס!

שוואַרבאַרד — יאָ, פאַראַן פון וואָס צו זײַן פאַרצווייפלט. איך שטיי און קוק, איך שטיי און קוק... בליקט צו די לוויות אין מאַרק. מײַן נאָמען איז שוואַרצבאַרד.

---

[1] רעוואָלווער־טאַש.

שוואַרצמאַן — מײַן נאָמען — אָשר שוואַרצמאַן. ביידע — גיבן זיך די הענט.

שוואַרצבאַרד — אָשר שוואַרצמאַן! אַ יידישער דיכטער?

שוואַרצמאַן — מען זאָגט אַזוי... אָבער איר מוזט זײַן שוין גאָר אַ פֿלײַסיקער לייענער, אויב איר האָט געהערט פֿון מיר.

שוואַרצבאַרד — נאָך וואָס זאָל איך ליגן זאָגן? כ׳בין אַליין אויך געכאַפּט אין דער מעשׂה...

שוואַרצמאַן — הער נאָר, זאָלסטו לעבן, אַ באַגעגעניש פֿון צוויי דיכטערס!

שוואַרצבאַרד — אײַערע זײַנען שוין לאַנג אין שטאָט?

שוואַרצמאַן — דערווײַל נאָר אַ ראַזוויעדקע[2]. די באַנדעס האָבן נאָך נישט אָפּגערייניקט דעם וואָקזאַל.

שוואַרצבאַרד — האָבן זיי דאָ אָפּגעשפּילט אַ חתונה!

שוואַרצמאַן — איך זע שוין. קיין לעבעדיקער מענטש נישטאָ?

שוואַרצבאַרד — פֿרעג בײַ די ווענט. איך שטיי שוין אַ מי־נוט צען און קיינער האָט זיך נישט באַוויזן. עלעקטרי ברענט, ווי די הײַזער וואָלטן פֿון זיכען אַראָפּ.

שוואַרצמאַן — זעצט זיך צו. יאָ, אַזוי זעט עס אויס אין אַ יידישער שטוב, ווען מען שעכט אונדז אויס ביזן וואָרצל. חבֿר שוואַרצ־באַרד! ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף מײַן ליד, ווי אויף אַן עופֿעלע אין פּאָגראָם. זיי האָבן עס אָוועקגעשאָכטן! אָט איז זי, די לופֿט פֿון פּאָ־גראָם, די לופֿט פֿון אַ פֿאַרלאָזענער יאַטקע. חבֿר, קומט. שטאַרקער ווי אַ מענטש בין איך נישט.

שוואַרצבאַרד — וווּהין גיין? איך קאָן נישט אַוועק פֿון דאַ־נען. איך בין ווי צוגעבונדן, ווי די שטוב וואָלט געווען מײַנע, און איך — דער שטובס. איך שטיי אַזוי און טראַכט וועגן דער זיסקייט פֿון נקמה.

---

[2] אויסשפּיר־סאָלדאַטן.

שוואַרצמאַן — נקמה — אין וועמען? אין שיכּורע קאָזאַקן מיטשעוויקעס[3]? אין זייערע אַטאַמאַנען? אין אַ פֿאַרפֿירט פֿאָלק?

שוואַרצבאַרד -- אין זייערע פֿאַרפֿירערס!

שוואַרצמאַן — פּעטלורען מיינט איר? איז ערשטנס, איז ער אַליין דער פֿאַרפֿירטער; צווייטנס, איז ער אַ מענטש. ווי וויניק אַזאַ נקמה קאָן באַפֿרידיקן! ניין, ברודער, מען מוז איבער גאַנץ אוקראַינע מיטן טראַקטאָר איבערגיין, איבערן גאַנצן לאַנד, איבער דער גאַנצער וועלט! דאַן וועט מען פֿאַרפֿלאַנצן עפּעס נײַס. איך האָב אויך געהאַט אַ סענטימענט פֿאַר אוקראַינע, פֿאַר איר זעלבשטענדיקייט און פֿאַר... פּעטלורען אַפֿילו. שפּרינגט־אויף. אַך, צום טײַוול! דאַ־יאָש[4] קיעוו! אָט איז מײַן נקמה!

שוואַרצבאַרד — אַ פֿירער פֿון באַנדיטן טאָר נישט לעבן. יידיש בלוט איז קיין וואַסער נישט!

שוואַרצמאַן — איר פּאַסט עס אויף צו אינטיווידואַליסטיש און צו נאַציאָנאַליסטיש, חבֿר. איר מוזט זײַן, אָדער אַ ציוניסט, אָדער אַן אַנאַרכיסט.

שוואַרצבאַרד — איינס פֿון דיביידע האָט איר זיכער גע־טראָפֿן.

שוואַרצמאַן — אָט זעט איר שוין. נו, איך וועל גיין. פֿון דעסט וועגן וואָלט איך אײַך געראָטן מיטגיין. פֿון די גרויסע נקמה־געפֿילן קאָן מען אַ מאָל אַרײַנשיסן אין זיך אַליין, אין דער דאָזיקער גע־שאָכטענער שטוב.

שוואַרצבאַרד — וווהין זאָל איך גיין, וווהין? נישטאָ קיין וועג.

שוואַרצמאַן — נו, חבֿר, איר זײַט דאָך נישט קיין ייִדענע.

שוואַרצבאַרד — ניין, נישט קיין ייִדענע, נאָר צו פֿיל ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר. איך האָב מיטגעמאַכט, אין רוסלאַנד, די רעוואָלוציע אין פֿינפֿטן יאָר. איך בין געקומען, ווי אויף מײַן אייגענער שׂמחה,

---

[3] (אַ חוזק־נאָמען?) אַנקעגן באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס — מיטשעווי־קעס... אַנשיקענישן. — [4] וועסט אָפּגעבן.

צו דער איצטיקער. האָבן די יידישע צרות פֿאַר מיר די גאַנצע וועלט פֿאַרשטעלט. איך זע שוין קיין וועג נישט, חבֿר. און נישט אַזוי די צרות, ווי דאָס יידישע אומבאַהאָלפֿנקייט. איך, דער פֿראַנצייזישער לעגיאָנער, קאָן דאָס שוין נישט תּופֿס זײַן, ווי אַזוי איז דאָס אַ גאַנץ פֿאָלק אַזוי קלאָגעדיק אומבאַהאָלפֿן, אַזוי צו חוזק?! ווי לאָזט מען זיך דאָס שעכטן ווי די קעלבער, צו אַל די רוחות!

שוואַרצמאַן — יאָ, אַזוי זעען מיר אויס. נו, לאָמיר עפּעס נעמען צום אָנדענק פֿון דער דאָזיקער געשאָכטענער שטוב. אָט נעמט, חבֿר, דאָס צעריסן ספֿרל. עס טויג פֿאַר אײַך, ווען איר זײַט אַפֿילו אַ פֿרײַדענקער. און איך... איך וועל מיר נעמען די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אָט דעם מיידל. זעט סאַראַ סימפּאַטיש פּנים. ווען איך ווייס, אַז זי לעבט, וואָלט איך איר צו די פֿיס געפֿאַלן. וואָס מיינט איר, אַ רויטאַרמייער האָט קיין האַרץ נישט? נישט מער — אונדזער וועג איז אַן אַנדערער: טויט אָדער רויט.

פֿון הינטער אַ צעבראָכענער טיר קריכט־אַרויס אַן אַלט פֿויערל.

פֿויערל — נעמט נישט אַוועק פֿון דאַנען קיין זאַך, איר, קריסטלעכע מענטשן. געדענקט אין גאָט! דער אַטאַמאַן סעמאָסענקע האָט דאָך אַליין געזאָגט: הרגעט, שלאָגט, אָבער יידיש פֿאַרמעגן זאָלט איר נישט אָנרירן. גייט עס צום טײַוול! ס'איז פֿאַרשאָלטן!

שוואַרצבאַרד — דאָס האָט ער דיך איבערגעלאָזט אָפּצוהיטן דאָס יידישע פֿאַרמעגן, דײַן אַטאַמאַן?

פֿויערל — וועלכער אַטאַמאַן, ליבינקער?

שוואַרצבאַרד — נו, סעמאָסענקאָ. האָסט דאָך אַוודאי געהאָלפֿן שלאָגן, שעכטן, ברעכן און באַקומען דײַן חלק דערפֿאַר?

פֿויערל — גאָט, שטראָף מיך נישט! קיין האַרץ נישט געהאַט. איך בין, טײַערינקער, אַ היימישער, אַ היגער. איך האָב דאָ יעדעס קינד בײַם נאָמען געקענט. אַפֿילו הינער, אַז מען האָט דערוועט זיי אַליין אויס, קאָן מען אויך נישט שעכטן.

שוואַרצבאַרד — וואָס זשע דרייסטו זיך דאָ אַרום?

פֿויערל — איך דריי זיך אַרום? איך דרייט זיך אַרום. ליבינ־

קע. דערזען, דו ביסט אַרײַן, בין איך דיר נאָכגעגאַנגען. ביסט גע־שטאַנען שטיל — בין איך געשטאַנען שטיל. שפּעטער איז דער צווייטער אַרײַן. מען מוז דאָך דערהאַלטן אַ שטיקל אָרדענונג!

שוואַרצבאַרד — און פאַרהיטן פון אַ גנבֿה... דײַן עסק איז דאָס?

פוירל — אַז איך בין דאָ געווען דער נאַכטוועכטער. איך קאָן דאָך אַלע היימישע.

שוואַרצבאַרד — פאַר וועמען היטסטו דאָ די שטוב? אפשר איז נאָך ווער בײַם לעבן פאַרבליבן?

שוואַרצמאַן — גייט־צו מיט שווערע טריט צום פּויערל מיטן רעוואָלווער: זאָג, אפשר באַהאַלטסטו עמעצן? אוי, דאַן איז דיר נישטאָ וואָס מקנא צו זײַן. זעסט?

פויערל — מיט אַ פאַל אויף די קני: ליבינקער! וואָס רעדסטו, וואָס? וועמען באַהאַלט איך דאָ אויס? אַז מען האָט אַלע אויסגע־שאָכטן! אַלע ביז איינעם שוין אויסגעשאָכטן! נישט פאַרבליבן קיין ייִד, איך זאָל זאָגן, אויף אַ חשבון צו מאַכן. זיי האָבן זיי אַרויסגע־שלעפּט פון אַלע ווינקעלעך. נישטאָ מער. נישטאָ. איר זאָלט מיר אַפילו דערשיסן פאַר אַ ייִד — איז נישטאָ. דערזעט, אַז שוואַרצבאַרד מאַכט אַ באַוועגונג צו גיין אין צווייטן צימער. דאָס איז איבעריק! אַהין גיי נישט, טײַערינקער. מען דאַרף נישט. דאָרט איז נישט גוט. אין יענעם צימער. דאָרט, ליגן מתים, סאַמע מתים.

שוואַרצבאַרד — גיט אַ פאַל־אויף די טיר און אַ שפּרונג־אָפּ צוריק. גיט זיך אַ וויש דאָס פּנים, ווי פון אַ הייסן ווינט. אוי, אַזוי פיל! אַזוי פיל! אויף טיש און בענק!

פויערל — זעט איר שוין, האַ? זעט איר שוין? איך זאָג נישט קיין ליגן, ליבינקער, נישטאָ קיין ייִד! דערזעט, אַז שוואַרצבאַרד פאַר־שטעלט זיך דאָס פּנים. וואָס? זענט איר נישט פון פּעטלורעס ייִנג־לעך?

שוואַרצמאַן — ניין.

פויערל — איבערגעראַשט, שטייט־אויף. טאָ ווי אַזוי זשע קומט

איר אין שטאָט אַרײַן? סעמאָסענקאָ איז דאָך דאָ!

שוואַרצמאַן — ער וועט שוין מער דאָ נישט זײַן!

פֿויערל — אַ רחמנות אײַערע קעפּ, קינדער. אַ רחמנות אײַערע יונגע קעפּ! איר זײַט נישט קיין פּעטלוראָווצעס?

שוואַרצמאַן — ניין, אַלטער, ניין. מיר'ן דאָ קיינעם נישט אָנרירן, אויב עמעץ לעבט נאָך.

פֿויערל — אויף אײַערע נאמנות?

שוואַרצמאַן — אויף אונדזער נאמנות.

שוואַרצבאַרד — גלייבט אים נישט, חבֿר. דער אַלטער איז גערירט. דאָרט זײַנען מתים, אַ צימער פֿול מיט מתים.

פֿויערל — יאָ, נעכטן האָבן זיך טאַקע די לעבעדיקע באַהאַלטן צווישן די טויטע, איז געקומען פֿרײַלין גרינבערג פֿון שפּיטאָל און זיי פֿון צימער אַרויסגעטריבן. הײַנט האָט מען אײַך דערזען, זײַנען זיי פֿאַרקראָכן אין קעלער. איצט מוז איך זיי אַרויסלאָזן. זיי וועלן דאָרט ווערן דערשטיקט. הייבט־אויף די טיר פֿון שטובקעלער. שמילי! יאַנקל! אַרויס פֿון קעלער! דאָס זײַנען נישט קיין קאָזאַקן. צו שוואַרצמאַנען און שוואַרצבאַרדן. אַזוי, אַזוי, קינדערלעך, האָט זיך אָנגעזעצט אַ פּעטלוראַ אויף אוקראַיִנע! ער האָט זי, זאָגט ער, ליב. אַט אָ, זעט איר, די ליבע זײַנע... מען טראָגט זי דורכן מאַרק אויפֿן ייִדישן בית־עולם. שפּעטער וועט מען זי טראָגן אויפֿן קריסטלעכן. אײַ, ייִנגלעך מײַנע, אַ רחמנות אויף אײַערע יונגע קעפּ! סעמאָסענקאָ איז נאָך פֿון שטאָט נישט אַוועקגעפֿאָרן. צום קעלער. נו, שמילי! אַבראַמעק! מאירי! צירליאַ! אַרויס פֿון קעלער! דאָ זײַנען היימישע.

שטים — פֿון קעלער: היימישע, זאָגסטו? אײַ, פֿײַן! אָט באַלד וועל איך אַרויס. איך וועל מיר נאָר צו רעכט מאַכן.

פֿויערל — שאָקלט מיטן קאָפּ, ווײַזט אויפֿן שטערן: ער וועט זיך, נעבעך, צו רעכט מאַכן... געוועזן דער קליגסטער מוח אין פּראָסקוראָוו. פֿון קעלערטיר טוּיכט־אַרויס אַ צעשויבערטער קאָפּ מיט אַ האַלבע באָרד. פֿאַרשווינדט גלײַך צוריק מיט אַ יאָמער־געשריי.

דער קאָפּ — אוי, מאַמע, איך האָב מורא!

פויערל — אוי, שמיל, אַז דו גלייבסט שוין מיר נישט, איז עק וועלט.

שמואל — פֿון קעלער: איך גלייב, איך גלייב דיר, מיקיטאַ. אָבער איך האָב מורא.

שטים פון אַ יינגל — פֿון קעלער: זיידע, לאָז מיך אַרויס! אורקע[5] האָט פֿאַרן טײַוול קיין מורא נישט. וואָס האָב איך וואָס מורא צו האָבן?

צווייטע שטים — געלער רמאַי! אורקע מיט זײַן מענה־לשון. וועסט אָנמאַכן צרות, הינטישער ביין!

אורקע — וועל איך דווקא. אַרויס פֿון קעלער אַ רויטהאָריק 13יעריק יינגל. ווענדט זיך גלײַך צו די מיליטער־לײַט. ווען זיי האָבן די מאַמע מײַנע אַרויסגעשלעפּט פֿון אַלקער, בין איך דערבײַ געווען. שפּעטער בין איך געלאָפֿן איבערן מאַרק און געקליבן פּאַטראָנעס[6]. „איך האָב עפּעס גאָר נישט געווינט. אויפֿן מאַרק איז קיינער נישט געווען, נאָר איך און די טויבן. עס האָט מיר געקלונגען אין מוח „גוט־שבת!"...

שטים פון קעלער — געלער רמאַי! גוט־שבת אויף דײַן קאָפּ! טויבן אויף זײַן קאָפּ!

אורקע — צום קעלער: ווער פֿרעגט בײַ דיר? שפּעטער זײַנען זיי אַוועק פֿון אונדזער שטוב, ווישנדיק די שווערדן אין די סלופּעס פֿון טויער. איך האָב מיר געטראַכט, די מאַמע איז שוין אַוודאי אַ פּאַרטיקע. די מאַמע איז שוין געווען אַ פּאַרטיקע. געלעגן און גע־כריפּעט מיט אַן אַדורכגעלעכערטער ברוסט. איצט ליגט זי אין יע־נעם צימער מיט אַלע טויטע. זיי ליגן שוין דאָרט לאַנג. איך בין גע־לאָפֿן אין שפּיטאָל צו דער גרינבערג און צום גבאי פֿון חבֿרה קדישא, געבעטן מען זאָל אַוועקנעמען די מתים. זיי פֿאַרסמען די לופֿט. איז מײַן ברודער, יאַנקל, מיר נאָכגעלאָפֿן, אָט דער זעלביקער וואָס שרײַט דאָרטן, און מיר אײַנגעטיילט בוכענצעס[7], וויפֿל ס'איז אַרײַן. ס'איז

[5] (הענטשקע־לשון) גנבֿ. — [6] קוילן. [7] קלעפּ אין די זײַטן.

אַ חרפּה, זאָגט ער, פֿאַר די מתים. וואָס ווילסטו פֿון זיי פּטור ווערן! און דאָס איז נישט קיין חרפּה, אַז דעם פּעטער גדליה האָבן זיי דער־שטאָכן און די מומע האָט אָנגעהויבן גייך צו קינד? פֿרײַלין גרינבערג האָט זי אָוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל. איר קענט פֿרײַלין גרינבערג? זי האָט אויך פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט. און דאָס איז נישט קיין חרפּה, אַז סעמאָסענקאָ האָט אַרויסגעהאַנגען אָט אַזעלכע מעלדונגען און מײַן ברודער יאַנקל לאָזט זיי נישט אַראָפּרײַסן? שלעפּט אַ מעל־דונג פֿון קעשענע.

יאַנקל — אַרויסגעטויכט פֿון קעלער: אַוועק מיט דער מעל־דונג, געלער רמאַי! וואָס גייט זיי אָן דײַנע מעלדונגען, וואָס?

שוואַרצמאַן — באַרויִקט איך, יונגער־מאַן. מיר זײַנען דאָך אויך ייִדן.

פּויערל — וואַ־אָס? דו ביסט אַ ייִד?! און אָט דער פּראַנצויז איז אויך אַ ייִד? טפֿו זאָלט איר ווערן! ווי איך האָב מיך אָפּגענאַרט! און איך, אַלט פּערד, האָב מיך דערשראָקן פֿאַר זיי און געשטעלט אויף די קני. אויף די קני פֿאַר אַ פּאָר סמאַרקאַטע ייִדלעך?! פּאַס־קודניאַקעס, וואָס איר זײַט!

שוואַרצמאַן — פּעטערל! דו ווילסט לעבן, צי דו ווילסט זאָגן ווידוי? נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער.

פּויערל — אַוודאי וויל איך לעבן! פֿרעג אָט בײַ זיי, בײַ די גע־שלאָגענע. אַפֿילו זיי ווילן לעבן. איז מיר טאַקע אויף זיי אַ גרויס רחמנות.

שוואַרצמאַן — טאָ וואָס זשע ווילסטו?

פּויערל — וואָס איך וויל, טײַערינקער? מײַן כּבֿוד האָסטו מיר אָנגערירט. אָט וואָס! איך בין גרייט צו שטיין אויף די קני צוליב די געשלאָגענע. עס פּאַסט מיר אָבער נישט צו שטעלן זיך אויף די קני פֿאַר די געשלאָגענע. אָט וואָס! פּאַסקודניאַקעס זײַט איר! אָפּ, אַ באַ־ליידיקטער.

1938

יוסף קירמאַן

ס׳לעצטע געשריי

ווי אַ קראָ פליט־אַרויס צום געשריי — פינצטערט מײַן קול
אין דער ברוסט.
און די הענט הייבן־אויף זיך צום רוף.

שוין ס׳לעצטע מאָל שלאָגן די רייד און האָגלען־אַראָפּ צו דער ערד,
און דער ווינט רײַסט די האָר און צעיאָגט.

אויף שײַן פון מײַן פנים פאַרציט דאָס לעצטע אַנטרונענע קול
און מײַן האַלדז רײַסט זיך מיט אין געשריי:

פאַר וואָס האָט דײַן פנים פאַרשעמט די הייליקע אָרעמקייט אונדז
און אַ שאָט געטאָן זאַמד אין די קוואַלן?

כ׳טראָג אויף מײַן לײַב די קלאָג, וואָס וויינט אין די נעכט איבער מיר,
און מײַן מויל שטילט קיין דאָרשט מער נישט אײַן.

ווו נאָך זאָל איך ליגן מײַן קאָפּ און טוליען צו ערד זיך אַ קינד,
אַז אַלץ ווערט מיר פרעמד און פאַרוויסט?

פוילן 1929

5

ישמעאל, ברידער מײַנע!...

יעקב שטאַל

צו מיינע ברידער סעמיטן

ווי שאָף מידע אין מיטן טאָג בײַם קוואַל,
מיט באַהאַלטענע קעפּ פֿון דער זון,
אַזוי פֿאַרשעמט שטייען די אָפּגעשיילטע הײַזער
קעגן איַך, מײַנע ברידער סעמיטן,
אַזוי פֿאַרשעמט שטייט דאָס צעאַקערטע פֿעלד
און וואַרט אויף די הענט די פֿאַרלאָזטע.

אַזוי ליגט אויף דעם אַש פֿון די ביינער צעברענטע
דער אָטעם פֿון דעם לעצטן געשריגענעם „אוי“.
צען פֿון אײַערע באַפֿלעקטע פֿינגער
אָקעגן די הענט געראַנגלט צו די ווענט,
זײַנען ווי אָדערן וואָס שרימפּן אין פֿײַער,
ברענען און ווערן קיין מאָל נישט פֿאַרברענט.

דורך צען פֿון אײַערע פֿינגער, וואָס אײַער מזל האָט פֿאַרפֿלעקט,
שוואַרצט דאָס אַש פֿון די ראַנגלדיקע פֿאַרברענטע לײַבער
און דאָס געשריי פֿון צעאַקערטן פֿעלד פֿאַרשעמט,
און וואַרט אויפֿן דורכלויף פֿון אַ הינקעדיקן הונט,
אַן עדות צום שוואַרץ געוואָרענעם אַש
און צום ווינט וואָס צעטראָגט דאָס אַש אויף דער וועלט.

אײַער שטויב האָב איך פֿאַר דער וועלט גערימט.
אײַערע קעמל־קלאַנגען, וואָס קלינגען יאָרן אויף די וועגן,
האָב איך יעדן קלאַנג אַ יאָר געציילט.

און פֿון דור צו דור געזונגען אײַער ליד,
געטעמט מיט וואַרעמקייט
אין יעדן זינגענדיקן ווינט.

צו אײַך, וואָס טראָגט דעם אײביקן צער פֿון דער ערד,
טראָגט אויך דאָס געזאַנג פֿונעם ברויט, וואָס איר שנײַדט,
טראָגט אויך דאָס געזאַנג פֿונעם טויט, וואָס איר לעבט,
טראָגט אויך די פֿרייד פֿון אײַער פֿאַרגאַנגענעם אַמאָל.
נאָר איך האָב אײַער שטויב און ברידערבלוט געמישט
און אויף דער גאַנצער וועלט מיט ייִדישקייט פֿאַרזייט.

אַקעגן אײַערע פֿאַרשטאַרטע פֿינגער מײַן האַרץ געשטעלט
צום אָפֿענעם מדבר, וואָס בליט מיט הוילקייט און אומקום,
צום ווײַסן זאַמד וואָס פֿאַרוויעט יאָרן נאָך יאָרן די טריט,
אַזוי פֿאַרוויעט אײַער אָטעם, ווי אַ צעבראָכענער בוים נאָכן שטורעם,
דאָס געוויין פֿון אײַער לעבן, די אײביק נבֿיאישע פֿוילקייט
האָט געטריבן די זאַמד אויף די טריט פֿון אײַער אומקום.

*

אויפֿן שפּיץ פֿון מעסער ליגט טויט פֿאַר יעדן איינעם,
דערפֿאַר ווײַן איך פֿאַרשעמט, וואָס אײַערע הענט
האָבן געבלענדעט צו דעם,
ווײַל כ׳האָב אָנגעהויבן זינגען דאָס טויזנטיאָריקע
פֿאַרשטויבטע געזאַנג,
ווײַל כ׳האָב מײַנע פֿיס געוואַשן מיטן איבערגעבליבענעם שטויב
און אין אײַער נבֿיאישער האָפֿענונג, וואָס גוסט אין אײַך,
און אײַער וויסטן חלום, וואָס שטאַרבט נישט קיין מאָל אין לעבן.

מײַן העמד אויפֿן לײַב האָב איך אין די הייסע זומערטעג פֿאַרברענט,
מײַנע לונגען האָבן דעם הייסן כאַמסין־אָטעם געאָטעמט,
מײַן האַרץ האָט געפֿרייט פֿון צעאַקערטן פֿעלד פֿאַר נאַכט

און איך האָב געזייט די ערד מיט ברויט און
מיט וואַסער פֿאַר אַלע,

איך האָב די ערד געזייט מיט ברויט און מיט וואַסער פֿאַר אַלע
און איר האָט געפּלעקט מיט בלוט אויף דער שווערד.

אײַער הייליקייט האָט קעגן גאָט זיך געשעמט,
אויפֿן שפּיץ פֿון מעסער האָט הייליק בלוט געפּלעקט,
גאָט איז שטום און שיקט ווינט דאָס אַש צו פֿאַריאָגן,
גאָט זאָגט, אַז בלוט טאָר מען קיין מאָל נישט פֿאַרגיסן,
און אײַערע צען פֿינגער האָבן גאָטס פּנים פֿאַרשטעלט
און אײַער ווילדער חלום געשטאָרבן אין לעבן.

*

איך בײַס די ביקס אויף דער ערד אַקעגן אײַך געשטעלט,
און וואַרט ווי דאָס אויפֿגעאַקערטע פֿעלד אויפֿן הינקעדיקן הונט.
אין מײַן האַנט רוט די בלאָנדע האָר פֿונעם קינדס קעפּל
און די אָפּגעשניטענע ברוסט פֿון דער פֿרוי ליגט אין מײַן אויג.
איך בין נישט מער פֿאַר ברודערבלוט געגרייט
און פֿאַר דעם מדבר וואָס שלינגט די טריט פֿון אײַער אומקום.

טרוקן ליגט די צעהאַקטע שלאַנג אויף חבֿרונער וועג,
יאוש און זילבערליכט וואַשט דאָס קול פֿונעם בלוט
אַקעגן פֿאַרשלאָסענעם טויער אַבֿרהם און יצחק און יעקבֿס,
די שטאָט וואָס הענגט ווי שפּינוועבס אַקעגן דער זון,
נאָר קיינער ווייסט ניט פֿאַר וואָס דאָס בלוט האָט געוואַשן דעם וועג,
פֿאַר וואָס דער ווינט האָט געטריבן דאָס מעסער פֿון אײַך,
מײַנע ברידער סעמיטן.

אָט די פֿאַרצערטע ביקס, וואָס קלעפּט אין מײַן האַנט,
וועט קילן דאָס בלוט אויף די טרעפּ פֿון אָפֿענע שוועלן געגאָסן.
און די אויגן אײַערע וועלן פֿינצטערן —
פֿאַרן בלאָנקן קעפּל פֿונעם קינד,

פֿאַר די בעטנדיקע הענט צווישן די פֿינצטערע ווענט,
פֿאַר די בלינד געוואָרענע אויגן פֿון דער מאַמען,
נאָך איידער איר האָט זיי צעשטאָכן געבלינדט.

פֿוילקייט וועט ציִען די שרעק אין אײַער לעבעדיקן אָטעם,
ווי די אָפּגעשיילטע הײַזער וואָס זינקען מיט שרעק צו דער ערד,
און מײַן געזאַנג וועט ווידער זינגען ווי תּמיד פֿון וויסן און פֿרייד,
צום ברויט און ווײַן און וואַסער פֿאַר אַלע;
זינגען וועט מײַן געזאַנג, ווי די בין וואָס בויט איר היים,
און גיפֿטיקט דעם וואָס וויל דעם בינשטאָק צעשטערן.

דער אויפֿגעלויכטענער טאָג לײַכט־דורך דורכן בליִענדן ווײַנגאָרטן,
גיסט־אָן מיט זאַפֿט יעדע הענגענדיקע טרויב,
די וואַרעמקייט פֿון דער ערד פֿאַרנעמט דעם צער פֿון
די וויינענדיקע גופֿים.
דורכן ווײַנטרויבזאַפֿט וועט ווידער זייער בלוט דערלײַכטן
און איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס פֿינצטערניש
פֿון יענעם טאָג,
וואָס האָט אָפּגעשיידט מײַן ברודערהאַרץ פֿון אײַך
מיט שעמונג צו דער וועלט.

דער טאָג וועט אויפֿגיין אין ליכטיקן דעם צער פֿון יענע גופֿים,
נאָר מײַן קול וועט ציטערן צו אײַך פֿאַר צער
פֿון יענע וויינענדיקע הענט.
איך וויל ווידער אַקערן און זייען דאָס פֿאַרלאָזטע פֿעלד
און זינגען ווי אַ וואַסערקוואַל, וואָס קיינער ווייסט ניט
ווו זײַן אָנהייב איז,
ליכטיקן וועט מײַן האַנט אין מדבר אויף יעדן שטיקל ערד,
ליכטיקן וועט מײַן האַרץ צו דעם טאָג, וואָס אייביקט ליכט
און פֿרייד —
אַזוי, מײַנע ברידער סעמיטן!...

שכונת־באָראָכאָוו, אָקטאָבער 1929

אַהרן צייטלין

ברענער

סצענעס פֿון 9טן בילד

גערויש פון אַן אָנפאָרנדיקן אויטאָ. קולות, געלויף, אײַליקע טריט אין דער ריכטונג צום פּרדס. דאָס טירל צום פּרדס ווערט האַסטיק אויפגעפּראַלט. דרײַ יונגע לײַט, פאַרסאָפּעטע, לאָזן זיך לויפן, מאַכן מיט די הענט, זוכן שנעל מיט די אויגן. דערזעען ברענערן, דעם לייטער, לויפן זיי צו און שרײַען.

ערשטער — ברענער, וואָס טוט איר דאָ? ראַטעוועט זיך! אין יפו האָבן די אַראַבער געמאַכט אַ פּאָגראָם.

צווייטער — די געגנט איז געפערלעך. אַ ליאַדע רגע קאָן אָנקומען אַן אַראַבער מיט אַ מעסער. זיי גייען איבער אַלע וועגן, זוכן איבער די פּרדסים.

דריטער — ווער וואָלט זיך גערעכנט! אונדזערע שכנים... געקומען אײַך ראַטעווען, ברענער. איר, אונדזער בעסטער! אין אַן אויטאָ געקומען. אַנטלויפט! דאָס אויטאָ וואַרט.

פידל־שפּילער — שטעלט זיך אויף, פֿון קיינעם נישט באַמערקט, הייבט פּאַוואָליע אויף די פידל פֿון דר׳ערד, פאַררוקט זיך מיט איר שטילערהייט ערגעץ אין הינטערגרונט פֿון פּרדס.

ברענער — וואָס? דאָ אויך פּאָגראָמען? אַ פּאָגראָם? געקומען מיך ראַטעווען? פֿאַר וואָס גראָד מיך? אָט איז דאָ געווען נאָך אַ מענטש. זוכט מיט די אויגן דעם פידל־שפּילער, געפֿינט אים נישט.

ערשטער — רעדט נישט, ברענער. אין אויטאָ וועט איר זיך אַלץ דערוויסן. גייט־אַראָפּ פֿון לייטער!

צווייטער — אָט וועל איך צוהעלפֿן. שטעלט זיך אויפֿן לייטער, ציט־אויס צו ברענערן אַ האַנט.

דריטער — קיין צײַט נישטאָ. מיר מוזן תּיכּף צוריק זײַן אין יפו.

ברענער — הייסט דאָס: אַ פּאָגראָם?

די דריי — שטיל: אַ פּאָגראָם.

ברענער — אומבאַוועגלעך: געהרגעטע? פֿאַרווונדעטע? ווי דער שטייגער... און איר ווילט מיך ראַטעווען? מ ע ן ד אַ ר ף נ י ש ט.

ערשטער — וואָס רעדט איר, ברענער?

די איבעריקע — שנעלער!

ברענער — איך בלײַב.

ערשטער — מיר'ן אײַך מיט געוואַלט אַראָפּשלעפּן. וואָס טוט זיך מיט אײַך?

די איבעריקע — אײַער בלוט איז אונדז טײַער.

ברענער — המ... מיר — נישט. פֿאַרט געזונטערהייט.

ערשטער — איר ווילט, אַ פּנים, אומקומען? אַ מינוט שטיל־קייט.

אַלע — קוקן זיך אָן.

ברענער — ע... אומקומען גאָר? קריגט־אַרויס פֿון הויזן־קע־שענע אַ פּיסטאָלעט. איר זעט? איך וועל מיך ווערן... יאָ...

ערשטער — באַטראַכט. נישט געלאָדן.

ברענער — איך האָב דאָ אין גאָרטן ליגן קוילן...

ערשטער — פֿאַרט איר נישט? זעט זשע! ס'זאָל די בייזע שעה נישט זײַן...

צווייטער — ווי איר זעט־אויס, חבֿר. איר זײַט געל אין גאַנצן און איר לײַכט. וואָס איז אײַך? שטילקייט.

דריטער — ברענער, מיר בעטן אײַך: פֿאָרט!

אַלע דריי — פֿאָרט, ברענער, פֿאָרט! ראַטעוועט זיך!

ברענער — גייט־אַראָפּ פֿון לייטער. פֿעסט: נו, קינדער, גענוג! אַ סוף! אַז איך פֿאָרשטיי נישט... וואָס הייסט: איך וועל אַנטלויפֿן? גענוג געלאָפֿן... שוין גענוג זיך אויסבאַהאַלטן אין קעלערס... גענוג, זאָג איך... עין תּחת עין, קינדער! זיך ווערן! זיך אַנטקעגנשטעלן!

אַלע דריי — געוויס... ריכטיק...

ברענער — הויך: פֿאָרט־צוריק! שטעלט זיך אַנטקעגן! ווערט זיך! און איך — איך וועל מיך ווערן דאָ... יאָ. פֿון אָרט נישט אָפּטרעטן...

די דריי — קוקן אים אָן פֿאַרלוירן.

ערשטער — אומזיכער: נו, זײַט געזונט.

די אַנדערע צוויי — זײַט געזונט, ברענער.

די דריי — אָפּ.

ברענער — צוריק אויפֿן לייטער: און איך וועל מיך ווערן דאָ... כאַ־כאַ... לאַכט. קלעזמער, וואָס האָסטו זיך באַהאַלטן? נישטאָ קיין ענטפֿער. מיט געמאַכטער ווילדערישקייט: ברודער! יידל מיטן פֿידל! נישטאָ קיין ענטפֿער. האָב איך שוין מײַן שאָטן אויך פֿאַרלוירן — דעם קלעזמער. שטילקייט. נו, איצט, דאַכט זיך, ווערט קלערער אַרום מיר... אַ ביסל קלערער... איצט ווייס איך, אַז איך קאָן געהרגעט ווערן... עפּעס אַן עיקר... יאָ... ווי שפּינוועבס סוף־זומער... ציטערט... באַלד כאַפּ איך... אָט... שטילקייט. שאַ... הייסט עס: דאָ אויך פּאָגראָמען. שטילקייט. שטיל. איצט וואַרט מען. אויף וועמען? אויף דעם רוצח וואַרט מען. אויג אויף אויג מוז איך בלײַבן מיט אים. דער ערשטער יהודי, וואָס נישט ער וועט אַנטלויפֿן פֿאַרן מערדער און נישט ער וועט זיך אים אַנטקעגנשטעלן — נאָר וועט אים, דעם רוצח זײַנעם, אַ קוק טאָן אין אויג אַרײַן סאַמע פֿאַר דער שחיטה. אַז קיין מאָל זעט נישט הבֿל קינען... דערגייי, מענטש, איין מאָל פֿאַר אַלע דורות, צי איז אַ סוד דערבײַ... אַ קלייניקייט: צי האָבן די קרעץ אַ סוד... נאָך אַ מאָל: איצט, יוסף־חיים איינער, דאַרף מען זיך דערוויסן, צי איז טאַקע, ווי זאָגן זיי, דאָ אַ סוד אין קיום אונדזערן, כ'מיין: אין אונדזער געהרגעט ווערן... שאַ... הייבט די האַנט און בלײַבט אַ פֿאַרגליווערטער מיטן פּנים אַרויף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטילקייט. דערנאָך געשרייען. אַ לאַנגער שוואַרצער אַראַ־
בער מיט אַ מעסער אין האַנט, דאָס מויל אָפן, באָרוועס,
אין קאָלירטע טראַנטעס, פאַלט־אַרײַן אין גאָרטן, ווי אַן
אַרײַנגעוואָרפענער, ווי אַ בליץ, אַ שמעק די לופט, אַ הייב
ס׳מעסער, אַ וואָרף זיך צום לייטער.

ברענער — נידערט פון לייטער אים אַנטקעגן. אַהאַ! וועמען איך זע! אויף דיר האָב איך געוואַרט.

אַראַבער — וואַרפט־אום דעם לייטער, שרײַט, שלעפנדיק ברענערן צו דער ביימער־געדיכטעניש: אין נאָמען פון אַלאַ און זײַן געבאָט! אַ טויט די יאַהוד!

ברענער — שאַ, נישט מיט אַזאַ אימפעט. לאָמיך דיך אָנקוקן.

אַראַבער — כ׳בין נישט געקומען שפילן זיך מיט דיר —
מײַן מעסער האָט נישט קיין געדולד צו וואַרטן!
וואָס האָסטו אָנגעזאָטלט דײַנע אויגן
און זיי געלאָזן רײַטן איבער מיר?
איך האָב אַזאַ יאַהוד נאָך נישט געזען.

ברענער — האָב קיין מורא נישט. וועסט נישט פאַרשפעטיקן. כ׳וועל נישט אַנטלויפן. כ׳וויל עפעס זאָגן.

אַראַבער — געפּלעפּט:
און אויב דאָס איז אַן אײַנפאַל, אַ מאָסקובישער,
און אפשר זאָגט דײַן שלאַנגענצונג מיר ליגן,
און אפשר ווילסטו צײַט געווינען, ייִד,
ביז קומען וועלן דיר צו הילף די דײַניקע?

ברענער — צײַט? נישט איך קען אַנטלויפן, נישט איך וויל. נעמט־אַרויס דעם פּיסטאָלעט, גיט אים. אויב דו האָסט זיך פון ענג־לישע זעלנער אויסגעלערנט שיסן — וועט דאָס דיר צו נוץ קומען. ס׳וועט זײַן אַ צוגאָב צום מעסער.

אַראַבער — מער האָסטו קיין געווער נישט? ניין, דו מוזסט
אין גאַנצן אויסגעבעט זײַן מיט כלי־זיין. באַ־
טאַפּט אים, זוכט אומעטום, געפינט גאָר נישט,

וואַרפֿט דעם פּיסטאָלעט אויף דר'ערד.
געוויס איז דאָס אַ שפּיצל, אומגלייביקער דו!
מאָסקובישע געמיינע שטיק!
וואָס דאַרף איך עס? מײַן מעסער
מאַכט דאָס בעסער!
גיכער, נו! כאַפּט אים אָן בײַם האַלדז.

ברענער — וואָס יאָגסטו אַזוי? כ'האָב דיר געזאָגט: פֿאַרשפּע־טיקן, ברודער, ווועסטו גאָר נישט. כ'וויל פֿרעגן און געהרגעט ווערן.

אַראַבער — לאָזט אים אָפּ:
סײַ־ווי ווועסטו נישט לעבן — זאָל זשע גיך
דײַן מויל אַרויסוואַרפֿן פֿון זיך די רייד,
און זאָל מײַן מעסער אויפֿשטראַלן מיט בלוט,
ווי וואַסער שטראַלט באַגינען אויף מיט זון.
מײַן מעסער שמעקט שוין צו דײַן האַלדז
און מײַנע פֿינגער פֿײַניקן זיך, ציטערן
ווי קליינע קינדער —
איך מוז וואָס שנעלער אָפּטיילן דעם קאָפּ
פֿון לײַב דײַנעם און טרעטן מיט די פֿיס אים.
נו, זאָג שוין, פֿרעג, און לאָז דעם נביא מיך
וואָס גיכער לויבן! באַלד שוין איז די צײַט
פֿון תּפֿילה.

ברענער — הרגע. נאָר פֿאַרן טויט זאָג איין זאַך. איך פֿרעג דיך: פֿאַר וואָס הרגעסטו?

אַראַבער — איבערגעראַשט. שווײַגט. דערנאָך — העפּטיק:
נקמה נעם איך אין דײַן שטאָם, אין דיר —
מיר דאַרפֿן נישט קיין שותּפֿים צו דער לופֿט דאָ,
מיר קאָנען דאָ נישט זײַן מיט אײַך אין איינעם.
נקמה!
און נישט דערפֿאַר אַליין, וואָס איר פֿאַרשטעלט
די זון אונדז — נאָר נאָך מערער, ווײַל איר זײַט אונדז

נישט צום פֿאַרשטיין אין גאַנצן, כאָטש עס שטאַמען
פֿון איין אַבֿרהמס לענדן יצחק און ישמעאל.
וואָס איז? איר זײַט פֿאַראַן? דאָס איז נאָך ווייניק!
איר טאָרט נישט זײַן! דו טאָרסט נישט זײַן! גיי־אונטער!

ברענער — איר פֿאַרשטייט נישט? אַזוי? נו, וועסטו מיך הרגע־נען — וועל איך דיר, מענטש מיטן מעסער, ווערן פֿאַרשטענדלע־כער? וואָס האָסטו פֿון מײַן טויטן מיך? פּלוצלינג, העפֿטיק. הערט צו אײַך אַלע רייד איך! רוצחים איר, רוצחים פֿון אַלע צײַטן! איר מיט הייס בלוט אויף די העמדער, מיט הייס בלוט צווישן פֿינגער! וואָס האָט איר פֿון אײַער טויטן אונדז?

אַראַבער — קוקט אויף ברענערן וואַקלדיק און מיט שרעק:

... אַ מורא זיך צו גראַבלען
אין אײַער שאַרבן, דעם פֿינצטערן כישוף־קעסטל.
שטאָט דאָרט אַרײַנצוקוקן, זען, וואָס איז דאָרט,
נאָכט אָדער מאָרגן־שטערן, שדים צי גן־עדן —
איז דען נישט גלײַכער אײַער שאַרבן צו צעשמעטערן,
דאָס קעסטל, דאָס פֿאַרשאָלטענע, צעברעכן?
ווי שאָטנס שרעקט איר אונדז, און אַז מיר טויטן
אײַך, חלומות, טויטן מיר די שרעק,
די פֿאָרכט פֿאַר אײַך, וואָס זיצט אונדז אויפֿן אַקסל.
און שיינע בגדים טראָגט איר, נאָר מיר ווייסן,
אַז איר זײַט קרעציק. דאָס האָט אײַך אײַער גאָט
געמאַכט בכיוון קרעציק, אײַך פֿאַרשטעלט
און ווי בלינדע אויסגעזעצט אויף אַלע וועגן —
כּדי מיר זאָלן שרעקן זיך אַלץ מער.

ברענער — צו זיך: שאַ, ברענער... ער דברט דאָך... מיט אָריענ־טאַלישער מליצה דברט ער... ערשט איצט הערסטו רייד, און פֿון וועמען? גראָד פֿון אַן אָרעמען ישמעאלי מיט אַ מעסער! איך, ערש־טער ייִד, וואָס האָט זיך פֿאַרגונען אויג אויף אויג צו שטיין מיט זײַן רוצח אַ מינוט פֿאַרן סוף — איך הער דיבורים. צום אַראַבער. איר

ווילט אײַער שרעק דערהרגענען? און וואָס שרעקט אײַך אין אונדז אַזוי, טײַערע? שאָטנס פֿון רוצחים, רוצחים פֿון אַלע צײַטן, גיט ענטפֿער! איך, אַ ייִד אײנער, יוסף־חיים, פֿרעג. שטילקייט. דער אַראַבער וווּנדערט זיך. הנני. איך פֿאַרנעם. אַהער, אין שטילן גאָרטן, פֿאַרן אומקומען, גייט די תּשובֿה. אײַך שרעקט אין אונדז — אײַער בייזער געדאַנק וועגן אונדז, און אײַער שרעק נויט אײַך צו מערן אײַער זינד און אײַער פֿאַרברעכן צו דאָפּלען. איך זע די שרעק פֿון אַלע קינס אין דײַנע אויגן, אַראַבער־יונג. די שרעק פֿון דײַנע רוצחים, ישׂראל. שרעק ברענט דאָרט מיט אומגעדולד צוזאַמען, אין דײַנע האַלב־בלינדע, זאַמד־פֿאַרשאָטענע אויגן, אַראַבער־יונג. הרגענען קאָן קין זײַן ברודער, נאָר זײַן שרעק — נישט. שרעק ווערט שרעקלעכער, אַז מ׳טונקט זי אײַן אין בלוט... אויב דו האָסט אַן אויער צום הערן — פֿון דאַנען הער, וועלט, שאָטן פֿון אַ וועלט, געשטעלט פֿאַר די אויגן פֿון אַ ייִד, וואָס פֿאָרשט זײַן אייגענעם רוצח: אַזוי לאַנג ווי קין וועט זײַן ברודער נישט דערקענען, מורא האָבן צו דערקענען, מורא האָבן — וועט זײַן מיט אים אַזוי. צוליב זײַן שרעק וועט ער הרגענען, צוליב זײַן הרגענען וועט שטאַרקער ווערן זײַן שרעק, זײַן נײַע שרעק וועט אים רופֿן צו נײַע רציחות. זײַנע נײַע רציחות וועלן געבערן נײַע שרעק — ביז צום סוף וועט די שרעק אויף דער ערד אַזוי גרויס ווערן צוליב אונדז, הבֿלס, אַזוי שווער ווערן צוליב אונדז, הבֿלס, אַזוי גראָב ווערן צוליב אונדז, הבֿלס, אַז זי וועט מיט איר בויך זיך לייגן אויף אַלע דעכער דײַנע, וועלט, אומשטירצן אַלע הײַזער דײַנע, וועלט, אַראָפּוואַרפֿן אַלע פֿענער דײַנע, וועלט! וואָס איז, וועלט, אונדזער טויט? אונדזער טויט איז דײַן שטראָף. און וואָס איז דײַן שטראָף? אונדזער אַלעמענס אויסלייזונג. וועלן אומפֿאַלן פֿון מערדערשרעק די דעכער דײַנע, די פֿענער דײַנע, די פֿאַרשטעלענישן דײַנע — וועט ליכטיק ווערן... קין וועט הבֿלען דערזען און מ׳וועט נישט דאַרפֿן: נישט קינס מעסער, נישט הבֿלס קרעץ... וואָרעם דאָס איז דער סוד, דאָס איז ער: אויף צו פֿאַרגרעסערן הבֿלס געהיימקייט אין קינס אויגן גייען די קעניגלעכע הבֿלס קרעציק דורך דער

וועלט און מעג הבל אַנטאָן טויזנט לבושים — קין וועט שוין דער־פילן די קרעץ, זיך דערשרעקן און הרגענען. דאָס בין איך דערגאַנגען. דאָס ווייס איך. דאָס איבעריקע איז גאָר נישט. הרגע! טרעט־צו גאָר נאָענט צום אַראַבער. אויף זיין פּנים ווייזט זיך אַ בלינדער שמייכל — ווי אַ שטראַלנדיק האַלבראַד.

אַראַבער — רויט אין גאַנצן:

ביסט גרייט? און איך בין גרייטער נאָך. זאָגסט: שרעק?
געווען. נאָר איצט — שוין נישט. עס איז אַוועק.
מיין האַנט האָט מוט באַקומען און זי הייבט זיך.
זי הייבט זיך ווי אַ קעמלס האַלדז. איצט לעב איך.
איך בין די פרייד און פרייקייט פון אַ קריגספערד,
וואָס אָטעמט בלוט און טאַנצט איבער הרוגים.
איצט וועל איך מער נישט מורא האָבן — ניין!
איצט לעב איך, וויל איך ווייס: דו וועסט נישט לעבן!

שלעפּט אים מיט הויכע געשרייען צו דער ביימער־געדיכטעניש. מינוטן פון שטילקייט. גייט־אַרויס דערנאָך, האַלט ברענערס בלוטנ־דיקן קאָפּ אַרויפגעשטעקט אויפן שפּיץ מעסער; שטעלט אַ פּאָר טריט, קוקט זיך אום, ציטערט.

איך האָב דעם קאָפּ, איך טראָג זיין קאָפּ... נאָר וואָס
מאַכט ציטערן מיין לייב? ער רעדט, ער רעדט נאָך...
מיט רויטע צונגען רעדט דער קאָפּ... פאַר וואָס
האָסטו, מיין מעסער, נישט געמאַכט אים שטום,
דעם קאָפּ, דעם דאָזיקן? דו האָסט געפעלשט,
אין האַר דיינעם געפעלשט האָסטו, מיין מעסער!
דיין אַרבעט האָסטו שלעכט געטאָן — און איצט?
אַ ציטער קלעטערט איבער גאָר מיין לייב,
הייבט זיך פון פוסקנעכל צום קאָפּ אַרויף און טרייסלט
דעם בוימשפּיץ פון מיין גוף.
איך בין אַ מדבר — און דער שטורעם פליקט מיך.
אין דר'ערד גיי, קאָפּ.

שלײַדערט אַרונטער דעם קאָפּ, שטופּט אים מיטן פוס. דער קאָפּ קוילערט זיך אַוועק.

באַגראָבן ווער אַליין —
איך האָב דיך מורא צו באַגראָבן. כ'ציטער
מיך צורירן צו דיר... עס קריכט אַ וויטיק
פון דיר צו מיר, גרייט אָנכאַפּן בײַם פוס מיך,
ווי אַ שלאַנג אַן אײַזערנע... אַנטלויפן!
וואָס טו איך דאָ? אַנטרינען ווי אַ שאָטן,
באַהאַלטן זיך, פאַרקריכן אונטער שטיינער,
מיט שרצים אונטער שטיינער אויפן בויך
זיך ליגן — און בײַ נאַכט ערשט זען די וועלט,
מיט אויגן פון אַ נאַכטפויגל. כ'וועל גיין
צו מײַן אין לעכער פינצטערע פון ווענט,
וועט אפשר פון מײַן לײַב אַראָפּ דער ציטער.
זאָל איך צום נביא לויפן? ניין, איך קאָן נישט.
אַ חיה איז אַרײַן אין מיר און ווײַנט.
אַ חיה ווײַנט אין מיר.

לויפט אַ פאַרציטערטער. אָפּ.

1929

י. פאַפּיערניקאָוו

נישט דערקענט

כ'האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מײַנע,
נישט דערקענט —
ווען פײַער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד,
און שטאָט און דאָרף — געברענט,
און ס'האָבן מײַנע ברידער, אַלאַרמירטע,

זיך געטאָן אַ לאָז־אַרויס
פֿון יעדן צעלט,
פֿאַבריק און הויז,
און מחנהווײַז — אַנטקעגן שׂונא זיך געצויגן
מיטן אָפּשײַן פֿון דער שׂריפֿה אין די אויגן,
און אַזוי — צעשטעלט זיך וואַנט נאָך וואַנט,
ווי שטאָל און אײַזן קעגן פֿײַל פֿון בויגן.

כ׳האָב זיי נישט דערקענט, די ברידער מײַנע,
ווען געפּאַנצערטע מיט גלויבן
האָבן זיי די אַקערס אויף די פֿעלדער אויסגעשפּאַנט,
געכאַפּט די פֿערד
און מיטן גורל אין דער האַנט —
אַ ריס געטאָן זיך ווי די אָדלערס פֿון דער ערד
און ווי אַ בליץ — אויף באַרג זיך אויפֿגעהויבן,
ווי אַ דונער — זיך אין טאָל אַראָפּגעלאָזט
און קולות ווי די שטיינער אויסגעשאָטן:
— אונדזער ערד!
מיר האָבן זי באַטראָטן
וויסט, פֿאַרלאָזט.

— זאָל פּרוּוון ווער די שפּײַכלערס אונדז צערויבן!
— זאָל פּרוּוון ווער די שײַערס אונדז פֿאַרברענען!
מיר וועלן ווײַזן ווער און וואָס מיר זענען!...

האָב איך נישט דערקענט די ברידער מײַנע:
פּאַסטעכער, מיט אויגן גוטע, שאָפּענע,
פֿון פֿעלדער אַנגעלאָפּענע,
באַשיצן שאָף און רינד,
ווען ס׳זײַנען שוין געשטאַנען
מאַן און ווײַב און קינד

װי אײקאַליפּטוסן און טאַנען
קעגן מדבר־װינט:
די פּיס פֿאַרװאָרצלט אין דער טיף,
די קעפּ פֿאַרקלעטערט אין דער הױך,
די הענט געקרײצטע אין דער ברײט,
געהילט אין פֿלאַם,
געהילט אין רױך.
און װי די פֿעלדזן — נישט געברענט...

און נישט דערקענט זײ, נישט דערקענט
האָב איך די ברידער, מײַנע ברידער,
נישט געגלײבט, אַז פֿון דער נידער
װעלן זײ זיך דאָ דערהײבן,
אַז פֿון מײַנע ברידער — לעמער —
זײַנען אױסגעװאַקסן — לײבן.

תל־אָביב 1937

6

פון ים בלוט ארויס

פ. בימקאָ

בעיר קעלץ

די ערשטע טעג נאָך פוילנס באַפרײַונג,
וואָס זײַנען דערטרונקען געוואָרן אין יידיש בלוט

די מלחמה האָט געפּלאַצט און מיטן קנאַק, ווי אַ האַרטער שטײַפער פראָסט. די שווערע, געפּענטעטע קייטן זיך צעריסן בײַ יעדן איינעם אויף די פיס און מ'האָט זיי ערשט געקענט צענעמען, גייך, אויפהייבן דעם קאָפּ און אָטעמען — טיף אָפּאָטעמען.

די מלחמה איז זיך צעפלויגן אויף שטיקלעך; און פעלקער, וואָס זײַנען געווען געבונדן און גענעגלט זינט הונדערטער יאָרן, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושטעקן די קעפּ ווי נאָך אַ מבול, אַ פאַר־פלייצונג, און קוקן מיט אָפענע אויגן:

— ס'ווערט טאַקע זומער אין דרויסן.

אָן אַ האַנט, אָן אַ פוס, און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, ווי באַלד נאָכן שלאָף; נישט אַרומגעוואַשן נאָך, נישט צוגעקעמט, און אַ ביסל מטושטש; בײַ איין טישל און מיט אַ בענקל אויף דרײַ פיס, האָבן זיך די פּאָלאַקן, טשעכן, ליטווינער, עסטאָנער גענומען אײַנשטעלן און אָנקוועלן פון דעם אָרעמען באַלעבאַטישקייט זייערן: אויף אַ צעבראָכן בעטל און אויף איין ברעטל — נאָר פאַר זיך; אַליין איז די נשמה ריין.

זײַ געגריסט, פוילן!
מיט אַלע פעלקער אין איינעם, האָסטו אויך דײַן אַלטן גרויען

דאָס איז דער מענטש פון 1939, איילבילד פון מאַקס באַנד

קאָפּ, וואָס מ׳האָט דיר געהאַט אַראָפּגעבויגן גאַנצע הונדערט יאָר, אויפגעהויבן, און לאָזסט הערן דײַן קול אין איינעם מיט די טשעכן, ליטווינער און פינער, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך; קוקסט דיך אַרום מיט דײַנע פּאַראָפּיעטע[1] אויגן, ווי עס בליִען נאָך דײַנע פעלדער־פלאַכן; ווי ברייט עס גייען דײַנע טײַכן — זיי האָבן זיך מיט גאָר נישט ניט געעלטערט; די זעלביקע פון פאַר הונדערט יאָר — אײדער זיי זײַנען אַריבער צו פרעמדע, און נישט אויף אַ האָר גרויער.

אַ גרויסע פרייד יאָגט זיך פון דײַנע צעפּלאָשעטע וועלדער, די אַלטע, פּאַרצײַטיקע, אין וועלכע מ׳האָט בלויז געקענט אויסהאַקן אַזוינע טיפע לעכער, אָבער נישט מער; זיי זײַנען אַלץ נאָך פאַראַן, דײַנע וועלדער, און דער הימל איז נאָך אַ מאָל אַזוי בלוי און טיף איבער זיי; די באַטשאַנעס שנײַדן הויך, אַזש ס׳גייט אַ רויך.

אין דער פרייד בײַ אַלע, אַזוי ווי זי האָט אויפגעפלאַמט, האָט גלײַך גענומען טליִען אַ קערנדל שׂנאה צו די ייִדן; גראָד זיי, וואָס זײַנען געווען די ערשטע צו זען און צו פילן דעם געזונטן תּכלית, דעם טאָלק פון אַ פאָלק, ווען עס שטעלט זיך צוריק אויף די אייגענע פיס; פונקט אַזוי ווי די פרייד בײַ ייִדן וואָלט נישט געווען זייערע און דאָס בלוט זייערס וואָלט זיך נישט געגאָסן מיט אַלעמענס גלײַך, און אפשר נאָך מער, אין דער בלוטיקער מלחמה, פון וועלכער דאָס לאַנד שטייט־אויף תּחית המתים.

ס׳האָט אויסגעזען: ווי די ייִדן זײַנען אויף דער שׂמחה פרעמדע מחותּנים; און אויב ס׳האָט זיי נאָך קיינער דערווײַל נישט געהאַט צו פאַרבעטן, ווײַל ס׳איז אַראָפּגעפאַלן אומגעריכט, ווי אַ וואָלקנבראָך פונעם הימל, האָט מען זיי אָבער, אויף דער הייסער מינוט, שוין געוווּסט צו פאַריאָגן;

[1] ווי פון מאַטעריע פאַרגאָסן.

— דאָ כאָליערי, פּשאָ קרעוו [2].

די גדולה איז פֿון לכתחילה פּאַרטונקלט געוואָרן דורך אונטער־העצערס, וואָס האָבן גענומען רייצן אויף ייִדן, אויף זיי אויסריידן אַל דאָס בייז, צווישן וועלכע דער „גראָבער" איז געווען דער גאַנ־צער מאַכער.

שוין פֿריִטיק־צו־נאַכטס האָט מען זיך אויף עפּעס געריכט; און די קליינע ליכטלעך האָבן געלויכטן הינטער פֿאַרריקטע פֿירהענג־לעך — זייערע פֿלעמלעך זאָלן נישט ציטערן אין דרויסן, פֿאַרן פֿענצטער.

אַלטע ייִדן זײַנען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, ווײַבער אויפֿגעהערט מיט אַלעם צו ריידן, — שטומע ווײַבער, וואָס האָבן געקוקט פֿאַרכ־טיק צום הימל און זיך געבראָכן די הענט:

— באַהיט, טאַטע־לעבן! דאָס געהינטעכץ האָט שוין צו פֿיל אויפֿגעהויבן די קעפּ...

דאָס יונגוואַרג האָט געברענט, געפֿלאַקערט, זיך געריסן און פֿון כּעס זיך געביסן די פֿינגער:

— מיט דעם בלוט פֿון אונדזערע זעלנער, וואָס האָט זיך געגאָסן עמערוויִז, און דורך די פֿלעקן־טיפֿוסן פֿון אונדזערע חולאים, דאָס אַזוי טיף אונטערגעגראָבן, אַז ס'האָט געזאָלט קענען קומען דער גרויסער פֿונאַנדערפֿאַל, און מ'גייט זיך נאָך דערפֿאַר אָפּרעכענען מיט אונדז? וואָס טוט זיך דאָ עפּעס אַזוינס? סדום!

און מ'גייט זיך צונויף, פֿול מיט פֿײַער, אין טעאַטער אַרײַן, זיך אַראָפּריידן פֿונעם האַרץ.

אין טעאַטער איז אויף קעפּ; עס קאָכט; דאָס יונגוואַרג ברענט, הייס בלוט, רעדט עס ווערטער:

— בלויז צו זיי איז די תורה געגעבן געוואָרן? פֿאַר וועלכע

[2] צו דער כאָלערע, הינטיש בלוט!

מעשים טובים? פֿאַר די מסירות אויף די ייִדן? פֿאַר די אַלע וואָס זײַנען דורך זיי געוואָרן געשאָסן, געהאָנגען און אומגעברענגט מיט אַלערליי ביטערע טויטן?

ס׳הילכן די ווענט. ס׳ציִען זיך פֿון אַלע זײַטן הענט:

— קאַרגע פֿינף יאָר מלחמה? פֿינף יאָר הונגער, טויט, שׂריפֿות, מגפֿות, און מ׳שטופּט אונדז נאָך אַוועק? מ׳וויל זיך נישט חבֿרן מיט אונדז? ס׳שטייט זיי נישט אָן דער יחוס?

פֿאַרן טעאַטער, אין דרויסן, האָבן זיך דענסטמאָל געקליבן גאַנצע האַלאַטעס [3] אָפּגעריסענע שקצים, אָברעוואַנצעס [4] — די כאַליערע ווייסט! — פֿון די הינטער־געסלעך, קעלערן און פֿאַציאַטן [5], זײַנען זיי זיך צונויפֿגעקומען, און נישט ווייסנדיק צו וואָס און ווען זיך דאָ אָפּגעשטעלט, געגאַוועט, געקוקט איינעם צום אַנדערן מיט די וואַסערדיקע אויגן:

און בײַ זייער גאַנצער תּמעוואַטעקייט שוין געוווּסט אַזוי אַרויסצולאָכן, ווי מ׳זאָל זיך וואָרפֿן מיט ברעטער...

אַ דערשראָקענער צום טויט, האָט זיך עמעצער אַדורכגעריסן דורך זיי און אַרײַן אין טעאַטער אַרײַן, ווו ער האָט עפּעס געלאָזט פֿאַלן פֿון דער אָנקומענדיקער כוואַליע שקצים, און די פּנימער בײַ אַלע האָבן זיך באַפֿלעקט מיט אַ בלייכער רויטקייט, און די ציין אונטער די באַקן זיך גענומען טרייסלען.

— ווי? זיי שטייען און וואַרטן אונדז אָפּ, אין דרויסן?

זיי האָבן זיך טועה געווען אָדער דער „גראַבער״ האָט זיך געמאַכט געפּגרט, און נאָך אַ לאַנגן ישובֿן זיך: „איידער צו וואַרטן ביז זיי וועלן אַרויסקומען צו אים, וועט ער פֿריִער אַרײַנגיין צו זיי״...

זיי האָבן זיך צעשטעלט איבער אַלע שטיגן און דורכגאַנגען,

[3] מחנות גאַסניונגען. — [4] אָפּגעריסענע. — [5] אייבערשטיבלעך.

ווי זיך באַהאַלטן אונטער פֿאַרהאַנגען; ער האָט געהייסן זיצן שטיל. זיך נישט געבן קיין ריר, אונטערן אַלטן באַקאַנטן אויסרייד:

— מ׳גייט זוכן געווער.

ס׳איז יעדן אַריבער אַ פֿײַערדיקע קעלט איבערן לײַב: „ס׳איז טאַקע אַ גרויסע חרפּה, און זי פּלאַמט בײַ יעדן אויף די באַקן, אָבער מען מוז זי אַראָפּשלינגען!"... זאָל ער זען דעם ליגן — ער וועט באַלד אַרויפֿקומען פֿון אויבן און פֿאַר אַלע אין די אויגן.

זיי האָבן זיך גוט געקענט דערויף און מיט דעם זוכן זייערן זיך כּסדר דערהויבן: „אַ — האַ! ווי ער זעט־אויס?"... אַפֿילו די שקצים זײַנען נאָך אַלץ געווען תּמעוואַטע, און אויך געמיינט ס׳געווער; מי יודע, וואָס פֿאַר אַן אַרסענאַלן ס׳וועלן זיך דאָ אויפֿמאַכן? די האַרמאַטן, וואָס וועלן זיך בײַ זיי אָפּזוכן? אַזש בײַם „גראָבן" האָבן זיך צעגומען די ליפּן און פֿון זיי אַליין געברויכט אָפּצושפּעטן:

— ווי וויניק שׂכל זיי האָבן אין זייערע קעפּ?

די אָפּגעריסענע שקצים, די אָברעוואַנצעס, איז נאָך אַלץ נישט געקראָכן גאָר אין די קעפּ. זייערע ליפּן האָבן זיך פֿאַרשאַרצט, צו מאָל מיט זיי געשמיצערט און די הענט זייערע געווען אָפּגענומען: מ׳קען זיך כאַפּן שלאָגן... יאָ, אַז יענער קריכט אין די ביינער! ברענגט־אַרויס פֿון די כּלים... און אַ בייזקייט, אַ ביטערע, זאָל זיך צעשרײַען אינעם בלוט:

— אַזוינע מיאוסע ברואים! ס׳וועט שוין זײַן אָך־און־וויי צו זיי...

דאָס שטילע זיצן האָט בײַ זיי אָפּגענומען די הענט; נעם און צענעם זיי — אַז פֿון אויבן ביז אַרונטער, ביז האַרט אויף די ווענט, רוט די שטילקייט אַליין; ס׳גייט זיך נישט ווו קיין ריר אַ קאָפּ בײַ וועמען; ס׳לאָזט קיינער פֿון זיך נישט אַרויס די פּאַרע, נאָר מ׳זיצט ווי פֿאַר עפּעס אַ ברייטער וואַרע, וואָס ווערט געמאַכט פֿאַר עמעצן, אַ טויטן, צי אַ געקרוינטן...

די אַקסלען האָבן זיך בײַ זיי אַרויפֿגעצויגן איבער די קעפּ און איינס ס׳אַנדערע אָנגעקוקט:

— גיי, קריך־אַרײַן אין אַ געשלעג, אַז ס׳אי נישטאָ צוליב וואָס און ווען...

ביז דער „גראָבער״, וואָס האָט שוין לענגער נישט געקענט קריצן מיט די ציין, האָט אויסגעשאָסן; און דער „רוצח״ האָט זיך גלײַך אויפגעכאַפּט אין זיי; ס׳האָבן גענומען פליִען די שטעקענעס — האַקן ווי אין קרויט.

אַזוי ווי ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבן, אַזוי האָבן, ווי אויסגערעכנט, די ציגעלניעס, די מילן, קאַלכאויוונס, — קיין אַנדערע פֿאַבריקן זײַנען נישטאָ; גענומען בוצען [6] און שרײַען, נישט חלילה, צוליב דער מעשׂה־רע, נאָר מ׳זאָל טאַקע וויסן, אַז די שעה האָט געשלאָגן.

און אין אַלע לעכער, פֿינצטערע יאַמעס, ווו דאָס ערבֿ־רבֿ, דאָס פּסולת, ליגט פֿון תּמיד אײַנגעלייגט, און האָט מורא די נאָז אַרויסצושטעקן, האָט זיך גענומען רירן; די אַלע פֿאַרשווינען מיט זייערע געהיימענישפֿולע קרוינען אויף די קעפּ זײַנען אַרויס איבער דער שטאָט. און צו וואָס זיי האָבן דערלעבט? מע ברויך נישט גיין בײַ נאַכט, זיך גנבֿענען ווי די שאָטנס, צופּאַסן שליסלען, אַראָפּנעמען אַ טיר פֿון די זאַוויאַסעס, אַ פֿענצטער, קריכן דורך אַ לופֿט פֿון אַ קוימען. צו וואָס? אַז גזילה איז מותּר.

בוך [7] — און די טירן פֿונעם גרעסטן געוועלב זײַנען אָפֿן; מ׳קען נעמען וואָס דאָס האַרץ גלוסט, זיך אויפֿלייגן גאַנצע וועגענער, אויב מ׳האָט זיי אונטער דער האַנט, און מיט דעם אַהיימפֿאַטשן.

צוויי מאָל בוך, דרײַ מאָל בוך, און אַז ס׳גייט נישט, נעמט מען האַקן מיט העק; פֿלײַסיק בויערן מיט אַ דלאָט, איבערשנײַדן מיט אַ דראָט; און אויב ס׳זאָל אַפֿילו זײַן אײַזערנע טירן, און פֿון קאַזאַמעטן, וואָלט מען זיי אויך צעבראָכן, נישט נאָר פֿון יידישע קראָמען, און סך־הכּל — הילצערנע טירן מיט פֿרענטן?

[6] (אָנאָמאַטאָפּעיִש) פֿאַרשרײַען. — [7] אַ זעץ.

ווי אַ ווינט האָט זיך גלײַך אויפֿגעהויבן דאָס ביסל ייִדן. און וואָס האָבן זיי מער געקענט טאָן ווי לויפֿן זיך באַהאַלטן אין די קע־לערן, און פֿאַרמאַכן הינטער זיך די טויערן?

נאָר ווי אַזוי האָבן זיי געזאָלט קענען אין זיי אײַנליגן, אַז זיי האָבן געהאַט זייערע קינדער אין טעאַטער?

און אונטערן קלאַנג פֿון אויפֿגעבראָכטע פּרענטן, צעפּלאַצט גלאָז, בוצען פֿון די ציגעלניעס מיט קאַלכאויוונס, האָט זיך געלאָזט לויפֿן איבער דער און יענער גאַס, ווו זי האָט געקענט — אַ צעשויבער־טע און צעשריגענע מאַמע. מ׳גיסט אויף איר קאָכעדיק וואַסער פֿון די פֿענצטער — און זי לויפֿט; די הענט ווי אַ פּאָר פֿליגל — טרײַבן־אַוועק יעדן איינעם וואָס קומט איר אַנטקעגן:

— ווײ, מײַן קינד!

און אַלץ אַרום: דער גאַנצער וויסט און משונהדיקער געברום, וואָס האָט צוגעדעקט די שטאָט איבערן קאָפּ, חוזקט־אָפּ:

— ווײ, מײַן קינד!

אונטער דר׳ערד האָבן, דאַכט זיך, קוואַלן גענומען אײַנרײַסן און שמײַסן שטיקער בלאָטע אין הימל אַרײַן, ער זאָל מיט איר מיט־שרײַען:

— ווײ, מײַן קינד!

און פֿון הימל זאָלן זיך די טויערן איינער נאָכן אַנדערן האָבן אויפֿגעבראָכן, די מאַמע רחל אירע הענט צענומען און מיט יעדער צעבראָכענער מאַמען מיטגעלאָפֿן, איר געהאָלפֿן בויערן די אויערן בײַ זיי:

— ווײ, מײַן קינד!

אין טעאַטער פֿלאַמט נאָך אַלץ די שחיטה.

די שקצים, די וואָס האָבן אָפּגעקריגן פּוילן, זײַנען גאָר נישט געווען אַזוינע לעמעלעך ווי ס׳האָט זיך לכתחילה אויסגעדאַכט: זיי האָבן זיך ערשט רעכט, ווען ס׳וואַרעמע בלוט האָט זיך גענומען גיסן

איבער זייערע הענט, צעיוכעט; און די רציחה זיך צעוואַקסן, ווען מ׳האָט זיך נישט געלאָזט פון זיי צעטרעטן און צעשטעכן.

אַז דאָס קאַלטע מעסער האָט אָנגעהויבן אַרומאַרבעטן, האָבן זיך אַלע צונויפגערוקט אויף דער קופּע; אַ קופּע מיט אַפשר טויזנט קעפּ, און צוויי מאָל אַזוי פיל הענט, פיס, וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין ספּאַזמען, פון קנייטשן און בייטשן, און גייט־אָפּ אין בלוט.

און דאָ רייסט זיך אַרײַן אַ מאַמע. זי ברעכט־אַדורך ווענט פון שקצים, בגילוי־ראש, מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ האָר; דאָס שייטל איז ביי איר אַראָפּגעריסן; דאָס לייב אירס — אויסגעביסן ווי פון שטשעקלע [8] הינט, וואָס זיינען איר אין דרויסן באַפּאַלן; אויפן פּנים — אַ געמיש פון רויטע מיט געל־צעשמירטע פלעקן; ווי אויף אַלט־אויסגעריסענע צאינה־וראינה־שמות.

און זי טרעפט דאָ אַרויף אויף דעם צום טויט פאַרצאַפּלטן קנויל

— ס׳איז נישט איינער, נישט צען, נישט הונדערט, נאָר איין גרויסע צעטרייבערטע מאַסע, ביי וועלכער עס טאַטשעט זיך די שוים פאַרן מויל. און גיי דערקען אין איר אַן אייגן פּנים פון אַ קינד! זוך־אָפּ די גלעטנדיקע אויגן — אַז דאָס זיינען גאָר רויט באַפלעקטע וויס־לען.

און זי קוויטשעט, פאַרגלישעט [9]:

— מיין קינד! ווער קען איר זאָגן, ווו און אין וועלכן עק איר קינד שטעקט?

יחידים רייסן זיך פאַרט אַרויס, מטושטש און בלויז, אַן עפּעס אויף זיך. מ׳זאָל זאָגן: אַ מלבוש, אַ פּאָר שיך? זיי וואַקלען זיך ווי שיכורים אויף די שטיגן און וויגן זיך אין אַ הינערפּלעט. פון ביידע זייטן שטייען די שקצים מיט שטעקענעס, העלצער און דרענגער, און ס׳איז נישט קיין חילוק, ווו זיי לייגן־צו — דער גוף נעמט אומעטום צו. יענער שפּירט סיי־ווי־סיי נישט גאָר. ער איז דעררופן. בלויז

---

[8] (פּויליש) בילנדיקע. — [9] פאַרטויבט.

דער מוח אַרבעט: אײנס — אַז מ׳ברויך אַנטלויפֿן; צווײ — מ׳ברויך אַנטלויפֿן; און דרײַ — אַז מ׳ברויך אַנטלויפֿן מיטן לעבן, ווי לאַנג מ׳האָט עס נאָך. ער האָט נישט אין עפּעס אַנדערש מער אַרומצו־אַרבעטן. אויב בײַ ווען דער מוח הערט־אויף צו אַרבעטן, שטעלט זיך אָפּ — גיט זיך דאָס שטיק גוף אַ ליג־אַוועק, נישט קיין חילוק, ווו, אויף די שטיגן, פֿאַר דער טיר, אין דרויסן, און בלײַבט ליגן.

און אַזוי זײַנען זיי צו ביסלעך אַנטרונען געוואָרן, די וואָס האָבן געקענט. יענע ווידער, וואָס האָבן עס נישט געקענט, זײַנען געבליבן ליגן אונטער די בענקלעך, צווישן די ווענט, וועלכע זײַנען באַ־שפּריצט מיט זייער בלוט. ס׳איז דאָ שטיל און קיל, ווי אין אַ קיל־שטיבל[10]. פֿון דאָ און פֿון דאָרט מאָנט שוין בײַ צײַטנס דאָס גוטע אָרט, וואָס שטרעקט זיך אַהער, נאָך זײַן חלק רויב.

איבער די שטיגן, פֿון אויבן ביז אַרונטער, ליגן זיי צעוואָרפֿן ווי בײַ זיך אויף די בעטן און כראָפּען. כראָפּען גאָר אָן שלאָף. די אויגן געשלאָסן און ס׳פּנים אָנגעגאָסן מיט רויט, מיט געל און גרין. ס׳מישן זיך אויף זיי די קאָלירן, ווי ס׳זאָל ווער שטיין מיט אַ פּענדזל אין האַנט, און זיי אַזוי צעפּירן...

אין דער שטאָט פֿרייען זיך נאָך אַלץ די סירענעס אויפֿן קול, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט מער געקענט צומאַכן דאָס מויל. ס׳קליב־גען נאָך אַלץ די דעכער, פֿענצטער, און דער שייגעץ, דער קלענס־טער, באַוויזט חידושים: פֿון אַ בלאָז מיטן מויל, ווי גרויס עס קען אין גאַנצן זײַן בײַ אים, צינדט זיך אָן אַ שײַער תּבֿואה, פֿון אַ קאַ־פּע מיטן פּיסל — פֿאַלט־אַרויס אַ טיר פֿון אַ קראָם און פֿון אַ באַ־כע[11] — צעפּליט זיך אַ בעטגעוואַנט מיט פֿעדערן.

אַרום דער שול, קהלס בית־המדרש, די מקווה — זיי זײַנען אַלע אין אײנעם — איז אויף טיש און אויף בענק. אויב מ׳האָט אויס־

[10] מתים־צימער. — [11] אַ זעץ מיט אַ פויסט.

געזעצט די שויבן — זאָלן זיך די גלעזער פּרייען. וואָרן ייִדן וועלן בײַ קיין אָפֿענע פֿענצטער נישט זיצן. נאָך דערצו, נאָך סוכּות, ווען דער ווינט נעמט זיך דרייען און פּרייען, און די יעשענדיקע רעגנס ווערן אָפֿטע געסט, אַרײַן און אַרויס — ווי וועט מען דאָס לאָזן קליינע קינדער אויפֿן ווינט, אַז זיי זאָלן זיך דערקילן? און, וואָס מ׳וועט פֿאַרשטאָפּן מיט קישנס? מיט שמאַטעס און לאַטעס? פֿאַר־האַקן מיט ברעטער? בלאָטע! מ׳קען דאָס טאָן מיט איין שויב, מיט צוויי, אָבער נישט מיט אַלע. אויב נישט קיין שויבן — מיט וואָס וועט די שטוב זײַן מער פֿאַר אַ קעלער?

און אַז דער בעדער איז זיך געלאָפֿן באַהאַלטן, איז די מקווה געבליבן טרוקן. מען דאַרף זיך פֿריִער גיין טובֿל זײַן אײדער מ׳וועט קריגן געשלאָגן? אַז דער שמשׂ האָט זיך אויפֿגערוימט, איז די שול אָבער נישט געבליבן פֿאַרמאַכט. ייִדן האָבן זי גראָד יאָ באַדאַרפֿט האָבן, אַז מ׳האָט זיי גענומען שלאָגן. ווו דען וועלן זיי זיך אויס־וויינען ס׳האַרץ? און אַז ס׳איז נישט געווען קיין שמשׂ, קיין בע־דער, האָט דאָס הקדש אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. דאָס ביסל משוגעים האָט אַפֿילו נישט באַדאַרפֿט צערײַסן דעם עירובֿ, מיט וועלכן זיי זײַנען געווען זיכער — אַז מ׳האָלט זיי געבונדן די הענט מיט די פֿיס, זיי זײַנען גלײַך אַרויס אַ הוליע טאָן. וואָס מיר שלאָגן? צע־טראָגן הײַזער? זיך נאָכיאָגן נאָכן ווינט? און די אַלע שטשעקלע הינט? דאָ שטייט אַ לץ און רײַסט זיך דעם גאָרגל, ימים־נוראימ־דיק: „אוי־אוי־אוי, פּתח לנו שער!“... און אַ צווייטער רײַסט פֿון זיך די קרעץ: „אַז ס׳איז אויף אים געקומען אַזאַ גליק און ער האָט געקענט אַרויס פֿונעם הקדש, וואָס דאַרף ער זיי נאָך האָבן, צו וואָס?“... און אַ דריטער, מ׳זאָל מיר מוחל זײַן: טוט עפּעס אַזוינס, בײַ וואָס ער שטופּט־אַרויס דעם בויך מיט אַזאַ כּוח, אַז דער בויגן איבערן טראָטואַר זאָל זײַן וואָס העכער און שרײַט צום צווייטן, וואָס האָט מורא אַוועקצורירן פֿונעם אָרט:

— וואָס ביסטו דאָרטן שטיין געבליבן? קענסט אַדורכגיין אָן שום פּחד. אָסור, אויב כ׳וועל דיך באַנעצן.

אַז די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, האָט זי מיט זיך דאָס אַלץ צוגע־לייגט, ווי אַ שווערער רעגן לייגט־צו אַ מעכטיק פֿײַער און דער־שטיקט עס. ווי לאַנג איז עס דער שיעור? ס׳מוז דאָך מיאוס ווערן אַפֿילו צו ראַבירן. און מ׳פֿאַלט אַפֿילו בײַ דעם אויך אַוועק פֿון די כּוחות.

און אַז די שווערע נאַכט ווידער האָט זיך אָנגעהויבן ציִען, האָט זיך ערשט אין דער שטילקייט צעגליט דער קאָפּ, און ווי גע־וואָרן אויפֿגעזאָטן אין הייס וואַסער. ווי לאַנג עס האָט געהילכט, געריסן, האָט זיך ס׳האַרץ געצאַפּלט, ס׳בלוט געוואָרן אויפֿגעקאָכט, די הענט צונויפֿגעדרייט און געצויגן אין גאַס אַרײַן, צום מאָב — אַרײַן אין אים מיט די נעגל און זיך נישט לאָזן — מ׳זאָל אַפֿילו האַקן איבערן קאָפּ און די ציין זאָלן נעמען אַרויספֿליִען ווי די פֿלע־קער פֿונעם מויל:

— תּמות נפֿשי עם פּלישתּים.

אָבער אַז ס׳איז טויטשטיל — וווּ, אויף וועמען איז זיך דאָ צו וואַרפֿן?

די נאַכט האָט זיך געמוזט אויסנעמען — ס׳קען דען אייביק זײַן נאַכט? די וואָלקנס זיך סוף־כּל־סוף צו צערוקן און אַ טאָג האָט זיך גענומען בעטן גאָר אַ פֿײַן געלעגער אויף די פֿײַכטע גראָזן פֿון די לאָנקעס און איבער די שפּיצן וואַלד. און ס׳האָט זיך אויס־געדאַכט, ווי די שטאָט זאָל שוין האָבן אַרויס פֿון דעם מבול, פֿון אונטער דעם וואָלקנבראָך, און ווו בײַ וועמען ס׳האַרץ האָט זיך גענומען אי פֿרייען, אי שרעקן:

— ווער ווייסט, צי מיט דער נאַכט האָט זיך שוין דאָס אַוועק־געטראָגן צווישן די ליימגריבער פֿון די גלעמבאָקיס, און די בערג זאַמד פֿון די פּיאַסקעס? אָדער ס׳וועט באַלד ווידער, ווי נעכטן, פֿון דאָרטן אַרויס, און זיך נעמען היצלען אין דער שטאָט.

די טירן פֿון די געוועלבער זײַנען אַלץ איינס געבליבן פֿאַרהאַקט. בלויז די אויפֿגעבראָכענע, די צעראַבירטע שטייען שוין אָפֿן. דאָס, וואָס האָט זיך מיט זיי געטראָפֿן, וועט מער נישט טרעפֿן. וואָס האָט מען זיי ווידער צו פֿאַרמאַכן?

אויף אַלע ראָגן שטייען די האָלאָטעס שקצים, וועלכע מ׳האָט אָפּגעגעבן פֿוילן, און זיי שמוצערן, קנאַקן הילכיק מיט די צינגער, ווי פֿריילעכע פֿורלײַט מיט זייערע בײַטשן.

מיט אַ מאָל לויפֿט דאָ אָן אַ ייִד. אַ ייִד? בלויז פֿונעם הילוך: אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ פּאָר שיך. און דער צלם אלקים? אַ שוואַרץ פֿאַרשווּמען שטיק בלוט, מיט בלאָטע און האָר, וואָס זאָל זײַן אַ באָרד, און עס ריטשעט פֿון אים אַרויס:

— אוי, מײַן זון!

און אויב עס האָט נאָך דעם אַלעם נאָך עפּעס געקענט זײַן אַ קלער וועגן אים — נאָך וועמען וועט נאָכלויפֿן אַ שייגעץ פֿון דער האָלאָטע און פּאָכען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ — אויב נישט נאָך אַ ייִד? האָט מען שוין דאָס געקענט הערן פֿון זײַן שרײַען, ווי ער שרײַט:

— כאָליערני זשידזשע... דאָ יאַסנעגאָ פּיערונאַ[12]...

אויפֿן ראָג גאַס שטעלט אים אַ שייגעץ אונטער אַ פֿוס און ער פֿאַלט אַריבער. און דער וואָס יאָגט זיך נאָך אים — קען אים דערווײַל געבן צו פֿאַרזוכן מיטן גראָבן סענקעוואַטן שטעקן. אָבער דער ייִד כאַפּט זיך אויף מיט דעם וואָס ער האָט אַרײַנגעכאַפּט — און נעמט ווײַטער לויפֿן. דאָס געשריי זײַנס פֿאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן:

— אוי, מײַן זון; ער איז נאָך נעכטן אַוועק אין טעאַטער אַרײַן און איז נישטאָ צוריק!

אויף איטלעכן ראָג פֿאַלט ער אַרײַן צווישן שטעקענעס, אָבער ער גליטשט זיך אַדורך צווישן זיי — און לויפֿט. די אויגן קריכן

---

[12] כאָליערעדיקער ייִדליאַק! צום העלן בליץ („כאַפּט דיך אַ דונער!”). —

אים פֿון קאָפּ: אפֿשר וועט ער אים פֿאַרט דאָ ערגעץ זען ליגן? שקצים פֿון איין האַלאַטע האָבן זיך געיאָגט נאָך אים און אים געשלאָגן, אָבער זיי זײַנען אָפּגעשטאַנען, אי פֿון יאָגן זיך נאָך אים, אי פֿון שלאָגן; שקצים פֿון אַן אַנדערער האַלאַטע האָבן זיך געיאָגט נאָך אים און אים געשלאָגן, — און אויך מיד געוואָרן פֿון יאָגן זיך און פֿון שלאָגן: מיט יעדן טאָג האָבן זיך געביטן די שלעגערס, ער איז זיי אַלע איבערגעקומען, און ער לויפֿט, מיט די לעכער אין קאָפּ. ס'בלוט גיסט זיך איבערן פּנים, און ער פּאַכעט מיטן לעבעדיקן שטיקל האָרץ:

— וואָס ווייסט איר, הימלען, פֿון מײַן זון צו זאָגן?

פֿון אַ קליין צעקרימט געסל קומט־אַרויס די עגלה: דאָס פֿערדל שטרעקט דעם קאָפּ, פּאַכעט רירעוודיק מיט די זשעבערעס [13] — קוים וואָס עס שלעפּט זי. די עגלה סקריפּעט מסוכנדיק אויף דעם צע־לעכערטן ברוק, ווי מ'וואָלט זי געשלעפּט איבער די שטיינער מיט שטריק.

עטלעכע ווײַבער האַלטן זיך אָן אין איר, אַזוי ווי די עגלה וואָלט געווען עפּעס אין וואָס ס'איז זיך דאָ אָנצוהאַלטן; אַ ווײַבערישע לוויה, אָן מאַנסלײַט. ווו איז אַ חבֿרה־קדישא־מאַן? ווער וועט אים זײַן רעכט טאָן? זינט ווען זײַנען ווײַבער מקבר אַ מת — בײַ ייִדן? די לוויה גייט שטיל, זי רײַסט נישט אײַן קיין הימלען, קערט נישט קיין וועלטן, גראָד ווי דער בר־מינן וואָלט זיך מיט קיין איינער פֿון זיי נישט אָנגעקערט און זאָל האָבן אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל; און אַזוי ווי מ'קען אים דאָך, נאָך אַלעם, נישט לאָזן ליגן, האָט מען אים אויפֿ־געהויבן פֿון דער ערד, און מ'גייט אים ברענגען צום גרעבער — ער וועט שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט אים.

דאָס פֿערדל ציט און ציט, פּרײַכט, און די עטלעכע ווײַבער, וואָס העלפֿן דעם אַרויס מיטן שטופּן, זײַנען פֿאַרטאָן, פֿאַרמוטשעט פּונקט

---

[13] ריפּן.

ווי די גאַנצע שטאָט איז עס, דער טאָג איז עס, און אויך דער הימל. די לוויה האָט זיך שוין אַדורכגעשוואַרצט די אַלע גוטע ערטער, ווו די שקצים רודערן, און עפּעס מיט ניסים, אַז זי איז אַרויס בײַ זיי מיט גאַנצע ביינער. ס'איז דאָ שטיל, ווו זי גייט... ס'איז אויף די זשעלאָנקעס... ס'שמעקט מיט פּעלד... מיט כאַלופּקעס... צעוויגטע ביימער... און די ווײַבער נעמען שוין גיכער אַוועק די הענט פון איר... זיי ברויכן איר נישט מער צוהאַלטן ווי פּריִער אויף די צע־בויקערטע[14] געסלעך, ווו זי האָט זיך געהוידעט, נאָר אומצופאַלן. זי איז שוין אַריבער דעם כענטשינער שאָסיי און אַרײַן מיט די רע־דער אין דער אויסגעטרעטענער קאָליע, וואָס גייט־פאַרבײַ ערלעכס קאַלכאויוון, און די עגלה האָט ערשט גענומען נאָכגיין דעם פערדל. און גראָד דאָ, ווו ס'איז זיך נישט געווען צו ריכטן אויף גאָר, אַזוי נאָענט פונעם בית־עולם, האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ייִדענע פונעם פעלד, מיט אַ פּאַטשיילע איבערן קאָפּ און צערייצט ווי אַ לייב:

— זי וויל זען, וועמען זיי פירן אויפן גוטן־אָרט. זי וועט נישט לאָזן די עגלה זאָל זיך אַוועקרירן פונעם אָרט ביז זי וועט ניט זען דעם טויטן!

די ווײַבער, צעשראָקענע אויף טויט, ווערן גלײַך צוריק שטיק־לעך מענטשן, אַזוי ווי זיי דערזעען נאָר אַז ס'איז אַ פּשוטע ייִדענע, און מאַכן אויף איר אַלע די מײַלער:

— וואָס ליגט איר דאָ באַהאַלטן, אַרום דעם גוטן־אָרט?

— און צו וואָס ווילט איר זען דעם טויטן?

ענטפערט זי:

— איר זון איז זינט נעכטן אַוועק אין טעאַטער אַרײַן און נאָך נישט געקומען אַהיים, וויל זי זען, וועמען זיי פירן דאָ אַרויס?

אַ נאַכט רוקט זיך אָן, שוין די צווייטע, נאָר אַ שטילערע; די כוחות האָבן זיך, אַ פּנים, אויסגעשעפּט, געוואָרן אויסגעוועפּט, און

---

[14] צעבראָכענע.

צעשלעפּט דורכן טאָג; די האָלאָטע שקצים האָט זיך צעשיט, אַזוי ווי נאָך אַ גוטן און אַ געשמאַקן יאַריד, און ס׳קלעפּט זיך צו די נאַכט, אַ דערשטיקטע, אַ דערדריקטע, וואָס גיט ווען־נישט־ווען אַ ציטער. אַ שאָס רײַסט זי אויף, ווי אַ שאַרפֿער קנאַל פֿון אַ בײַטש, און זי בלײַבט צוריק טויבשטום, טוליעט זיך צו צו די ווענט פֿון די הײַזלעך ווי אַ שוואַרצער בער, מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַן אָפֿן מויל, פֿון וועלכן ס׳קוקן־אַרויס ווײַסע, שאַרפֿע ציין.

אַ שטיל געוויין רינט ערגעץ, רינט דיך, שפּיציק, ווי פֿון אַ נאָדל אַראָפּ, און וואָלט געשניטן שטיקלעך פֿון דער נאַכט מיט אַ קליין מעסערל, אַ געוויין וואָס שטייט בײַ וועמען אײַן און וויל נישט אויפֿהערן גיין און גיין.

די שטאָט איז אַ שטילע, כּמעט אַ לעגענדאַרע, אַ פֿאַרכּישופֿטע, ווי אַ בת־מלכּה — אַן אויסגעטראַכטע. דאָס קליינע וואַסערל, וואָס גייט איר פֿאַרבײַ, איז ווי אַ לידל פֿון אַ פּאַסטעכס פֿײַפֿערל. פֿון אַ סך ווענט איז נאָך נישט אָפּגעהויכט דער שימל פֿון דער ערשטער פּוילישער חלוקה. אַ ווײַסער אָדלער אויפֿן מאַרק, ראָג קליינע גאַס, אונטער די פֿולאַרן — אין דעם הויז זאָל נאַפּאָלעאָן האָבן איבערגענעכטיקט. אַ שטיין אויף דער טאַדעושאַ גאַס, נעבן באַזאַר, דאָ האָט קאָשציושקאָ געלאַגערט מיט זײַנע חיילותן. עפּעס אַ שטיינערנער האָרן אויף אַ וואַנט פֿון אַ שלאָס — אין גאָרטן; אַ זונזייגער, אַ פּנים ווי ער זאָל שוין האָבן אויף זיך די יאָרן. אומעטום, ווו מ׳גיט זיך אַ קער, רופֿט זיך עפּעס אָן, וואָס דערמאָנט אין דער שליאַכטע [15] און אין דעם קרייען פֿונעם גאָלדענעם האָן.

און אַזוי אַלט ווי זי איז פֿאַר די גויִים מיט איר שווערער קאַטעדרע, פּיסקופּן [16], אַזוי יונג איז זי פֿאַר די ייִדן. זיי האָבן בלויז געמעגט אַרײַנקומען אין איר האַנדלען, וואַנדלען, איבערן טאָג און אויף דער נאַכט, חלילה, נישט אַוועקלייגן דאָ זייערע ביינער. אַפֿילו

---

[15] אַדלקלאָס. — [16] בישאָפֿן.

נישט ווי אין אַנדערע, אַזוינע שטעט ווי קראָקע, וואָס האָט אַ וואַוועל[17], הינטער געטאָ־מויערן; נאָר געמוזט אַרויסהולכן פֿון איר אין דעם קליינעם שטעטל, אין כענטשין, וואָס האָט גראָד אַן אַלטן פֿאַרצײַטיקן שלאָסבאַרג, אַ ריטערלעכן מסתמא, און קיין עין־הרע בלויז ייִדן. און ווי אַזוי דאָס פּאָרט זיך — ווער קען וויסן? בײַ אַלע אַרײַנגאַנגען פֿון דער שטאָט זײַנען אַוועקגעשטעלט ווי שומרים הייליקע. אויף דער בייזעטשינער גאַס — דער הייליקער וואָיטשעך; אויף דער אַלטער וואַרשעווער גאַס, — דער הייליקער יאָן; אויף דער כמעלניקער ראָגאַטקע — עפּעס אַן אַנדערן יאָקל; אויפֿן סאַמעראָדנעם מאַרק — די הייליקע טעקלע; ווי זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט זיי קעגן די ייִדן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין איר און זיך סוף־כל־סוף אין איר אַרײַנגעשפּאַרט. כאָטש אייניקע, געציילטע, און צוליב זייער גבֿירישקייט — אַוודאי. די קאַמינערס, זאַגײַסקיס, שיינפֿעלדס, פֿרומע ייִדן, אין זײַד און אין אַטלעס, וועלכע האָבן זיך דערנאָך אײַנגעקויפֿט יחוס אין די גרויסע רבישע הייפֿן פֿון גער, אַלעקסאַנדער, נאָוואָראַדאָמסק, ראַדאָשיץ און אַנדערע. צווישן זיי אויך מײַן מאַמעס אַ פֿעטער, דער אַלטער פֿישל בימקאָ, נאָך ווען איך הייס, דער דעמב פֿון אונדזער משפּחה; אַ ייִד אַן אַדיר, וואָס האָט מיט עטלעכע זעכציק יאָר צוריק געפֿירט אַ רבישן טיש און געהאַט די פּראָפּינאַציע[18]; איך געדענק נאָך ווי אין חלום דעם זיידן אַבֿרהם, דעם טאַטנס טאַטן, דעם ברייטן ייִד מיט דער ברייטער, געלער באָרד, אַ ייִד פֿון יענע אַלטע, פֿאַרצײַטיקע ייִדן, וואָס פֿלעגן מיטפֿאָרן מיט די בריקעס בראָנפֿן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אים פֿון די פּריצישע „גאָזשעלניעס"[19]; און זיך געהערט אָנדערציילן פֿון אים, ווי מ'האָט געכאַפּט ייִדן אויפֿן ראַדאָשיצער מאַרק, אין דעם ליכטיקן שטעטעלע פֿון רבין ר' בער — פֿאַר „רעקרוטן".

סך־הכּל: זעכציק־זיבעציק יאָר, ווי די דאָזיקע ייִדן האָבן אַרײַנ-

[17] קעניגן־שלאָס. — [18] רעכט צו האַנדלען מיט אַלקאָהאָל. — [19] ברײַזלעך (וווּ מ'מאַכט שנאַפּס).

געשלאָגן אַ פּלאָקן אין איר. אַ סך געדענקען נאָך, ווי מ׳האָט אַוועק־געלייגט דעם ערשטן בר־מינן. און מ׳האָט אַלע אויפֿדערנאָכט גע־ברויכט אויסקלײַבן ווערמען פֿון זיך, וואָס זאָל אַרויסגיין אויפֿן פֿעלד, ביז ס׳וועט צוקומען נאָך אַ קבֿר, און דער וועט נישט ברויכן מער זײַן אַליין; ס׳וועט אים זײַן היימלעכער מיט נאָך אײַנגעמען.

ס׳גייט מיר נישט אַרויס פֿון קאָפּ דאָס טעאַטער. ווי קומט אַזאַ שטילער פֿאַרטראַכט פֿון אַ טעאַטער, מיט אַזוינע קײַלעכדיקע באַל־קאָנען, שווערע גזימסן, מיט אַזוי פֿיל יאָרן צוריק, צו אַזאַ שטאָט, וואָס איז גאָר קיין שטאָט נישט? וועלכן משוגענעם האָט דאָס גע־קענט אונטערפֿליען?

אויף די ברעטער פֿון דעם שטיקל בינע האָב איך מיך, ווי אַ קינד אַרום אַ בענקל, געלערנט שטעלן די ערשטע טריט. אויף זיי האָב איך צונויפֿגענומען דאָס יונגוואַרג און געשפּילט מיט זיי טעאַ־טער. און כ׳האָב דערבײַ געכאַפּט דעם שניט. ס׳איז מיר עפּעס אַרײַן אין דער נאָז. כ׳האָב נאָך נישט געוווּסט וואָס, דעם סוד פֿון שפּיל, און זאָל זײַן וואָס עס וויל — ס׳איז דערנאָך אַרײַן אין בלוט פֿון מײַ־נע שטיקער, און כ׳האָב דערפֿילט, ווי אַזוי מען דאַרף שרײַבן.

און אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָט איינער פֿון דער האַלאַטע שקצים, ווען פֿוילן האָט נאָך רעכט נישט געוווּסט אויף וועמענס פֿיס זי שטייט און גייט, אײַנגעטונקען אַ האַנט אין פֿאַרגאָסענעם בלוט פֿון די ייִדישע בחורימלעך און זי צוגעלייגט צו דער וואַנט מיט אַלע זײַנע פֿינף פֿינגער, עטוואָס צענומען, ווי אַ כהן בעתן דוכענען:

— וזאת תהיה לכם לאות!

אין קין־צייכן פֿון דעם בלוט איז צוריקגעקומען דײַן ווידער־געבורט און ביסט אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים — — —

... ס׳איז מיר אַוועקגעקומען „די לעגענדע פֿונעם קרושניקער רבֿס באָרד“. דער רבֿ איז געווען זייער אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ווײַ־

סער גרײַזגרויער באָרד, און נאָך דעם ווי די רוסן האָבן אים געשאָסן צי געהאָנגען — איז די באָרד זײַנע אַרומגעגאַנגען איבער די רוסישע פּאָזיציעס און געשראָקן די זעלנער.
זאָל דאָס כאָטש דאָ אויך ווערן דערמאָנט.

י. פּאַפּיערניקאָוו

פון טרויער שלאָגט מײַן ליכט...

מיט איכה האָב איך אָנגעהויבן מײַן געזאַנג,
מיט איכה גייט־אַוועק מײַן יעדער טאָג,
ס׳באַגלייט אַ טרויער־ניגון מיך אין גאַנג
און כ׳קלאָג...

נאָר ס׳איז נישט אַזוי שלעכט מיר, ווי דער פרעמדער מיינט,
און כ׳בין נישט אַזוי אָרעם, ווי מען זעט:
פון טרויער שלאָגט מײַן ליכט, און כ׳בין געקריינט,
ווען כ׳בעט...

ווארשע 1924

צו דער כאַראַקטעריסטיק

פון פּאָגראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור

בלעטער פֿון געשיכטע, שפּראַכפֿאָרשונג, קריטיק און זכרונות

אַברהם שאַמער (בן שמ״ר)

צו דער פראַגע וועגן אַנטיסעמיטיזם *

אַנטיסעמיטיזם, ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם אַלגעמיינעם זין פון דעם וואָרט, איז אַ שׂנאה צו דעם ייִדן אומעטום ווו ער געפינט זיך.

עס איז פאַלש, אַז נאָר געוויסע קלאַסן מענטשן פילן די שׂנאה צום ייִדן. אַ גענויע אונטערזוכונג ציַיגט־איבער, אַז אַלע קלאַסן, אָן אויסנעם — די געלערנטע פונקט ווי די אומוויסנדיקע, קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע, אינטעליגענטע און פראָסטע — אַלע פילן אַ שׂנאה צום ייִדן.

אויך געפינען מיר, אַז ניט נאָר די אַריער האָבן פיַינט ייִדן, נאָר די סעמיטן טראָגן גראָד פונקט אַזאַ שׂנאה צו זיי ווי די אַנדערע. דאָס מערקווערדיקסטע אָבער איז דאָס, וואָס מיר זעען, אַז ייִדן אַליין פאַרטראָגן זיך מיט דער זעלביקער שׂנאה צו ייִדן ווי אַלע אַנדערע קלאַסן מענטשן.

ס׳זיַינען דאָ זייער אַ סך ענטפערס אויף דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם און אַן ערנסטער אַנאַליז פון זיי ציַיגט־איבער, אַז די אַלע מיינונגען און אַרגומענטן זיַינען וויַיט פון אמת, דערצו מערקווערדיק אומלאָגיש און סתירהדיק.

אָט זיַינען ענטפערס, פאַר וואָס מען האָט פיַינט דעם ייִדן, נאָר אַ טייל פון די פיל, וואָס מען געפינט אין די אומצייליקע ביכער

---

* דאָס נייַע לעבן, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1910, זז׳ 562—569. אַברהם שאָמער, דער זון פון נחום־מאיר שיַיקעוויטש (שמ״ר), געקומען אין 1891 (צו די 15 יאָר) אין אַמעריקע, פּאָפּולער ווי „דער אַדוואָקאַט פון די אימיגראַנטן״, האָט אין 1903 געהאָלפן שאַפן דעם קאָמיטעט פאַר די געליטענע פון קעשענעווער פּאָגראָם און אין 1904 אַרויס מיט דער איניציאַטיוו צו שאַפן אַ ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, און איז אויך געווען דערפאָלגריַיך ווי אַ דראַמאַטיקער אין ייִדיש און ענגליש. — רעד׳.

איבער דעם קעגנשטאַנד: די שׂנאה קעגן יידן איז, ווײַל דער ייד איז אַ סעמיט; ווײַל ער האָט אַ באַזונדער רעליגיע; ווייל ער גלייבט אין קיין זאַך ניט; ווײַל ער לעבט אָפּגעזונדערט פֿון אַלע פֿעלקער; ווײַל אומעטום שטופּט ער זיך אַרײַן; ווײַל אין דעם עקאָנאָמישן קאַמף איז ער פֿעיִקער און אומדערמידלעכער ווי אַנדערע; ווײַל ער איז אַ פֿוילענצער און וויל ניט אַרבעטן; ווײַל ער איז קאָנסערוואַ־טיוו; ווײַל ער איז ראַדיקאַל; ווײַל ער איז דער קאַפּיטאַליסט פֿון דער וועלט; ווײַל ער איז אַן אָרעמאַן און אַ שנאָרער; ווײַל ער איז ניט קיין פּאַטריאָט; ווײַל ער האָט קיין לאַנד ניט; ווײַל ער איז אַ פּאַטריאָט און וויל צוריק באַקומען זײַן אַלט לאַנד; ווײַל ער איז אַ קעמפֿער און רעוואָלוציאָנער; ווײַל ער איז אַ פּחדן; ווײַל בײַ די פֿעלקער איז די שׂנאה צו די יידן אַ געבוירענע; ווײַל די פֿעלקער לײַדן פֿון אייגענע צרות און מיינען, אַז דער ייד איז אין זיי שולדיק; ווײַל דער ייד איז אַן אידעאַליסט; ווײַל ער איז אַן אָפּנאַרער און שווינדלער; ווײַל ער איז אַ שאָוויניסט; ווײַל ער איז אַ נידעריקער מה־יפֿיתניק; ווײַל ער איז אַ מערדער און באַניצט זיך מיט קריסט־לעך בלוט; ווײַל בײַ יידן עקסיסטירט אַ געהיימער פֿאַרבאַנד פֿון אחדות; ווײַל בײַ יידן איז קיין אחדות ניטאָ, אאַז״וו, אאַז״וו.

ווען מען לאָזט זיך אַרײַן נישט־צוגעגרייט אין דער פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם און אין די פֿאַרשיידענע ענטפֿערס, וואָס זײַנען אויף איר געגעבן געוואָרן, איז גראַד ווי מען זאָל זיך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַרונטערלאָזן אין אַ לאַבירינט און נאָך דעם וועלן טרעפֿן דעם וועג אַרויס. דוכט זיך אַזוי פֿיל טירן און דאָך קיין אויסוועג נישט. פֿאַרקערט, אָט טאַקע די פֿיל טירן מיט זייערע פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן צעטומלען נאָך מער דעם געדאַנק און מאַכן אוממעגלעך דעם ריכ־טיקן וועג צו געפֿינען.

כּדי צו קומען צום אמתן ענטפֿער אין דעם לאַבירינט פֿון דער אַנטיסעמיטיזם־פֿראַגע, מוז מען זיך פֿעסט האַלטן בײַ דעם ראַטע־וועגדיקן פֿאָדעם פֿון וויסנשאַפֿט.

*

די שרײַענדיקע ווידערשפּראָכן אין די פֿיל ענטפֿערס אויף דער פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם צײַגן־איבער קלאָר, אַז קיין איינער פֿון די דאָזיקע ענטפֿערס ברענגט נישט אַרויס די סיבה פֿון דער שׂנאה קעגן יידן. מיר קומען דערפֿאַר צו דעם זיכערן פּונקט, אַז קעגן דעם יידן הערשט אַ פֿאָראורטל. אָט דער פֿאָראורטל איז ניט דער

רעזולטאַט פֿון וועלכער עס איז איינציקער אָדער פֿון עטלעכע אָדער אַלע באַשולדיקונגען קעגן ייִדן, נאָר פֿאַרקערט, אַלע באַשולדיקונגען קעגן זיי זײַנען דער רעזולטאַט פֿון פֿאַראורטל.

אויף דעם פֿאַראורטל קעגן ייִדן שטעלן זיך אָפּ אַלע וואָס האָבן שטודירט די פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם, אָבער דער טעות, וואָס זיי מאַכן, איז דאָס, וואָס אַנשטאָט צו נעמען דעם גלײַכן וועג, וועלכן דער פּונקט ווײַזט־אָן, און פֿאַרזיכטיק באַטראַכטן די סיבה פֿון דעם פֿאַראורטל, גייען זיי גאָר אַוועק אין פֿאַרשיידענע פֿאַלשע ריכטונגען און ווערן דעריבער פֿאַרלוירן אין דעם לאַבירינט פֿון די פֿאַרשיידענע ענטפֿערס.

... די וויסנשאַפֿט פֿון דער פּסיכאָלאָגיע ווײַזט־אָן אויף פֿאַראורטלען ווי אַן עמאָציע, אַ געפֿיל וואָס ווערט אַרויסגערופֿן פֿון אַ ניט־קלאָרקייט אין געדאַנק וועגן אַ געוויסער זאַך. מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז דער געדאַנק, ניט באַגרײַפֿנדיק קלאָר אַ געוויסע זאַך, רופֿט־אַרויס דאָס געפֿיל פֿון פֿאַראורטל, וואָס איז פֿאַר אָדער קעגן דער זאַך. אין דעם פֿאַל פֿון ייִדן איז דאָס געפֿיל פֿון פֿאַראורטל קעגן אים. אַזוי ווי פֿאַראורטל ווערט אַרויסגערופֿן דורך דעם קעגנשטאַנד אָדער דער דערשײַנונג, וועלכע מען פֿאַרשטייט ניט, און אַזוי ווי עס עקסיסטירט אַ פֿאַראורטל קעגן ייִדן, איז עס קלאָר, אַז דער ייִד רופֿט־אַרויס דעם פֿאַראורטל קעגן זיך. שווימט אַרויף די פֿראַגע: מיט וואָס אָדער ווי אַזוי רופֿט דער ייִד אַרויס דעם פֿאַראורטל קעגן ייִד?

*

זייער אָפֿט האָבן מיר באַגעגנט די פֿאָלגנדיקע מערקווערדיקע דערשײַנונגען: ווען ייִדן קומען אין באַרירונג מיט אַנדערע קלאַסן מענטשן, וואָס וויסן ניט אַז זיי זײַנען ייִדן, איז דער פֿאַראורטל ניטאָ. ווי נאָר אָבער מען דערוויסט זיך, אַז זיי זײַנען ייִדן, דערשײַנט דער פֿאַראורטל אַזוי ווי דורך אַ כּישוף. אויפֿן זעלביקן אופֿן האָבן מיר געזען, אַז ווען מ׳נעמט־אָן על פּי טעות ניט־ייִדן פֿאַר ייִדן איז דאָ דער פֿאַראורטל קעגן זיי. אָבער ווי נאָר עס קומט־אַרויס דער אמת, אַז זיי זײַנען ניט קיין ייִדן, פֿאַרשווינדט דער פֿאַראורטל ווי דורך אַ צויבער.

באַטראַכטנדיק די דאָזיקע מאָדנע דערשײַנונגען מיט אַ קריטישן אויג, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז דער פֿאַראורטל איז ניט קעגן דעם ייִד, נאָר קעגן דעם נאָמען ייִד. ווען מ׳ווייסט ניט, אַז דער

ייִד איז אַ ייִד, באַהאַנדלט מען אים ניט ערגער ווי אַנדערע. קוים אָבער דערוויסט מען זיך דאָס, אַזוי באַקומט מען וועגן אים אַ פֿאָראורטל. מיר קומען, אַזוי, צו דעם נאָמען ייִד, ווי די אורזאַך פֿון דעם פֿאָראורטל. דער נאָמען ייִד איז דער נאָמען פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק.

ווייסנדיק, אַז ניט דער מענטש־ייִד רופֿט אַרויס דעם פֿאָראורטל, נאָר דער נאָמען־ייִד, און ווייסנדיק אַז דער נאָמען נעמט־אַרום דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק, קומען מיר צום פּאָזיטיוון פּונקט, אַז עס מוז אין דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק זײַן עפּעס, וואָס רופֿט־אַרויס אַ פֿאָראורטל קעגן אים.

מיר הייבן־אָן אונטערזוכן דעם פּונקט און מיר קומען צו אַ נײַעם שטעל. מיר זעען פֿאַר זיך צוועלף מיליאָן מענטשן, וואָס רופֿן זיך מיטן נאָמען ייִד. פֿון זייער געשיכטע ווייסן מיר, אַז זיי זײַנען אַמאָל געווען אַ טעריטאָריאַליסטיש פֿאָלק מיט געוויסע מאָראַלישע געזעצן און פּראָפּעטישע לערעס פֿאַר זײַן עקסיסטענץ. מיר זעען אויך אײַן, אַז כאָטש זיי האָבן זייער טעריטאָריע פֿאַרלוירן און זײַנען צעשפּרייט איבער דער וועלט, האָבן זיי דאָך ניט פֿאַרלוירן זייער נאַציאָנאַל באַוווסטזײַן און זײַנען אָנערקענט פֿון אַנדערע — און רופֿן זיך אַליין מיט דעם נאָמען — ייִדן. זיי דערקלערן נאָך אַלץ, אַז זיי, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק, שטייען פֿאַר די געזעצן און לערעס פֿון זייערע נביאים.

מיר באַגרײַפֿן דעריבער, אַז דאָס דאָזיקע פֿאָלק האָט אַ גײַסטיקן צוועק מיט זײַן לעבן. און ווײַל עס איז פֿאַרשפּרייט צווישן די פֿעלקער און וויל נישט אויפֿגעבן זײַן קערפּערלעך לעבן ווי ייִדיש פֿאָלק, שטעלט עס פֿאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע קערפּערשאַפֿט.

לאָמיר זשע אַ קוק טאָן אויף דער דאָזיקער קערפּערשאַפֿט און זען, ווי זי זעט־אויס.

מיר זעען פֿאַר זיך ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע ייִדישע קערפּערשאַפֿט, ניט קיין אינטערנאַציאָנאַל ייִדיש פֿאָלק, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע מענגע פֿון ייִדן.

עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן אַ קערפּערשאַפֿט און אַ מענגע. אַ קערפּערשאַפֿט פֿון מענטשן אַנטהאַלט אין זיך געוויסע פּאָזיטיווע עלעמענטן, וואָס שטעלן זי צוזאַמען. אַ קערפּערשאַפֿט פֿון מענטשן האָט אַן איינהייט פֿון נאָמען, איינהייט פֿון צוועק און איינהייט פֿון פֿאָרשטייערס. אַ מענגע פֿון מענטשן, דערקעגן, איז אַ מאַסע אין אַ צושטאַנד פֿון תוהו־ובוהו, אָן די דאָזיקע איינהייטן. אַפֿילו ווען די מאַסע מענטשן האָט די איינהייט פֿון נאָמען, נאָר עס פֿעלן

איר די אַנדערע צוויי עלעמענטן, איז זי ניט קיין באַשטימטע קערפּערשאַפֿט, נאָר אַ מענגע. נאָך מער, ווען זי האָט, חוץ אײנהייט פֿון נאָמען אויך די אײנהייט פֿון צוועק, נאָר עס פֿעלט איר דער דריטער עלעמענט, די אײנהייט פֿון פֿאַרשטייערס, איז זי ניט קיין באַשטימטע קערפּערשאַפֿט, נאָר אַ מענגע.

די צוועלף מיליאָן ייִדן, זעען מיר, פֿעלט צוויי אָדער אײן עלעמענט. זיי האָבן די אײנהייט פֿון נאָמען. אומבאַוווּסט האָבן זיי אפֿשר אויך אײנהייט אין אַ גײַסטיקן צוועק; אָבער דער דריטער עלעמענט, וואָס איז דער ווichtיקסטער — פֿאַרשטייערס — דאָס פֿעלט דאָ געוויס. און דערפֿאַר איז דאָס ייִדישע פֿאָלק אַן אַבנאָרמאַלע קערפּערשאַפֿט, אַ מענגע, וועלכע טראָגט אַ נאָמען, לעבט מיט אַ ניט־פֿעסטגעשטעלטן צוועק און עקסיסטירט אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד.

בעל־מחשבות

צו דער סדרה פּאָגראָמען *

— 1 —

פֿריִער איז געווען דער דיריזשאָר פֿון דער טײַוולאָנישער פּאָגראָם־מוזיק גרויס־רוסלאַנד. איצט אָבער, ווען רוסלאַנד איז זיך שטיקערווײַז צעפֿאַלן אין 101 רעפּובליקן, האָט זיך יעדער מדינהלע איר פּאָגראָם־קאַפּעל־מײַסטער און איר פּאָגראָם־קאַפּעליע. דעם שענסטן קאַפּעל־מײַסטער האָט דערווײַל אוקראַיִנע, דאָס געבענטשטע לאַנד, וואָס האָט זיך זײַנע מאַמעלישעס, זײַנע גריצקעס [1] און אויך אַן אײגענעם פּאָעט, טאַראַס שעווטשענקאָ.

מיר לייענען אַלע טאָג וועגן פּאָגראָמען און פּאָגראָמלעך. אַלע ווײַלע באַקענען מיר זיך מיט אַן עקל און ביטערער פֿאַראַכטונג מכּוח די גרויסע טאַטן פֿון די אָנהענגערס פֿון די סאָציאַליסטישע „ראַדעס“ [2] און סאָוועטן אויסן גוף פֿון אַן אָרעמען ייִדל, אַן אומבאַ־

---

* פֿון בוך געזאַמלטע שריפֿטן א״ט אונטערן ראַד, נ״י 1927. הגם דער דאָזיקער אַרטיקל איז געשריבן אויף אַ טאָגטעמע, זײַנען אין אים דאָ געדאַנקען, וועלכע זײַנען פֿון 1918 אַקטועל אויך אין 1976. — רעדאַקציע פֿון מעסטערווערק.

[1] אוקראַיִנער מאַכלים. — [2] ראָטן.

שיצט ייִדיש מײדל און דאָס גלײַכן — און מיר האָבן אַפֿילו ניט די
נחמה פֿון אַמאָל, ווען מיר פֿלעגן שיקן מעמאָראַנדומס צו דער לײַט־
זעליקער אײראָפּע און צו דער פֿרײַער אַמעריקע, און געהאָפֿט צו
זען אַ נקמה כאָטש דעריך, וואָס אַ ראָטשילד וועט קיין אײַנטייל ניט
נעמען אין אַ צאַרישער הלוואהלע. איצט איז רוסלאַנד אָפּגעשניטן
פֿון דער גאַנצער וועלט. עס האָט זיך אַליין אויסגעשלאָסן פֿון דער
אײראָפּעיִשער קולטור, עס האָפֿט שוין סײַ ווי סײַ ניט אויף הלוואות
פֿון דרויסן. און אַלע אונדזערע פּראָטעסטן, וואָס האָבן אויף אַ ווײַלע
אונדז אַמאָל געגעבן אַ האָפֿענונג, האָבן איצט קיין שום ממשות ניט.

עס האָט אויך קיין ממשות ניט, וואָס מיר וועלן קלאַפּן אין די
טירן פֿון די העכסט־סאָציאַליסטישע ראָטן. ווען זיי וואָלטן אַפֿילו
געוואָלט אײַנשטילן אַ ייִדישן פּאָגראָם — זײַנען זיי דאָס אויך ניט
בכוח צו טאָן. און די ייִדן און ייִדעלעך, וואָס זיצן אין די קאָמיסאַ־
ריאַטן, זײַנען אַליין ניט זיכער, אַז הײַנט־מאָרגן זאָל מען מיט זיי
ניט אָפּשלאָגן כּפּרות, ווי מיט אַ גימנאַזיסט אין קיִעוו און אַ ייִדן
אין גלוכאָוו. אויב די פּאָגראָמען האָבן פֿאַר זיי יאָ אַ שטיקל אײַנ־
טערעס, איז עס נאָר דערפֿאַר, וואָס די פּאָגראָם־כוואַליע קאָן זיי
אויך פֿריִער אָדער שפּעטער דערגיין ביז צום האַלדז. נאָר דער פּחד
פֿאַר דער צעבושעוועטער מאַסע, וואָס פֿילט זיך פֿרײַ פֿון אַלע קייטן,
צווינגט זיי אַ מאָל צו ווערן בײַ זיך ניט זיכער און אַרויסטרעטן אַ
מאָל מיט אַ חריפֿותדיקן פּילפּול קעגן אַ ייִדישן פּאָגראָם. נאָר אַזוי
ווי די סטעפּקעס און וואַניושעס [3] האָבן פֿײַנט זיך צו גראָבן אין די
פּילפּולדיקע פּראָטעסטן פֿון אַ ייִדישן קאָמיסאַר, דעריבער האָבן אויך
די פּראָטעסטן דעם ווערט פֿון אַ בלאַט פּאַפּיר, ווו סטעפּקע ווײקלט־
אײַן אַ געגנבֿעטן פֿונט צוקער.

מען מוז זיך קלאָר מאַכן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז קעגן דער
איצטיקער פּאָגראָם־כוואַליע שטייען מיר בלויז און נאַקעט, ווי מען
האָט אונדז געבוירן. עס איז ניטאָ אַפֿילו די קלענסטע אילוזיע. עס
איז ניטאָ וואָס צו האָפֿן אויף אונדזערע ראַדע־מיניסטאָרן אַדוני זיל־
בערפֿאַרב אָדער אַדוני בערטאָלדי־לאַצקי [4]. עס איז אַפֿילו ניטאָ וואָס
צו האָפֿן אויף אונדזער קריגס־מיניסטער, דעם באַפֿעל־האָבער אי־
בער אַלע כּלי־זיין פֿון רוסלאַנד — טראָצקי. פּוסט איז אויך די

[3] רוסישע נעמען פֿון יונגער חברה. — [4] אין פּרילינג פֿון דער רוסישער רע־
וואָלוציע זײַנען זיי געווען אין דער רעגירונג פֿון אוקראַיִנע.

האָפֿענונג אויף די דײַטשן, וואָס גייען־אַרײַן אין די אײַנגענומענע שטעט אין איינעם מיט אוקראַיִנע. זיי האָבן גרעסערע דאגות, ווי זיך אַרײַנצולאָזן אין אַ קאָנפֿליקט מיט דעם „זיגרײַכן אוקראַיִנע“ צוליב אַ צעבראָכן יידיש הויז, צוליב אַ צעבראָכענעם יידישן שאַרבן. עס איז אויך קנאַפּ וואָס צו האָפֿן אויף דער מאָגערער קו, די יידישע זעלבשוץ, בײַ וועלכער מען נעמט נאָך צו פֿאַר אַ פּאָגראָם די פּאָר פֿאַרזשאַווערטע רעוואָלווערן און ביקסן.

— 2 —

איטלעך מאָל, ווען עס הייבט זיך אָן אַ פּאָגראָם־כוואַליע, מאַכן מיר, ייִדן, אַ פּנים ווי דאָס וואָלט אונדז געקומען פֿון דער העלער הויט. אויך איצט שרײַען מיר און גוואַלדעווען גלאַט אין דער לופֿט אַרײַן, אַקוראַט ווי מיר וואָלטן ניט געוווּסט אַפֿריִער, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע מוז קומען. אפֿשר איז די תּמעוואַטע פֿאָרעם, ווי מיר זײַנען מקבל די בשׂורות פֿון אַ פּאָגראָם, אַ נאַטירלעכע זאַך. בשעת מען גייט צום צײַנדאָקטער זיך אַרויסרײַסן אַ צאָן ווייסט מען גאַנץ גוט, אַז עס וועט טאָן שטאַרק וויי, און מען זעצט זיך אַרײַן אין פֿאָטעל מיטן פֿעסטן הסכּם צו דערטראָגן דעם שמאַרץ ווי אַ מאַנסביל. באַרירט אָבער דעם צאָן דאָס זילבער־בלישצענדיק צווענגל, רײַסט זיך אַרויס בײַ אונדז אַ ניט־מענטשלעכער קול. דער גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך ווי אין אַ ווילדן שטורעם. דאָס אייגענע איצט, ווען דײַן יידישן גוף האָט אַרומגענומען די פּאָגראָם־כוואַליע, וועלכע מיר האָבן שוין פֿאָרויסגעזען אין דעם גאַנצן קריג. מיר האָבן געוווּסט, אַז ווי דער קריג זאָל זיך ניט פֿאַרלויפֿן — דער פּאָגראָם מוז קומען. ער וועט קומען פֿונעם זיג, ווי פֿון דער מפּלה; ער וועט קומען בײַ דער מאָביליזאַציע און בײַ דער דעמאָביליזאַציע; ער וועט קומען אין טאָג ווען די רעוואָלוציע וועט זיגן, ווי דעמאָלט ווען קאָרנילאָוו וועט קומען צו רײַטן אויף זײַן פֿערד מיט קאָזאַצקע נאַגײַקעס; ער וועט קומען פֿון די אָטשערעדן[5] בײַ די קראָמען, ווי בײַ דער צעטיילונג פֿון דער שפּײַז אויף די פֿעלדער; ער וועט קומען אין שטאָט, אין דאָרף, אין די הויפּטשטעט און אויף די דאַטשעס. מיט דעם געדאַנק פֿון קומענדיקן פּאָגראָם האָט מען זיך אײַנגעלעבט, ווי מיט אַן אַלטער כראָנישער קרענק, ווי מיט אַ מכּה פֿון וועלכער

[5] לאַנגע רייען.

מען וועט קיין מאָל ניט פּטור ווערן. ווען די ערשטע רעוואָלוציע־טעג זײַנען פֿאַרבײַ אָן ייִדישע געשפּאָלטענע שאַרבנס, האָט מען זיך געוווּנדערט ווי אויף דער פֿאַראָרדענונג פֿון אַ געטלעכן געזעץ. ווען די גרענעצשטעט פֿון די פֿראָנטן מינסק, דווינסק און אַנדערע זײַנען אָפּגעקומען אָן פּאָגראָמען בײַ דער דעמאָביליזאַציע, האָט מען געזען דערין השגחת הבורא. אַ גליק האָט זיי געטראָפֿן: דער דײַטש איז געקומען פֿריִער. ווען דער „הײַנטיקער פּסח“ איז פֿאַרבײַ אָן אַן עלילת־דם און אַ פּאָגראָמטשיקל, האָט מען דאָס נאָר צו פֿאַרדאַנקען דער מהומה אין רוסלאַנד, וווּ קיין זאַך איז ניט נאָרמאַל. דאָס, וואָס דער אָטשערעדנער פּאָגראָם איז ניט געקומען, דערקלערט זיך פּונקט אַזוי, ווי עס קומען ניט אָן אין פּעטערבורג די וואַגאָנעס מעל, וואָס פֿאָרן אַ חודש צײַט פֿון סאַראַטאָוו קיין מאָסקווע. אויב עס פֿלעגט זיך יאָ באַווײַזן אַ מיינונג, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע וועט ניט קומען, האָט זיך דאָס גענומען פֿון דער שוואַכער האָפֿענונג, אַז ווען אַלץ גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, וועט אפֿשר אויך בנוגע צו אַ ייִדישן פּאָגראָם זײַן ניט אַזוי ווי עס פֿאָדערט זיך געוויינלעך. סוף־כּל־סוף איז בײַ אַלעמען געווען אַ פֿעסטע איבערצײַגונג, אַז פֿון אַ פּאָגראָם וועלן מיר זיך ניט אויסקויפֿן. און פֿון דעסט וועגן, בשעת די פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך אָנגעהויבן, שטייען מיר מיט פֿאַרביטערטע, פֿאַרקלעמטע הערצער און שרײַען מיט אַ קול, ווי דאָס דאָזיקע אומגליק וואָלט אונדז צום ערשטן מאָל פּאַסירט, צו וועלכן מיר וואָלטן געקאָנט זיך צוגרייטן און קעגן וועלכן מיר וואָלטן זיך געקאָנט ווערן.

ס׳איז שוין צײַט, די העכסטע צײַט, אַז אַ ייִד אין רוסלאַנד זאָל זיך קלאָר מאַכן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל דעם פֿאָלגנדיקן געדאַנק: צי איז ניט גלײַכער אָפּצושאָקלען דעם רוסישן שטויב פֿון די פֿיס, אַבי ניט לעבן אייביק אין אימת־מוות פֿאַר פּעריאָדישע פּאָגראָמען, אָדער צי נעמט ער אויף זיך און זײַנע קינדער באַהבֿה די מכּה פֿון פּאָגראָמען, אַבי נאָר מיטצולעבן דאָס לעבן פֿון די סלאַווישע אומות, וואָס קרענקען איצט און וועלן נאָך דורות לאַנג דורכקרענקען זייער קולטור, זייערע פֿרײַהייטן און זייערע גערעכטיקייט־געפֿילן?

פֿאַר מיר, ווי איינעם פֿון די וואָס לעבן דורך זייער חלום פֿון אַ פֿולקומענער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג, איז די איצטיקע פּאָגראָם־כוואַליע — ווי די קומענדיקע — נאָר אַ באַשטעטיקונג, אַז ניט נאָר מיר זײַנען פֿרעמד צום סלאַווישן גײַסט, נאָר אויך אונדז איז ער פֿרעמד. דער מיטעלער ייִד מיינט, אַז ער פֿאַרשטייט און קען דאָס לאַנד, וווּ ער האָט פּרנסה, צי אַ סוחרישע צי אַן אינטעליגענטישע.

אפֿשר קען ער זײַן מאַרק, אָבער ער קען ניט זײַן אינעווייניקסטן מהות. אויב עס איז אונדז נאָך מעגלעך געווען זיך אַ ביסל צו אַסימילירן מיט די גערמאַנישע פֿעלקער — איז דאָס לחלוטין אוממעגלעך מיט די סלאַווישע, בײַ וועלכע דער אינטעלעקט שפּילט אַזאַ קליינע ראָליע. אַ מוח־פֿאָלק וועט זיך בשום אופֿן ניט קענען צעמישן מיט אַ פֿאָלק וואָס איז הוילער בלינדער; אַ פֿאָלק, וואָס האָט אין די ערגסטע באַדינגונגען פֿון זײַן לעבן שטענדיק געשטרעבט אויף אַרומצובויען זיך, וועט קיין מאָל ניט קענען גיין מיט אַ פֿאָלק בײַ וועלכן די גאַנצע ענערגיע דריקט זיך אויס אין צעשטערונג. אַלע אונדזערע בלוטיקע קרבנות, וואָס מיר לייגן אויפֿן מזבח פֿון רוסלאַנדס אַנטוויקלונג, זײַנען קרבנות וואָס וועלן פֿון קיין גאָט ניט ווערן אָנגענומען, ווײַל דאָס אָפּערבלוט פֿאַרדעמפּט אין אַ גרויער פּראָסטיקער סבֿיבֿה. און נאַריש זײַנען די הײַנטיקע, וואָס ווילן ווי אַמאָל דערקלערן די פּאָגראָם־כוואַליע מיט דעם איבערפֿלאַכלעכן טעם, אַז דאָס גראָמעוועט [6] סטעפּקע און ניט דאָס רוסישע פֿאָלק. אַמאָל האָט מען אין אַלץ באַשולדיקט די צאַרישע פּאָליטיק, חלילה ניט דאָס רוסישע פֿאָלק, דעם רוסישן ליבעראַל, וואָס האָט ניט מיטגעהאָלפֿן ראַבירן. איצט ווייסן מיר שוין, וואָס עס איז אַזוינס דער סלאַווישער חומר אין איינעם מיט די השגות „ליבעראַל" און „פֿאָלק". און קיינער וועט שוין ניט האַלטן פֿאַר אַ חכמה די אַמאָליקע בטלנותדיקע רייד, אַז ווען מען טוט־אָפּ אַלערליי רשעות אויף איגענע און פֿרעמדע, איז אין דעם דאָס פֿאָלק ניט שולדיק.

אין דער איצטיקער, ווי אין דער פֿריִערדיקער פּאָגראָם־כוואַליע, איז ניט ווייניק שולדיק דער ס. ר. ס. ד., ווי דער קאַדעט. אַלע אין איינעם שטאַמען פֿון איין אומה, וואָס דערלאָזט דערצו, אַז אַ לאַנד זאָל זיך צעשפּילן מיט פֿרעמדע לעבנס ווי מיט פּילקעס. ווען דאָס רוסישע פֿאָלק האָט זיך אויף אַ ווײַלע דערפֿילט פֿרײַ אָן אַ שטעקן אויף זיך, האָט עס דאָך דורך אַ פּשוטן צעשטערונג־דראַנג זיך אַליין צעשמעטערט אין טויזנטער שטיק! טאָלסטאָי, וואָס האָט געשריבן זײַן נאָכוואָרט צו דער „קרייצער־סאָנאַטע", שטייט ניט ווײַט אָפּ טעאָרעטיש פֿון זײַן פֿאָלק, ווען ער צעשטערט די גאַנצע קולטור נאָר דערפֿאַר וואָס די קולטור הייסט אַרבעטן, אַרבעטן מיט ליבע, אַרבעטן מיטן מוח און האַרצן.

[6] צעקלאַפּט (פּאָגראָמירט).

און וואָס איז דער זין פֿון די לאַנגע רייד? אַז די איצטיקע פּאָ־גראָם־כוואַליע איז געווען פֿאַר אונדז שוין פֿון לאַנג אָן אַ צרה, וואָס מוז קומען; אַז קיין הילף קען איר איז ניטאָ, דאָרט ווו עס וועט אייביק, ביי אַלע אומשטענדן, ברענען אונטער אונדזערע יידישע פֿיס דער גיהנום פֿון אַ סלאַווישן צעשטערונגס־גייסט.

דער בעסטער ענטפֿער אויף דער פּאָגראָם־כוואַליע דאַרף זיין די פֿלאַמענדיקע באַגייסטערונג פֿון דער פּאַלעסטינע־וואָך, וואָס שמידט אונדזער נאַציאָנאַלע צוקונפֿט.

אַפּריל 1918

י. ש. הערץ

ת״ח ות״ט *

... די פֿאַרניכטונג פֿון די יידן איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויף די אַכזריותדיקסטע אופֿנים. אין פֿיל פֿאַלן האָבן די רוצחים זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט אומברענגען זייערע קרבנות. זיי האָבן צוגעטראַכט מיתות־משונות צו פּייניקן די יידן און אַליין צו האָבן ווילדע הנאה.

די ערשטע קרבנות זיינען געווען די יידן אין שכנות פֿון ביידע זייטן דניעפּער. דאָרט זיינען על־פּי רובֿ געווען נייע ישובֿים. די קאָזאַקן און טאָטערן, וועלכע זיינען אָנגעקומען ווי אַ שטורעם און בליצשנעל פֿאַרנומען שטעט און דערפֿער, האָבן גלייך פֿאַרטיליקט אַלע יידן. מ'האָט זיך דערויף נישט געריכט, מ'איז דעריבער נישט געווען צוגעגרייט צו ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפֿן. די ישובֿים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן רעכטן ברעג דניעפּער, ווייטער פֿון טייך, זיינען וועגן די שחיטות געוויר געוואָרן. איינציקע ניצול־געוואָרע־נע יידן און פּוילישע מיליטער־לייט האָבן געברענגט די ביטערע בשורות. ווען די סכנה האָט זיך דערנענטערט, האָבן שוין אָט די יידן פֿאַרלאָזט זייערע היימען און זיך קאָנצענטרירט אויף איין אָרט, ווו מ'האָט געהאָפֿט, אַז עס וועט מעגלעך זיין אַ געהעריקע פֿאַר־

---

* פֿון בוך די יידן אין אוקראַינע, זז׳ 140—147, נ״י 1949.

טיידיקונג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נישט געווען קיין סגולה. אויך די גרויסע, צוזאַמענגעלאָפֿענע עדות ייִדן זײַנען דורכן שונא אומגעברענגט געוואָרן.

כמיעלניצקיס וועג האָט געפֿירט פֿון זאַפּאָראָזשער סיטש [1] איבער טשיהירין, קאָרסון, ביאַלאָצערקעוו, פּיליאַווצי, זבאַראַזש, לעמבערג ביז זאַמאָשטש. אויף דעם וועג זײַנען געגאַנגען און געפֿירט שלאַכטן זײַנע הויפּט־כּוחות, וועלכע האָבן געלאָזט הינטער זיך טויט און חורבן. אין אַ זײַט פֿון דעם הויפּטשליאַך, צפֿון און דרום, זײַנען גלײַכצײַטיק געגאַנגען צענדערע קאָזאַקישע אַטאַמאַנען.

דער ערשטער ייִדישער ישוב, וואָס איז אָפּגעמעקט געוואָרן, איז געווען אין כמיעלניצקיס היימשטאָט — טשיהירין. נאָך דעם זײַנען געקומען די ייִדישע קיבוצים אין די שטעטלעך קאָרסון און טשערקאַס, ווי אויך די ישובֿים, וואָס זײַנען געווען ווײַטער אויף מערבֿ. אין דער זעלביקער צײַט האָבן אָנגעהויבן אָפּערירן די קאָזאַקישע אָפּטיילונגען אויפֿן לינקן ברעג דניעפּער: פֿון לובני איבער פּערעיאַסלאַוו, ווי אויך ווײַטער אויף צפֿון — פֿון טשערניגאָוו און סטאַראָדוב.

נאָך גרעסער אין פֿאַרנעם זײַנען געווען די שחיטות טיפֿער אין לאַנד. די ערשטע שחיטה פֿון דעם מין איז געווען אין נעמיראָוו, אַ שטאָט אין בראַצלאַווער געגנט. נעמיראָוו האָט זיך גערעכנט פֿאַר איינע פֿון די פֿאַרמעגלעכסטע שטעט אין אוקראַינע. די ייִדישע באַפֿעלקערונג האָט גענומען אַ לעבהאַפֿטן אײַנטייל אין גרויסן מסחר און לפֿי ערך גוט געלעבט. אַחוץ די אָרטיקע זײַנען אין נעמיראָוו געווען צוזאַמענגעלאָפֿענע ייִדן פֿון שכנישע ישובֿים. כמיעלניצקי האָט געשיקט אײַננעמען די שטאָט איינעם פֿון זײַנע בלוטיקסטע אַטאַמאַנען. בראש פֿון 600 קאָזאַקן האָט האַנדזשאַ אין יוני 1648 זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. די ייִדן האָבן זיך פֿאַרמאַכט אין דער פֿעסטונג. כּדי אָפּצונאַרן די ייִדן, האָבן די קאָזאַקן פֿונאַנדערגעוויקלט פּוילישע פֿענער. וויסנדיק גאַנץ גוט וועגן דעם שווינדל, האָבן די מיעשטשאַנעס [2] געשריגן: „עפֿנט דעם טויער: פּויליש מיליטער איז געקומען אײַך פֿאַרטיידיקן". די ייִדישע וועכטערס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אויף דער ציטאַדעל־מויער, האָבן אויך געזען די פּוילישע פֿענער און געהייסן עפֿענען דעם טויער. די קאָזאַקן, צוזאַמען מיט די

---

[1] היימאָרט פון די זאַפּאָרעזשער קאָזאַקן. — [2] שטאָטבירגערס.

מיעשטשאַנעס, באַוואָפֿנטע מיט ביקסן, שווערדן, שפּיזן, מעסערס, העק און דרענגער, זײַנען אַרײַן אין ציטאַדעל און געמאַכט אַ גרויסע שחיטה.

גלײַכצײַטיק זײַנען געפּראַוועט געוואָרן שענדלעכע אָרגיעס. מיידלעך האָט מען פֿאַרגוואַלדיקט פֿאַר די אויגן פֿון זייערע עלטערן; פֿרויען — פֿאַר די אויגן פֿון זייערע מענער און קינדער. קליינע קינדער האָט מען לעבעדיק אַראָפּגעשלײַדערט אין טיפֿע אָפּגרונטן, פֿון וואַנען עס האָבן זיך עטלעכע טעג געטראָגן געוויינען און קרעכצן. כּדי צו אַנטרינען פֿון שאַנד, זײַנען טייל פֿרויען און בתולות געשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן, וואָס האָט זיך געשלענגלט אַרום דער פֿעסטונג. אויך מענער, וועלכע האָבן געקענט שווימען, זײַנען געשפּרונגען אין טײַך אַרײַן מיט דער כּוונה זיך צו ראַטעווען. אָבער ניין. די קאָזאַקן האָבן פֿון די ביקסן זיי נאָכגעשאָסן אָדער זײַנען אַליין נאָכגעשפּרונגען און מיט די שווערדן זייערע קרבנות דערגרייכט. דאָס וואַסער איז געוואָרן רויט פֿון מענטשלעך בלוט. עטלעכע הונדערט ייִדן, מענער און פֿרויען, האָבן זייער טויט געפֿונען אויפֿן אָפּגרונט פֿון וואַסער. לויט ייִדישע קוואַלן זײַנען אין נעמיראָוו אומגעבראַכט געוואָרן בערך 6 טויזנט נפֿשות (אַלע ציפֿערן וועגן צאָל הרוגים, וואָס ווערן דאָ און ווײַטער אָנגעגעבן, זײַנען נישט קיין זיכערע. פֿאַרשיידענע קוואַלן גיבן סתּירהדיקע צאָלן, וואָס זײַנען אָפֿט זייער ווײַט איינע פֿון די אַנדערע). אויך אין דער אַרומיקער געגנט האָבן די קאָזאַקן נאָך געטראָפֿן ייִדן אין די שטעטלעך און דערפֿער, און אַלע פֿאַרטיליקט. אַ קליינע צאָל ייִדן, מענער און פֿרויען, האָבן פֿאַרן פּרײַז פֿון בײַטן זייער אמונה אויסגעקויפֿט זייער לעבן. געציילטע יחידים איז געלונגען צו אַנטלויפֿן קיין טולטשין, ווו דער ביטערער גורל האָט זיי אויך באַלד דערגרייכט.

דער נעמיראָווער רבֿ ר׳ יחיאל מיכל האָט געמונטערט די ייִדן מקדש־השם זײַן און איז אַליין אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט. די שחיטה איז פֿאָרגעקומען כ׳ סיוון. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פֿירשט יערעמי ווישניאָוויעצקי אָנגעקומען מיט זײַן חיל, צעקלאַפּט די קאָזאַקישע אָפּטיילונג און אײַנגענומען די שטאָט. לויט פּוילישע קוואַלן האָט ווישניאָוויעצקיס חיל אויסגעהרגעט בערך 3.000 קאָזאַקן און מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן זיך פֿריִער באַטייליקט אין די גוואַלטטאַטן. די עקזעקוציעס זײַנען אַדורכגעפֿירט געוואָרן מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט. סוף יוני 1648 איז פֿירשט

ווישניאָוויעצקי אַוועק פֿון נעמיראָוו. צוזאַמען מיט ווישניאָוויעצקיס חייל זײַנען אויך אַוועק אַ צאָל לעבן־געבליבענע ייִדן.

מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט דירעקט אָנגעפֿירט פּולקאָווניק באַראַנאָווסקי. ער האָט צעקלאַפּט די קאָזאַקן און איז מיט שטורעם אַרײַן אין נעמיראָוו. לאַנג אין שטאָט איז ער נישט געבליבן און איז פֿון דאָרט אַוועק מיט זײַן חייל. די פֿאַרבליבענע ייִדן זײַנען מיט אים מיטגעגאַנגען. לויט פּוילישע קוואַלן זאָלן פֿריִער די דאָזיקע ניצול־געוואָרענע ייִדן האָבן געגעבן אַ שבֿועה, אַז זיי וועלן בלײַבן אין שטאָט און העלפֿן די קאָזאַקן. ווען ווישניאָוויעצקיס חייל איז געקומען, האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגנהייט צו אַנטלויפֿן, ווײַל די ייִדן האָבן צו די קאָזאַקישע פֿאַרזיכערונגען קיין צוטרוי נישט געקענט האָבן. אַנדערטהאַלבן מײַל פֿון נעמיראָוו האָבן אין די וועלדער געטשאַטעוועט קאָזאַקן. דערזעענדיק די ייִדן, זײַנען די קאָזאַקן זיי באַפֿאַלן. באַראַנאָווסקי האָט מיט זיי פֿאַרפֿירט אַ קאַמף און געכאַפּט 30 קאָזאַקן. די רעשט זײַנען זיך צעלאָפֿן.

נאָך נעמיראָוו איז געקומען די ריי אויף טולטשין, דרום פֿון בראַצלאַוו. אויך דאָרט זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפֿן ייִדן פֿון אַרומיקע מקומות. צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין פּעסטונגשלאָס. די צאָל ייִדן איז געווען 2.000, די צאָל פּוילישע זעלנער — 600. מאַקסים קריוואָנאָס, וועלכער האָט באַלאַגערט טולטשין, האָט געהאַט אין זײַן רשות 10 000 מאַן. די ייִדן און די פּאָליאַקן האָבן זיך געגעבן אַ פֿײַערלעכע שבֿועה, אַז מען וועט קעגן געמיינזאַמען שונא בשותּפֿות קעמפֿן. קיין שום אונטערהאַנדלונגען וועט מען מיט אים נישט פֿירן און איינער וועט דעם צווייטן נישט פֿאַרראַטן. עטלעכע טעג האָבן די ייִדן און פּאָליאַקן געקעמפֿט אַקסל בײַ אַקסל און אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פֿון די קאָזאַקן. די אָנגרײַפֿערס זײַנען נישט געווען בכּוח אײַנצונעמען דעם שלאָס און געליטן גרויסע פֿאַרלוסטן. די ייִדן אַליין האָבן דערהרגעט הונדערטער קאָזאַקן. קריוואָנאָס האָט געבראַנגט פֿאַרשטאַרקונגען און געשיקט זאָגן די פּאָליאַקן, אַז ער וועט קיינעם נישט טשעפּען, אויב מ'וועט אים נאָר אַרויסגעבן דאָס געלט און דאָס פֿאַרמעגן פֿון די ייִדן. האָבן די פּאָליאַקן געבראָכן זייער שבֿועה. זיי האָבן אָנגעהויבן אַנטוואָפֿענען די ייִדן, כּדי צו קאָנען דורכפֿירן דעם פּלאַן. די ייִדן האָבן געוואָלט שטעלן אַ ווידערשטאַנד און זיך וואַרפֿן אויף די פּאָליאַקן. די פֿירערס פֿון דער קהילה האָבן אָבער דערצו נישט דערלאָזט. דער רבֿ ר' אַהרון האָט גערעדט צו די אויפֿגערעגטע ייִדן און זיי געזאָגט,

אַז דאָס שלאָגן זיך מיט די פּאָליאַקן קען גורם זײַן שלעכטס פֿאַר די ייִדן אין די אַנדערע שטעט. ער האָט געעצהט: „בעסער אומקומען, ווי עס זײַנען אומגעקומען אונדזערע נעמיראָווער ברידער, אַבי ניט שטעלן אין סכּנה אונדזערע ברידער בכל תּפֿוצות ישׂראל“... „לאָמיר בעסער מסכּים זײַן אַוועקצוגעבן די אוקראַיִנער אונדזער געלט, אפֿשר וועלן מיר דערמיט אויסקויפֿן אונדזער לעבן. טאָמער נישט, זאָל געשען גאָטס רצון, אָבער מיר וועלן אונדזערע ברידער נישט אומברענגען“. די ייִדן האָבן געפֿאָלגט. פֿירשט יאַנוש טשעטווערטינסקי, דער אײגנטימער פֿון טולטשין און שכנותדיקן נעמיראָוו, האָט באַפֿוילן צוצונעמען בײַ די ייִדן דאָס געווער און האָב־און־גוטס. די ייִדן זײַנען געהאַלטן געוואָרן אונטער אַ וואַך.

אויפֿן דריטן טאָג האָבן די קאָזאַקן געפֿאָדערט, אַז מ'זאָל זײ אַרויסגעבן די ייִדן. זײ זײַנען געקומען מיט אַ שוואַרצער פֿאָן. אײנער פֿון זײ האָט אויסגערופֿן: „ווער עס וויל בײַטן זײַן אמונה, זאָל אַהערקומען און זיך זעצן אונטער דער פֿאָן און ער וועט בלײַבן לעבן“. אַ שטילקייט איז געווען דער ענטפֿער פֿון דער גאַנצער עדה. קײנער האָט זיך פֿון אָרט נישט גערירט. די זעלביקע ווערטער האָט ער איבערגעחזרט אַ צווייט און אַ דריט מאָל, אָבער זײ האָבן ווײַטער קײן פּעולה נישט געהאַט. זעענדיק, אַז קײנער וויל נישט אויסקויפֿן דאָס לעבן פֿאַרן פּרײַז פֿון אָפּזאָגן זיך פֿון ייִדישן גלויבן, האָבן די קאָזאַקן געעפֿנט דעם טויער. אַ קאָזאַקישע מחנה איז מיט ווילדן כּעס אַרײַן און זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די אויסגעמאַטערטע, שוצלאָזע ייִדן. מ'האָט זײ געשטאָכן מיט טשוועקעס, געשראָפֿעט, געהאַקט מיט פֿלאָקנס און אָנגעטאָן כּלערלײ עינויים. 1.500 ייִדן זײַנען גלײַך אויפֿן אָרט אויסגעשאָכטן געוואָרן (לויט אַן אַנדער מקור — 3.000). די ייִדן האָבן זיך געוואָרפֿן מיטן פּנים צו דער ערד, כּדי נישט צו זען מיט זײערע אויגן, ווי זײערע פֿרויען און קינדער, ברידער און שוועסטער, קומען־אום פֿון די רוצחישע הענט. טײל פֿרויען האָבן פֿאַרצווייפֿלט געשיצט זײערע קינדער קעגן די מערדערישע קאָזאַקן. זײ האָבן געשלאָגן די רוצחים מיט וואָס ס'איז זײ געקומען אונטער דער האַנט, אָבער זײ זײַנען אומגעקומען צוזאַמען מיט זײערע טײַערסטע. דרײַ טעג נאָך דער שחיטה האָבן די קאָזאַקן זיך באַוויזן צווישן די הרוגים און גערופֿן אויפֿצושטײן אַלע, וועלכע זײַנען געבליבן לעבן. אַן ערך 300 נפֿשות האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד. זײ זײַנען געווען אָפּגעשוואַכט פֿון הונגער. זײערע גופֿים זײַנען געווען באַדעקט מיט ווונדן. מ'האָט זײ געלאָזט לעבן. די רוצ־

חים האָבן אויסגעקליבן 10 רבנים, כּדי צו קאָנען פֿאַר זיי נעמען אויסקויפֿגעלט. זיי האָבן אויך אַוועקגעפֿירט אַ צאָל יונגע שיינע פֿרויען. די פּאָר הונדערט לעבן־געבליבענע ייִדן האָבן פֿאַרלאָזט דאָס שחיטה־פּלאַץ און מיט די לעצטע כּוחות זיך געשלעפּט צו זייערע פֿאַרוויסטע היימען.

די קאָזאַקן האָבן דערנאָך זיך גענומען צו די פּאַליאַקן. זיי האָבן געמאַכט פֿאַרוואורפֿן די פּאַנעס [3] און געטענהט: „די ייִדן האָבן דאָך מיט אײַך צוזאַמען געטרײַ געקעמפּט, פֿאַר וואָס האָט איר זיי פֿאַר־ראַטן? אויב אַזוי, וועלן מיר מיט אײַך טאָן דאָס זעלביקע, וואָס איר האָט געטאָן מיט זיי. גיט־אַרויס אײַער האָב־און־גוטס". די פּאַליאַקן האָבן אָפּגעזאָגט די קאָזאַקישע פֿאָדערונג און צוגעטרעטן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די קאָזאַקן האָבן אונטערגעצונדן דעם שלאָס און די פֿלאַמען האָבן אַלץ פֿאַרצערט. נאָכן אונטערגעבן זיך האָבן די פּאַליאַקן געהאַט דעם זעלביקן גורל, ווי פֿריִער די פֿאַרראַטענע ייִדן. זייער ראש, פֿירשט יאַנוש טשעטווערטינסקי, אַליין אַ פּראַ־וואָסלאַווער אוקראַינער, איז אַכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן. אַ מילנער פֿון פֿירשטס אייגענעם מאַיאָנטעק האָט מיט אַ זעג אים אָפּ־געשניטן דעם קאָפּ. פֿאַרן טויט האָט דער פֿירשט נאָך געמוזט זען ווי קאָזאַקן שענדן זײַן טאָכטער און איזדיעקעווען זיך איבער זײַן פֿרוי.

אַחוץ קריוואָנאָסן האָט מיט די רציחות אין טולטשין אָנגעפֿירט האָנדזשאַ. צווישן די פֿאַרשיידענע באַרבאַרײַען, וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטאָן, איז געווען דאָס עפֿענען די קבֿרים אויפֿן בית־עולם און אַרויסוואַרפֿן די מתים.

... בעת דער הריגה אין לובני האָבן די קאָזאַקן אַרומגעוויקלט דעם רבֿ מיט יריעות פֿון דער תּורה און אונטערגעצונדן. אַ טייל לובנער ייִדן זײַנען דערהרגעט געוואָרן אויפֿן בית־עולם. אין באַ־רישפּאָל האָט מען די קינדער געשאָכטן דורך איבערשנײַדן זיי די העלדזער.

---

[3] פּריצים.

ש. אַנ—סקי

פון „חורבן גאַליציע״ *

ווען דעם פוילישן בילבולים־קאַמף קעגן יידן האָב איך זיך אָנגעהערט אין פעטערבורג און אין אַנדערע ערטער. קומענדיק אין וואַרשע, אין צענטער פון פוילישן פּאָליטישן לעבן, האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט מיט די אייגענע אויגן צו זען, אויף וויפל דער שענדלעכער קאַמף איז אָרגאַניזירט און ווערט סיסטעמאַטיש דורכגעפירט; אויף וויפל דער בילבול־סם איז אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקעלע פון לעבן, האָט פאַרכאַפּט די טיפסטע שיכטן פון פאָלק און געוואָרן כמעט אַן אומבאַוווסטזיניקע פאָלקשאַפונג. ווי ווייט איך בין נישט געשטאַנען פון פוילישן לעבן, האָב איך זיך דאָך אויף יעדן שריט און טריט געטראָפן מיט דער שרעקלעכער „שפּיאָנאַזש־לעגענדע״.

פאַרפאָרן בין איך אין האָטעל „איראָפּאַ״, וועלכער איז כמעט דורכויס געווען באַזעצט מיט העכערע מיליטער־באַאַמטע. דאָס צימער, וואָס מען האָט מיר אָפּגעגעבן, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט באַפרייט און אים האָט אויפגערוימט די דינסט, אַ באַיאָרטע פּוילישע פרוי, מיט אַ באַלעבאַטישן, נאַיוון, ערלעכן אויסזען. באַלד ווי איך בין אַריין, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן:

— אוי, פּריצל, וואָס ביי אונדז טוט זיך! וואָס פאַר אַ צרות מיר שטייען דאָ אויס! די דייטשן קומען צו פליען אויף זייערע טייוולשע מאַשינען, וואַרפן באָמבעס, הרגענען צענדליקער אומשולדיקע מענטשן... אוי, פּריצל, וויפל צרות אונדז פאַרשאַפן די דייטשן און די — „זשידעס״...

— וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען אייך די יידן? — פרעג איך.

---

* „דער יידישער חורבן פון פוילן, גאַליציע און בוקאָווינע, פון טאָגבוך 1914 — 1917״, 4 טיילן אין 2 בענד.

— טעלעפּאָנען!... — ענטפּערט זי אומבאַשטימט. — וועגן אַלץ גיבן זיי באַלד צו וויסן די דײַטשן. זונטיק, בשעת עס זײַנען אַהער געקומען די לופֿט־מאַשינען, האָבן די „זשידעס‟, דורך אַלערליי סימנים, געגעבן צו וויסן, אַז אין קאַשציאָל [1] געפֿינען זיך די גרעסטע גענעראַלן. האָבן יענע אַנגעהויבן וואַרפֿן באָמבעס אויפֿן קאַשציאָל. צום גליק האָבן זיי נישט געטראָפֿן.

די אַלטע דינסט דערציילט עס מאַנאָטאָן, ווי אַ לעגענדע, ווי אַן אויסגעלערנטן מאמר. עס ווײַזט־אויס, זי חזרט־איבער דעם זעלביקן מאמר פֿאַר אַלע געסט, מיט וועלכע זי טרעפֿט זיך.

פֿון די באָמבעס זײַנען געהרגעט און פֿאַרוווּנדעט געוואָרן איבען צען מענטשן, דורכויס פּאָליאַקן — האָט די לעגענדע אונטערגעכאַפּט און באַלד דערקלערט:

— ייִדן האָבן אַזאַ זאַלב, מיט וועלכן זיי שמירן זיך אָן און דאַן קאָן זיי קיין שום באָמבע נישט שעדיקן...

עטלעכע שעה נאָך דעם געשפּרעך מיט דער דינסט, בשעת איך האָב זיך געזען מיט ווירובאָוון, האָט ער מיט אַ צאָרן־געפֿיל מיר דערציילט:

— מען קאָן פֿון זינען אַראָפּ פֿון דעם פֿאַרהאַלטן זיך פֿון די פּאָליאַקן צו ייִדן: קיין טאָג גייט נישט פֿאַרבײַ אָן אַ סקאַנדאַל. מיר האָבן דאָ אַ שפּײַזפּונקט, וווּ עס אַרבעטן פּוילישע סטודענטן. הײַנט זײַנען אַהין געקומען אַרבעטן זעקס ייִדישע סטודענטן. איז ווי נאָר די פּאָליאַקן האָבן דערזען די ייִדן, האָבן זיך אַלע אויפֿגעהויבן און אַוועק פֿון „פּונקט‟, געלאָזן אים אָן באַדינונג און נישט אומגעקערט זיך ביז די ייִדן זײַנען נישט אַוועק פֿון דאָרט.

אויפֿן צווייטן טאָג איז צו מיר געקומען אַ ייִדישע פֿרײַלין, מאַרקאָוויטש. זי האָט געאַרבעט אין לאָדזש ווי אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. אַז די לאַגע אין לאָדזש איז געוואָרן קריטיש און מען האָט פֿון דאָרט עוואַקוּירט די פֿאַרוווּנדעטע, האָט מען זי אַוועקגע־

[1] קלויסטער.

שיקט קיין וואַרשע. געקומען איז זי שפּעט בײַ נאַכט און איז אַרײַן אין דעם ערשטן לאַזאַרעט, וואָס זי האָט געטראָפֿן, באַוויזן די פּאַ־פּירן און געבעטן, מען זאָל איר דערלויבן איבערנעכטיקן אין לאַ־זאַרעט. דער לאַזאַרעט איז אָבער געווען אַ פּוילישער, איז ווי נאָר די פּאַרוואַלטערין האָט דערזען פֿון די פּאַפּירן, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ ייִדיש קינד, האָט זי זיך צעשריִען:

— אײַערע זשידקעס זײַנען פֿאַררעטערס! זיי האָבן געהאָלפֿן קאַרפֿן אַנטלויפֿן צום שׂונא. זיי שיקן געלד קיין דײַטשלאַנד, צע־שטערן אונדזערע פֿעלד־טעלעפֿאָנען. ווי שעמט איר זיך נישט צו בלײַבן אַ ייִדישקע?

און האָט איר נישט דערלויבט צו נעכטיקן אין לאַזאַרעט, דאָס הייסט, בײַ נאַכט אַרויסגעוואָרפֿן זי אויף דער גאַס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ באַפֿול־מעכטיקטן פֿון אַ סאַניטאַרן־אָפּטיילונג פֿון לאָדזש, אַ ייִד — שיפֿס־בויער.

— פֿון אַלע צרות וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין לאָדזש — האָט ער מיר דערציילט — איז דאָס ביטערסטע און שרעקלעכ־סטע געווען דאָס פֿאַרהאַלטן זיך פֿון די פּאָליאַקן צו אונדז. עס זײַ־נען נישט בלויז געווען אַזעלכע בילבולים, וואָס זיי האָבן נישט אויסגעטראַכט אויף ייִדן. בעת איבער לאָדזש זײַנען געפֿלויגן עראָ־פּלאַנען, איז אַ ייִד געשטאַנען בײַ זיך אויפֿן גאַניק, געקוקט אַרויף און דערבײַ אַ ניס געטאָן — האָבן אים די פּאָליאַקן באַלד געמסרט, אַז מיטן ניסן האָט ער געגעבן די עראָפּלאַנען (וואָס זײַנען געפֿלויגן בײַ אַ וויאָרסט אין דער הייך) אַ צייכן, ווו צו וואַרפֿן באָמבעס, און מען האָט דעם ייִד אַרעסטירט. דאָס צווייטע מאָל האָבן די פּאָליאַקן געבראַכט אין שטאַב אַ ייִד און אים באַשולדיקט, אַז ער האָט ערגעץ ווו באַהאַלטן אַ דײַטשישן פּליִער. נעבן דעם ייִדס וווינונג איז אַראָפּ־געפֿאַלן אַ דײַטשישער עראָפּלאַן — און דער פּליִער איז פֿאַרשוווּנדן — מסתּמא האָט אים דער ייִד באַהאַלטן... און כאָטש דער ייִד האָט געטענהט, אַז ער האָט קיין עראָפּלאַן אין די אויגן נישט געזען, אַז

די גאַנצע מעשׂה איז אַ ליגן — האָט מען אים אַרעסטירט. נאָך דעם איז מען געפֿאָרן נעמען דעם אַראָפּגעפּאַלענעם עראָפּלאַן, נאָר מען האָט אים נישט געפֿונען. מיינט איר, האָט מען פֿון דעם געדרונ־גען, אַז די מעשׂה איז אַ בילבול און דעם ייִד באַפֿרײַט? ניין! מען האָט נאָך צוויי ייִדן אַרעסטירט צוליב דעם חשד, אַז זיי האָבן באַ־האַלטן דעם עראָפּלאַן...

*

ד״ר הויזנער האָט מיר מיטגעטיילט אַ שווידערלעכן פֿאַקט: עס איז שווער אים צו דערציילן, נאָר פֿאַרשווײַגן אים איז אויך אומ־מעגלעך.

אײַן מאָל קומט מען צו אים פֿון אַ רוסישן לאַזאַרעט און מען רופֿט אים צו אַ שטערבלעך־פֿאַרוווּנדעטן ייִדישן סאָלדאַט, וועלכער וויל זיך מתוודה זײַן. ער איז אַוועק אין לאַזאַרעט און געפֿונען דעם סאָלדאַט שוין אַ שטאַרבנדיקן.

— רבי! — האָט אים געזאָגט דער סאָלדאַט — איך קאָן ניט שטאַרבן... איך האָב אויף זיך אַ גרויסע זינד און בעט אײַך געבן מיר אַ תּשובֿה אויף איר...

— אין וואָס באַשטייט אײַער זינד? — האָט געפֿרעגט דער ראַ־בינער.

— אונדזער פּאָלק האָט פֿאַרנומען אַ ייִדיש שטעטל — האָט גע־נומען דערציילן דער שטאַרבנדיקער — און ווי געוויינלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטן האָבן אויפֿגעבראָכן אַ ווײַנקע־לער און גענומען טרינקען. איך האָב צוזאַמען מיט זיי אויך גע־טרונקען, האָב זיך אָנגעשיכּורט און אַוועק מיט זיי איבער דער שטאָט ראַבירן... ייִדן. איך בין אַרײַנגעלאָפֿן אין אַ הויז און גע־טראָפֿן דאָרט אַן אַלטן מאַן מיט אַ שטרײַמל און מיט לאַנגע פּיאות. ווי איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט, איז דאָס געווען דער רבֿ. איך האָב אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן גאָרגל און אויסגעשריגן:

— זשיד! דאַוואַי האַראָשי![2]

ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין געלט...

דער שטאַרבנדיקער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— וואָס איז געווען ווײַטער? — האָט געפרעגט דער ראַבינער.

דער סאָלדאַט האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָך דעם שטיל אַרויס־גערעדט:

— איך האָב אים דערשטאָכן...

ער האָט אָנגעהויבן כליפּען און בעטן:

— רבי, גיט מיר אַ תּשובֿה, איך זאָל קאָנען רויִק שטאַרבן...

ראַבינער הויזנער איז געווען אַזוי דערשיטערט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט צוגעזאָגט דעם שטאַרבנ־דיקן צו באַטראַכטן זיך און געבן אים שפּעטער אַן ענטפער. נאָר אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז דער סאָלדאַט איז געשטאָרבן.

דער שוידערלעכער פֿאַקט, וואָס מיר האָט מיטגעטיילט ראַבי־נער הויזנער, איז — פֿאַרשטייט זיך — אַן אויסערגעוויינטלעכער, אָבער לײַדער נישט קיין איינצלנער. אין דער שרעקלעכער אַטמאָס־פֿער פֿון צעווילדעוועטע מלחמה־אינסטינקטן האָבן נישט געקאָנט פֿאַרקומען אויך אַזעלכע קאָשמאַרן, אַז די שוואַכערע און מאָראַליש הינטערשטעליקע ייִדישע סאָלדאַטן זאָלן זיך נישט אונטערגעבן דער אַלגעמיינער רציחה־פֿאַרשיכּורטקייט און זאָלן נישט אָפּטאָן צוזאַ־מען מיט זייערע רוסישע חבֿרים די שענדלעכסטע מעשׂים אַפֿילו איבער ייִדן. מיר האָט דערציילט ד״ר לאַנדער אַזאַ פֿאַקט: אין אַ שטעטל, ווו זייער פּאָלק איז אַרײַן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. לאַנדער איז אַוועק צום פּאָלקאָווניק און געפֿאָדערט, ער זאָל אָנבע־מען מיטלען אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם. דער פּאָלקאָווניק האָט גע־שיקט צוזאַמען מיט לאַנדערן אַן אָפֿיצער מיט עטלעכע סאָלדאַטן. זיי זײַנען אַוועק אין שטאָט. דערהערנדיק פֿון אַ הויז קולות, זײַנען

[2] זשיד! גיב געלט!

זיי ארײַן אהין און באגעגנט צוויי סאלדאטן, וועלכע זײַנען ארויסגעלאפן פון הויז מיט אנגעראבירטע זאכן. די סאלדאטן זײַנען גלײַך ארעסטירט געווארן. צו זײַן גרויסער דערשיטערונג האט לאנדער דערזען, אז די ביידע סאלדאטן זײַנען ייִדן!

נאר וויפל אזעלכע פאקטן זײַנען נישט פארגעקומען, שטעלן זיי פאר, פארשטייט זיך, א זעלטענעם אויסנעם. פון אלץ, וואס איך האב געהערט און געזען בשעת מײַן ארומפארן איבער גאליציע, קאן איך מיט א פולקומער זיכערקייט באשטעטיקן, אז די באציִונג פון ייִדישן סאלדאט צו דער ייִדישער באפעלקערונג אין גאליציע איז כמעט שטענדיק געווען א ברידערלעכע און אפט אדורכגעדרונגען מיט אן אמתן מסירת־נפש. דער ייִדישער סאלדאט איז געווען דער איינציקער עלעמענט, וועלכער האט זיך געקאנט שטעלן פאר די בארויבטע און באגזלטע ייִדן בשעתן ארײַנטריט פון רוסישן מיליטער. און, ווי רעכטלאז עס זײַנען געווען די ייִדישע סאלדאטן אין דער רוסישער ארמיי, האבן זיי דאך אפט באוויזן אפצוראטעווען א שטעטל אדער איינצלנע פערזאנען פון פאגראמען און גוואלדטאטן. אין דער אטמאספער פון העכסטער פארצווייפלונג האט דער ייִדישער סאלדאט געבראכט דער באפעלקערונג א געוויסע מאראלישע שטיצע, אפט מאל אויך א מאטעריעלע. נישט קוקנדיק אויף דעם שטרענגן פארבאט צו באגעגענען זיך און האבן באציִונגען מיט דער ארטיקער ייִדישער באפעלקערונג, האבן דאך די ייִדישע סאלדאטן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, שטילערהייט באזוכט ייִדן, פונאנדערגעפרעגט וועגן זייער לאגע, געגעבן זיי עצות ווי אויפצופירן זיך און באוויזן זיי הילף אין וואס נאר עס איז געווען מעגלעך. אין פיל ערטער זײַנען ייִדישע סאלדאטן געווארן היימישע מענטשן אין ייִדישע געזינדן. מיר זײַנען באוווסט פאקטן, ווען ייִדישע סאלדאטן האבן זיך מוסר־נפש געווען פאר זייערע גאליציאנער ברידער. ווען די צעווילדעוועטע קאזאקן האבן אין א שטעטל אין מיטן גאס געשענדט ייִדישע פרויען, האבן די עטלעכע צענדליק ייִדישע סאלדאטן, וועלכע האבן זיך דארט געפונען, פונאנדערגעשאטן זיך הינטער די הײַ־

זער, האָבן פֿון דאָרט באַשאָסן די קאָזאַקן און פֿיל אַוועקגעלייגט אויפֿן אָרט. אַ צווייטער פֿאַקט: בעת דעם פּאָגראָם אין סאָקאָל האָבן ייִדי־שע סאָלדאַטן, אָדער צו גלײַך מיט די קאָזאַקן געשלעפּט סחורה פֿון די קראָמען, אָדער בײַ די קאָזאַקן אויסגעבעטן אַ טייל פֿון די אָנגע־ראַבירטע און שטילערהייט דורך הינטערגעסלעך אָפּגעטראָגן עס צוריק צו די באַרויבטע באַלעבאַטים. אין איינציקע ערטער, ווו די באַפֿעלקערונג האָט שטאַרק געליטן פֿון הונגער, האָבן ייִדישע סאָל־דאַטן געטיילט זיך מיט זייער אָרעמען שטיקל ברויט מיט די אָר־טיקע ייִדן. אין שטעטל סוכאָראַוו האָט מען מיר פֿיל דערציילט וועגן אַ ייִדישן סאָלדאַט מיטן נאָמען ישׂראליק ווײַסבאָרד, וועלכער האָט אין משך פֿון אַ האַלב יאָר אויפֿגעהאַלטן כּמעט דאָס גאַנצע שטעטל, געשטיצט עס מיט געלט און שפּײַז־פּראָדוקטן. וועגן דעם סאָלדאַט זײַנען אין שטעטל געשאַפֿן געוואָרן גאַנצע לעגענדעס. איינע האָבן דערציילט, אַז זײַן פֿאָטער איז געקומען אים צו חלום און האָט אים באַפֿוילן אַלץ, וואָס ער האָט, אויסגעבן אויף אויפֿצוהאַלטן דאָס שטעטל. אַנדערע האָבן פּשוט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא.

*

אויף די בלוטיקע שלאַכטפֿעלדער, ווו עס פֿלאַקערט די שׂנאה צווישן מענטשן פֿון אַנדערע פֿעלקער, איז די שרעקלעכע אײַנשטי־מיקייט וועגן „זשיד" שוין דאָ.

... ער, דער „זשיד", איז דער איינציקער שולדיקער אין זייערע אַלעמענס אומגליקן...

אי דער אָרטיקער פּאָלאַק מיט זײַן פֿאַלש חניפֿהדיקן שמיי־כעלע, אי דער נאַיווער הימלאָזער רוטענער, אי דער געפֿאַנגענער עסטרײַכישער דײַטש, אי דער מאַדיאַר, אי דער רוסישער סאָלדאַט — זיי אַלע קומען זיך צונויף אין זייער האַס צום ייִדן, אַלע חזרן איבער איינע און די זעלביקע בילבולים און אומגעלומפּערטע באַ־שולדיקונגען קעגן אים. און די אײַנשטימיקייט גייט ווײַטער און נעמט־אַרום יענע שיכטן, די העכערע און די קולטורעלערע, וועלכע

זײַנען אין אַלע אַנדערע אופֿנים ווײַט און אָפּגעטיילט פֿון פּראָסטן המון, פֿון איינפֿאַכן סאָלדאַט.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיאַסאָיעדאָווס פֿיילאַט און די מפּלה אין די קאַרפּאַטן האָבן פֿאַר אַלעמען אַנטפּלעקט די אמתע שולדיקע פֿון אַלע פּלאָגן, וואָס האָבן זיך פֿון אָנהייב מלחמה געשאָטן אויף דער רוסישער אַרמײ, הערט מען נישט אויף צו ריידן אין די העכערע מיליטערישע קרײַזן וועגן ייִדישן שפּיאָנאַזש און ייִדישן פֿאַרראַט.

אין וואַגאָן, ווו איך בין געזעסן, איז נישט ווײַט פֿון מיר געשטאַנען אַ גרופּע אָפֿיצערן — דעם גראַף באָברינסקיס אַן אַדיוטאַנט און אַקסל־בענדער, אַ פּאָלקאָווניק מיט אַ גרויסער גרוילעכער באָרד, אַ פּאָדפּאָרוטשיק מיט צוויי געאָרגי־מעדאַלן אויף דער ברוסט און אַ מיליטער־דאָקטער. מ׳דערציילט מלחמה־אײַנדרוקן, מ׳דריקט־אויס רחמנות צו די אָרעמע רויִנירטע פּויערים און מ׳רעזומירט.

— און איבער הויפּט ליידן די פּויערים פֿון די מסירות פֿון די „זשידעס". פֿון זיי נעמען זיך אַלע אומגליקן.

און עס הייבן זיך אָן מעשׂיות. מ׳דערציילט וועגן די גרויזאַמסטע מעשׂים קעגן ייִדן מיט אַזאַ קאָנטעטקייט, מיט אַזאַ נקמה־שׂמחה, אַז מיך נעמט־אָן אַ געפֿיל פֿון עקל, נישט פֿון כּעס אָדער אויפֿרעגונג, נאָר פֿון פּראָסטן עקל, וועלכער איז נאָענט צו אַ מייקען[3]־חלשות. איך פֿאַרטיף זיך אין אַ בוך, איך נייט זיך נישט צו הערן דעם געשפּרעך און איבער געוואַלט קריכן מיר אין אויער דערציילונגען, ווי אין איין אָרט האָט מען אַ ייִדן, אַ גוטבאַזיצער — וועלכן מ׳האָט חושד געווען, אַז ער האָט מיטגעטיילט די עסטרײַכער וועגן דעם אָנקומען פֿון רוסישער אַרטילעריע אין זײַן פֿאָלוואַרק[4] — פֿאַרגאָסן מיט פּעטראָל און אונטערגעצונדן ווי אַ מויז. פֿאַר דעם האָט מען פֿאַר זײַנע אויגן באַגאָסן מיט פּעטראָל און אונטערגעצונדן זײַן פֿאָלוואַרק. ווײַטער אַ מעשׂה: ווי מ׳האָט געכאַפּט „אַ ייִדן מיט אַ טע־

[3] בּרעכן (צוריק „אָפּגעבן") דאָס עסן. — [4] גוט.

לעפּאָן" און אַ גענעראַל האָט מיט אַ ווונק געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז נישטאָ צוליב וואָס פֿירן אים אין שטאָב, און די סאָל־דאַטן האָבן אים אָפּגעפֿירט אין וועלדל און אויפֿגעהאָנגען.

און מ'הערט־צו, און מ'לאַכט, מ'איז קאָנטעט.

— איצט טוען מיר בעסער — רופֿט זיך אָפּ דער פּאָדפּאָרו־טשיק — אַז מיר נעמען אָן אָרט, קודם־כל טרײַבן מיר אַרויס אַלע „זשידעס" פֿאַרויס, צום שונא. גייט צו אַרײַן! די בעסטע זאַך!

— ס'פֿאַרשטייט זיך! — איז מסכּים דער אַדיוטאַנט — עס איז נישט אויסצוהאַלטן פֿון זייער שפּיאָנאַזש. אַ גרויסן פֿעלער איז מען באַגאַנגען, וואָס מ'האָט אָפּגעגעבן ייִדן צושטעלונגען. זיי זײַנען אָנ־געפֿאָרן אַהער גאַנצע מחנות.

— און דאָקטוירים? — האָט אונטערגעכאַפּט דער דאָקטער. — אין אונדזער קאָרפּוס זײַנען דאָ צוועלף עלטסטע דאָקטוירים ייִדן. אָן אמתע נבֿלה!

— עס איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי זײַנען איבערגעגעבן די עסטרײַכער! — גיט־צו דער פּאָלקאָווניק — בײַ אונדז האָבן זיי ווייך און וואַרעם, און אין עסטרײַך זײַנען זיי באַאַמטע, ריכטערס, פּראָקו־ראָרן, זײַנען פֿול אין אַלע אַנשטאַלטן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, אַז איך בין געפֿאָרן צוריק פֿון לעמבערג — ווײַטער די זעלביקע געשפּרעכן. אַ קאָזאַקן־אָפֿיצער, אַ הוזער, ברייטבייניקער, אַ שיכור און אַ גוטמוטיקער, אָן אָפּגהאַר־ציקער און אַ פֿריילעכער, הייבט פֿון דער ערשטער מינוט אָן זידלען ייִדן. ער דערציילט מיט אַ קאָנטענטן הילכיקן געלעכטער, ווי אַזוי זײַן אָפּטיילונג איז געקומען אין אַ פֿאָלווארק נעבן סאָקאָל. דער גוטבאַזיצער איז דאָרט געווען אַ ייִד אַ באַראָן. האָט מען אַלץ צערויבט, חרובֿ געמאַכט. אין הויף זײַנען געווען צען פֿאַטאָנען, האָט דער באַראָן זיך געזעצט אין איינעם, כּדי אָפּצופֿאָרן, האָט מען אים אַרויסגעוואָרפֿן אין בלאָטע.

דערזעענדיק אין אַ צײַטונג אַ טרויער־מודעה וועגן דעם טויט

פֿון אַ באַוווסטן מאַן מיט אַ ייִדישער פֿאַמיליע, שרײַט ער אויס פֿריילעך:

— אַ זשיד געפֿגרט! מיט איינעם ווייניקער! אַ דאַנק גאָט!

אַנטקעגן אים זיצט נאָך אַ קאָזאַקן־אָפֿיצער, אַ דאָקטער. די גאַנצע צײַט שווײַגט ער. דאָ רופֿט ער זיך אָפּ:

— אַלע פֿאַלן־אַן אויף ייִדן. וואָס וויל מען פֿון זיי?

אַזאַ מין פֿראַזע פֿון אַן אָפֿיצער, ובפֿרט אַ קאָזאַק, איז פֿאַר מיר אַזוי אומגעוויינלעך, אַז איך גיי־צו און הייב זיך אָן צוהערן.

— דאָס נידערטרעכטיקסטע פֿאָלק! — ענטפֿערט דער ערשטער.

— לאָזט צו רו! פֿאַראַן בײַ ייִדן אַזעלכע מידות, וועלכע מיר האָבן געמעגט זיך לערנען. אָט, דהײַנו: איר קומט אין אַ ייִדיש שטעטל, וועט איר דאָרט קיין „מיידעלעך" נישט קריגן. בײַ זיי זײַנען שטרענגע פֿאַמיליען־יסודות. אַ וווּנדערלעכע ריינקייט פֿון זיטן. צו פֿופֿצן יאָר מאַכט מען חתונה קינדער.

— אָבער פֿון זיי נעמט זיך אַל דאָס בייז. ווו זיי קאָנען נאָר, גראָבן זיי זיך אונטער אונדז אונטער. מיט צען יאָר צוריק זײַנען זיי געווען די ערשטע אויפֿטוער אין דער רעוואָלוציע. איך בין דעמאָלט געשטאַנען אין מינסקער גובערניע.

— און איך בין געווען אין אַזאַ אָרט, ווו קיין איין ייִד האָט זיך נישט געפֿונען און דאָרט זײַנען פֿון דעסט וועגן געווען אַגראַר־אומרוען און שטרײַקן... ניין, דאָס איז שוין אַ רגילות, נישט טראַכטנדיק, וואַרפֿן אַלץ אויף ייִדן.

— אָבער זיי זײַנען דאָך אונדז דם־שונאים!

— און פֿאַר וואָס זאָלן זיי אונדז ליב האָבן? דערפֿאַר וואָס מיר פֿאַרפֿאָלגן, זידלען און הענגען זיי? נאָר וואָס פֿאַר אַ דאגה איז מיר, צי זיי ליבן מיך אָדער האָבן מיך פֿײַנט? די הויפּטזאַך — וואָס טוען זיי אונדז? און איך זע נישט, זיי זאָלן אונדז טאָן בייז. אין דער אַרמיי זײַנען דאָ עטלעכע הונדערט־טויזנט ייִדן. מיט וואָס באַדאַנקען מיר זיי? מיט דעם וואָס מיט טענהן, אַז פֿון ייִדן קומט אַל דאָס בייז. און איך זאָג אײַך, אַז אין דעם אַלעם זײַנען שולדיק די פֿאַ־

ליאַקן. דאָס רעכענען זיי זיך אָפּ מיט ייִדן און מאַכן אויף זיי ביל־בולים. און באמת זײַנען די פּאָליאַקן פיל גרעסערע פּײַנד אונדז.

... אין אַ קורצער צײַט אַרום האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבערצײַגן, אַז די פּאָליאַקן פירן די בילבולים־אַגיטאַציע נישט בלויז אין דער אַרמיי און צווישן די פּאָלקסמאַסן, נאָר אויך צווישן די אינטעליגענטע און ליבעראַלע פאָרשטייערס פון רוסלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין פּוילן.

אָסיפּ דימאָוו

וואָס איך געדענק *

אין רוסלאַנד איז דאָ אַ ווערטל: „דער טײַך וואָלגאַ נעמט זיך פון אַ גאָר קליינער אָזערע: אַ הון קען עס דורכגיין צו פוס". די גרויסע רוסישע איבערקערעניש, צו ערשט אין יאָר 1905 און דער־נאָך אין 1917, האָט אויך געהאַט אַזאַ „אָזערע". אָט די „קליינע, ניט וויכטיקע" פּאַסירונג איז געווען די דראַמע „קאָנטראַבאַנדיסטן" וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין סוואָרינס „קליינעם" טעאַטער, אין ווינטער פון 1902 אָדער 1903. פאַרשטייט זיך, די רוסישע רע־וואָלוציע האָט געהאַט פיל טיפערע היסטאָרישע וואָרצלען און סי־בות. זי וואָלט געקומען אויך אָן דער פּיעסע קאָנטראַבאַנדיסטן. אָבער דער ערשטער עפנטלעכער אויסבראָך, דער מאַסן־פּראָטעסט פון דער רוסישער געזעלשאַפט, איר אָפענער קאַמף קעגן דער ביוראָקראַ־טיע, איר פאַרלאַנג צו „קומען צום וואָרט", צו ווײַזן איר אייגענעם ווילן — דאָס איז פאַרגעקומען בײַ דער פאַרשטעלונג פון אַ נישטי־קער, טאַלאַנטלאָזער דראַמע, אָנגעשריבן פון אַ גאָר אומבאַקאַנטן נאָמען: ליטווין.

---

* פון 2טן באַנד זכרונות, ניו־יאָרק 1944.

ווי נאָר דער „מאַלי“ (קליינער) טעאַטער — דער זעלביקער וואָס האָט מיר געגעבן אַ פּרײַז פֿאַר מײַן פּיעסע — האָט באַשלאָסן אויפֿצופֿירן קאָנטראַבאַנדיסטן, האָט מען שוין געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און אָנגעפֿאַנגען קאָכן זיך: „ניין, די פּיעסע וועט מען ניט אויפֿפֿירן!“

די דאָזיקע דראַמע איז געווען אַן אַנטיסעמיטישע. ביז דעמאָלט האָט מען קיין אַנטיסעמיטישע פּיעסן אויף דער רוסישער בינע ניט געשפּילט און ניט געטראַכט צו שפּילן. דאָ אָבער האָט איינער פֿון די גרעסטע און רײַכסטע טעאַטערס אין רוסלאַנד, געפֿירט פֿון אַ גרויסן זשורנאַליסט, סוואָרין, באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט אַזאַ מין דראַמע. וואָס איז די סיבה? שמוציקע פּאָליציי־פּאָליטיק, וועלכע האָט אין זינען אויפֿצוהייבן אַ העצערײַ קעגן ייִדן, אַ נידערטרעכטיקער פּלאַן אַרויסצושטעלן ייִדן אין אַ שלעכטן ליכט, כּדי דורך דעם אָפּצוציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַנדערע וויכטיקע לאַנד־פּראָבלעמען — אַן אַלט, הונדערטער מאָל אויסגעפּרוּווט מיטל!

ניט אַנדערש ווי סוואָרין און מענטשן אַרום אים האָבן באַקומען אַ געוויסן ווונק פֿון „אויבן“, אַ „רעקאָמענדאַציע“, וואָס איז ענלעך צו אַ באַפֿעל, צו נעמען זיך צו ייִדן. סוואָרינס „נאָוואָיע ווּרעמיאַ“ איז דאָך פֿון אָנפֿאַנג אָן געווען פֿאַרבונדן מיט די קאָנסערוואַטיווסטע עלעמענטן און די טונקעלע פּערזענלעכקייטן, וואָס זײַנען געווען אומעטום אין די וויכטיקסטע מלוכה־אַנשטאַלטן: אין דער פּאָליציי, אין געריכט, אין מיליטער־קרײַזן. סוואָרינס צײַטונג (אָבער ניט זײַן טעאַטער) האָט תּמיד געדינט אָט די דאָזיקע עלעמענטן. דאָס האָט מען געוווּסט. איצט אָבער האָט ער געוואָלט, אַז אויך זײַן טעאַטער זאָל זיך פֿאַרנעמען אויף דעם זעלביקן וועג.

זייער אומבאַקוועם האָבן זיך געפֿילט די וואָס זײַנען געווען פֿאַרבונדן מיטן „קליינעם טעאַטער“ און האָבן ווײַט ניט צוגעשטימט צו סוואָרינס פּאָליטיק. דער רעזשיסער קאַרפּאָוו, אַ געוועזענער „פּאָליטישער פֿאַרברעכער“, אַ זייער אָנשטענדיקער מענטש, איז

אַרומגעגאַנגען אַן אַנגעכמורעטער, אַ בייזער. ער האָט מיר דער־ציילט, ווער דער מחבר פֿון דער דראַמע קאָנטראַבאַנדיסטן איז גע־ווען. זײַן אמתער נאָמען איז געווען עפֿראָן. ער האָט געשטאַמט, דוכט זיך, פֿון ווילנע, האָט זיך געשמדט צוליב אַ שטיקל קאַריערע. האָט ער עפּעס פֿריִער געשריבן? ניין. אַרום פֿערציק יאָר אַלט, האַלט ער זיך מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיק, רעדט ווייניק, איז גוט אָנגעטאָן און, ווי עס זעט־אויס, האָט ער אַ ביסל געלט אויך. צו סוואָרינען האָט אים געבראַכט דער „גענעראַל״ פּלושטשיק־פּלוש־טשעווסקי.

ווי נאָר קאַרפּאָוו האָט דערמאָנט דעם דאָזיקן נאָמען, איז מיר די זאַך געוואָרן אַ סך קלאָרער. פּלושטשיק־פּלושטשעווסקי איז גע־ווען איינער פֿון די דירעקטאָרן פֿון דעם טעאַטער. אין דער זעלבי־קער צײַט אָבער איז ער אויך געווען אַ וואַזשנער באַאַמטער אין דעם מיניסטעריום פֿון אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן, וואָס איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער פּאָליציי, מיט זשאַנדאַרמעריע און נאָך מער מיט דער פּאָליטישער געהיים־פּאָליציי — „אָכראַנאַיאַ אָטדעלעניע״, אָכ־ראַנקאַ. אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט קורץ אָפּגעשוירענע גרויע וואָנ־צעס, מיט עלעגאַנטע פּענסנע אויף דער נאָז. שטענדיק העפֿלעך, פֿרײַנדלעך, אַ ליבהאָבער פֿון דראַמע, מוזיק און באַלעט, האָט ער געמאַכט אויסערלעך אַ גאַנץ גוטן אײַנדרוק. אָבער צו טרעפֿן זיך מיט אים, צו ריידן מיט אים און דיסקוטירן פּראָבלעמען פֿון טעאַ־טער און קונסט, איז פֿאַרט געווען ניט אײַנגענעם. און מיר איז אויסגעקומען אָפֿט דאָס צו טאָן, ווײַל ער (אַזוי ווי איך) איז געווען אין איינעם מיט אַנדערע אין דעם פּרעזידיום פֿון דעם „פֿאַרבאַנד פֿון רוסישע דראַמאַטישע שרײַבער״, און דאָרטן, בײַ זיצונגען, האָבן מיר זיך אָפֿט געטראָפֿן.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי אַזוי פּלושטשיק האָט אָנגעפּאַנגען די גאָר נישקשהדיקע קאַריערע זײַנע, וואָס ער האָט געמאַכט. דאָס איז געווען אין יאָר 1881, נאָך דער דערמאָרדונג פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. צווישן די מערדערס איז אויך גע־

ווען, ווי באַקאַנט, דאָס ייִדישע מיידל העסיע העלפֿמאַן. דאָס העכערע געריכט האָט זי פֿאַראורטלט צום טויט, אויפֿצוהענגען. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי דאַרף ווערן אַ מוטער. פֿון אָנפֿאַנג האָט די רעגירונג געוואָלט פֿאַרקוקן די זאַך: שוואַנגער — נו, איז וואָס? ווער דאַרף דאָס האָבן העסיע העלפֿמאַנס קינד? זאָלן זיי הענגען ביידע, די מוטער און דאָס נאָך ניט געבוירענע קינד. אָבער די פֿראַנצייזישע צייטונגען האָבן אויפֿגעהויבן אַ גוואַלדיקן פּראָטעסט און מען האָט אָפּגעהאַלטן אין פֿראַנקרייך גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען. האָט די רוסישע רעגירונג באַשלאָסן, אַז הענגען וועט זי טאַקע הענגען, אָבער ניט פֿריִער ווי זי וועט האָבן איר קינד. און אַזוי איז טאַקע געווען: די אומגליקלעכע האָט געבוירן אַ טאָכטער אין טורמע. אויפֿן באַפֿעל פֿון נײַעם צאַר, אַלעקסאַנדער דעם דריטן, האָט דאָס קינד געדאַרפֿט אַוועקגענומען ווערן פֿון דער מוטער און געבראַכט ווערן אין אַ יתומים־אַנשטאַלט אונטער אַן אַנדערן נאָמען. אין טורמע האָט זיך באַוויזן אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט אויסגעפֿירט דעם באַפֿעל פֿון צאַר: אָפּגעריסן דאָס קינד פֿון דער מוטער, וועלכע איז אין גיכן נאָך דעם געשטאָרבן. דער דאָזיקער יונגער באַאַמטער איז געווען פּלושטשיק־פּלושטשעווסקי, איצט, דער „גענעראַל", מײַן קאָלעגע אין שרײַבער־פּרעזידיום. דער העלפֿער, גוט דערצויגענער יונגער זשאַנדאַר האָט געטאָן וואָס מ'האָט אים געהייסן. מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט מען אים געהייסן באַהאַלטן העסיע העלפֿמאַנס קינד און הײַנט האָט מען אים געהייסן שאַפֿן אַן אָפֿענע ניטגינציקע שטימונג קעגן ייִדן, אַרויסשטעלן זיי אין אַ שלעכטן ליכט — האָט ער ווידער געפֿאָלגט און געלאָפֿן צו סוואָרינען, צו דעם אַלטן פֿוקס, דורכצופֿירן דעם באַפֿעל.

קאַרפּאָוו האָט מיר דערציילט דעם אינהאַלט פֿון די קאָנטראַבאַנדיסטן. די האַנדלונג קומט־פֿאָר אין אַ פּויליש־ייִדישער שטאָט נעבן דער סאַמע דײַטשישער גרענעץ. דער מחבר פֿירט אונדז אַרײַן אין אַ הויז פֿון אַ ייִדישער משפּחה. דאָ איז דער טאַטע, זײַן ווײַב, זײַן זון און די יונגע שיינע טאָכטער. זיי זײַנען קאָנטראַבאַנדיסטן

— אַלע. (דאָס גאַנצע שטעטל) זײַנען קאָנטראַבאַנדיסטן. מען שלעפּט־אַרײַן דורך דער גרענעץ שפּיצן, זײַדנס, פֿוטערס, ווײַן. מען מאַכט געלט. מען באַראַבעוועט די רוסישע רעגירונג. אין שטאָט קומט צו פֿאָרן אַ יונגער „סלעדאָוואָטיעל״ [1]. ער וויל אויסגעפֿינען, ווער עס זײַנען די געפֿערלעכע קאָנטראַבאַנדיסטן, די גנבֿים. אָבער די כיטרע ייִדן פֿאַרשטייען ווי זיך צו אויסבאַהאַלטן. דער יונגער סלעדאָוואָטיעל איז פֿאַרצווייפֿלט. וואָס אָבער טוט גאָט? די שיינע טאָכטער פֿון דעם קאָנטראַבאַנדיסט, די „זשידאָוואָטשקאַ״, פֿאַרליבט זיך אין דעם קריסטלעכן „סלעדאָוואָטיעל״ און ער אין איר. דערציילט די טאָכטער אַלצדינג וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין איר טאַטנס הויז. דער סלעדאָוואָטיעל כאַפּט די בייזע באַנדע, און צום סוף טריומ־פֿירט די הייסע ליבע פֿון די צוויי הערצער. גאָר צום סוף האָט נאָך געדאַרפֿט טריומפֿירן סוואָרין מיט אַלע די וואָס זײַנען געשטאַנען הינטער אים. אָבער קעגן דעם האָט זיך אויפֿגעהויבן אַן אומגעהײַער שטאַרקער פּראָטעסט.

רוישיק און אומרוזיק איז געוואָרן הינטער די קוליסן פֿון דעם „קליינעם טעאָטער״, צווישן די שוישפּילערס, וואָס האָבן געדאַרפֿט שפּילן די פּיעסע. די שוישפּילערס זײַנען אַלע געווען קריסטן, מיט איין־איינציקן אויסנעם פֿון דעם געשמדטן טינסקי (שיף), וועלכער האָט געדאַרפֿט שפּילן דעם ייִדן, דעם הויפּט־קאָנטראַבאַנדיסט. ער האָט זייער ווייניק געהאַט צו טאָן מיט ייִדן, אָבער האָט זיך פֿאָרט געפֿילט זייער אומבאַקוועם. האָט ער זיך געבעטן בײַ סוואָרינען, ער זאָל אים באַפֿרײַען פֿון דער ראָלע. אָבער דער „אַלטער״ האָט זיך צעהיצט און געזאָגט צו טינסקין:

— אָדער איר שפּילט די ראָלע, אָדער איר פֿליט־אַרויס פֿון מײַן טעאָטער.

צווישן די מיטגלידער פֿון דער טרופּע איז געווען אַ שוישפּי־לערין, אַ קריסטין, וואָס האָט באַוויזן אַ סך מער מוט און אַנט־

---

[1] אויספֿאָרשער פֿאַרן געריכט.

שלאָסנקייט ווי איר קאָלעגע טינסקי. דאָס איז געווען לידיאַ יאַ־וואָרסקאַיאַ, אין פּריוואַטן לעבן — פּירשטין באַריאַטינסקאַיאַ. זי איז געווען איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע פֿיגורן פֿון דעם דעמאָל־טיקן פּעטערבורג. יונג, שיין, געבילדעט, ענערגיש, באַגאַבט. זי האָט געשטאַמט פֿון אַ זייער פֿאַרנעמער משפּחה מיטן נאָמען גיובענעט. איר פֿאָטער איז געווען איבער־פּאָליץ־מײַסטער אין קיִעוו, איר אָנקל — מיניסטער פֿון טראַנספּאָרט, איר ברודער — הויפּטכירורג. דאָס יונגע מיידל האָט געחלומט צו ווערן אַ שוישפּילערין, און ניט גלאַט אַבי אַ שוישפּילערין, נאָר די בעסטע, די שענסטע. זי איז געווען פֿול מיט אַמביציע און געהאַט אַן אומגעוויינלעך שטאַרקע ווילנס־קראַפֿט, וואָס האָט ביז אַ געוויסער מאָס איר געדינט אַנשטאָט דעם גרויסן טאַלאַנט, וועלכן זי האָט לײדער ניט געהאַט. אירע טעאַטער־מיטלען זײַנען געווען באַגרענעצטע, אָבער זי האָט געהאַט אַ שיינע, שלאַנקע פֿיגור; איר ענערגיש אויסזעענדיק פּנים האָט געשטראַלט מיט קלוגשאַפֿט, מיט אינטעליגענץ; אַ קרוין פֿון העלבלאָנדע דיקע האָר איז געלעגן עפֿעקטפֿול אויף איר קאָפּ; אירע בינע־אינטאָנאַ־ציעס זײַנען געווען אָריגינעל — מען האָט געקענט אָננעמען, אַז דאָס איז טאַלאַנט... אָבער אין זאַך האָט זי זיכער געהאַט מער ווי טאַלאַנט, מער ווי בילדונג און חכמה: פּערזענלעכקייט! דאָס האָט זיך געפֿילט אין יעדער באַוועגונג אירער. איר שטאַרקע אינדיווידואַלי־טעט האָט געהאַט אין זיך עפּעס האַרט, פֿעסט, אַנטשלאָסן. זי איז געווען מער מענלעך ווי ווײַבלעך.

אין דעם „קליינעם טעאַטער" איז זי געווען די „פּרעמיערשע" (סטאַר) און האָט געשפּילט די ערשטע ראָלן. אייגנטלעך האָבן מענ־טשן געהאַט ווייניק הנאה פֿון איר שפּילן. זי האָט קיינעם ניט גע־רירט. אָבער יעדער איינער האָט זיך צוגעהערט צו איר — אַזוי שטאַרק איז געווען איר פּערזענלעכקייט.

דער יונגער פּלאַט־אָפֿיצער פּירשט וולאַדימיר באַריאַטינסקי האָט זיך פֿאַרליבט אין איר. באַריאַטינסקי האָט געשטאַמט פֿון איי־נער פֿון די פֿײַנסטע משפּחות אין רוסלאַנד און זײַן יחוס איז אַ סך

עלטער געווען ווי פֿון דעם צאַר אַליין. די ראָמאַנאָווס זײַנען שוין לאַנג ניט געווען קיין ראָמאַנאָווס — דער פֿאָדעם פֿון זייער דינאַסטיע איז עטלעכע מאָל איבערגעריסן געוואָרן זינט דעם יאָר 1613, ווען דער ערשטער ראָמאַנאָוו, מיכאַיִל, איז אויסגעווײלט געוואָרן צו פֿאַרנעמען דעם רוסישן טראָן. די באַריאַטינסקיס אָבער האָבן געשטאַמט פֿון די רוריקאָוויטשעס, דאָס הייסט, פֿון די ערשטע סקאַנדינאַווישע פֿירשטן, וועלכע זײַנען גערופֿן געוואָרן צו קומען הערשן אין רוסלאַנד, ווי די לעגענדע דערציילט דאָס. זיכער האָבן זיי דעמאָלט געהערשט מיט אַן אײַזערנער האַנט, אָבער דער הײַנטיקער פֿאָרשטייער פֿון די אַמאָליקע וואַריאַגן (סקאַנדינאַוון), דער יונגער פֿירשט וולאַדימיר, האָט געהאַט ווייניק ענלעכקייט צו אַ נאָרדישן הויפּטלינג, צו אַ וויקינג. ער איז געווען אַ שטילער, אויסגעצייכנט דערצויגענער מענטש, מיט אויסערגעוויינלעכע העפֿלעכע מאַנירן, מיט ווייכע, כּמעט ווײַבלעכע באַוועגונגען. אַזוי אײדל און ווייך איז געווען זײַן מאַניר צו ריידן, אַז עס איז פֿאַר אים שווער געווען אַרויסצושטופּן פֿון זיך דעם האַרטן בוכשטאַב „ר"; עס האָט בײַ אים געקלונגען ווי „גהע". דאָס האָט אים צוגעגעבן חן, אַ מין מילכיקע הילפֿלאָזיקייט, וואָס האָט, נאַטירלעך, אַפּעלירט צו פֿרויען מיט אַ מענלעכער, האַרטער נאַטור. די שיטערע גאָלדענע האָר זײַנע און דאָס געלע ווייכע בערדל, וואָס ער האָט געטראָגן, כּדי צו מאַכן זיך אויסזען עלטער, ווײַל ער איז געווען זייער יונג, האָבן צוגעגעבן נאָך מער „מילכיקייט" זײַן ראַפֿינירטן, אַ ביסל דעקאַדענטישן אויסזען.

איך האָב אים עטלעכע מאָל געזען הינטער די קוליסן פֿון דעם „מאַלי טעאַטער". איך פֿלעג קומען באַזוכן די חנעוודיקע נאַדיאַ מוזיל, אין וועלכער איך בין געווען פֿאַרליבט און וועלכע איז לײַדער געווען צו מיר גלײַכגילטיק. ער פֿלעגט קומען באַזוכן די פּרימאַדאָנע יאַוואָרסקאַיאַ, אין וועלכער ער איז געווען פֿאַרליבט און וועלכע האָט אים — ווער ווייס וואָס זי האָט געפֿילט צו אים? אין סוואָרינס קרײַזן איז מען געווען זייער צופֿרידן צו האָבן אין טעאַ־

טער הינטער די קוליסן אַזאַ וואַזשנעם גאַסט. אַ קלייניקייט! זײַן טאַטע איז דאָך געווען דער אַדיוטאַנט פֿון דער אַלטער קייסערינע, מאַריאַ פֿיאָדאָראָווגאַ, פֿון ניקאָלײַ דעם צווייטנס מאַמע. דער יונגער פֿירשט וולאַדימיר אַליין, האָט מען גערעדט, איז געווען אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון צאַר. שפּעטער, ווען איך האָב זיך מער אָדער ווייניקער באַפֿרײַנדט מיט באַריאַטינסקין, האָט ער מיר איין מאָל געוויזן דעם צאַרס פּאָרטרעט, וועלכער איז געשטאַנען בײַ אים אויפֿן שרײַבטיש. דאָס בילד האָט געהאַט דעם צאַרס אויפֿשריפֿט: „מײַן ליבן וואָווע, פֿון ניקאָלײַ". און וואָוואַ (פֿאַרקירצט פֿון „וולאַדימיר") האָט זיך גאָר ניט אַזוי באַרימט מיט דער דאָזיקער צאַרישער מתּנה: עס שטייט אויפֿן טיש — זאָל עס שטיין...

אין גיכן איז לידיאַ יאַוואָרסקאַיאַ געוואָרן פֿירשטין באַריאַטינסקאַיאַ. אין דער זעלביקער צײַט אָבער איז דער יונגער אָפֿיצער געוואָרן אויס פֿלאָט־אָפֿיצער, ווײַל עס איז געווען אַן אומדערהערטע שאַנדע, אַ פּשוטער סקאַנדאַל, חתונה צו האָבן מיט אַן אַקטריסע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דאָזיקע אַקטריסע איז געווען אַ „דוואָריאַנקע" פֿון די אַדעליקע.

— זאָל זי פֿאַרלאָזן די בינע — האָט דער צאַר באַפֿוילן — אָדער זאָל וואָוואַ פֿאַרלאָזן דעם פֿלאָט!

וואָוואַ האָט זיך געפֿילט מער באַקוועם אויף דער יבשה. און וואָס טוט מען ניט פֿאַר אַ שיינער פֿרוי? ער האָט אַרונטערגענומען פֿון זיך דעם שיינעם מונדיר און זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן שטערבלעכן. די „העכערע" און די גאַנץ „הויכע" קרײַזן זײַנען פֿון דעם מאָמענט אָן געוואָרן אָפּגעשניטן פֿאַר אים: אויס צאַר מיט זײַנע פּאָרטרעטן, אויס הויפּטבעלער מיט די אַלע פֿירשטן און גרויספֿירשטן...

באַריאַטינסקי איז געגאַנגען נאָך ווײַטער: אין יענע טעג האָט זיך געגרינדט אין פּעטערבורג אַ נײַע צײַטונג סעווערני קוריער. זי איז געווען די ערשטע גרויסע טעגלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונג אין דער געשיכטע פֿון רוסלאַנד. פֿירשט באַריאַטינסקי איז

געוואָרן איינער פֿון די צוויי רעדאַקטאָרן פֿון דער דאָזיקער „געפּער־לעכער" צײַטונג. איך צווייפֿל זייער אין דעם, צי ער איז געווען טאַקע אַזוי פֿעסט און געניט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טע־אָריע — ווײַל ווו און ווען האָט ער דאָס געקאָנט זיך אויסלערנען? זיכער ניט בײַ זײַן טאַטן, דעם פּליגל־אַדיוטאַנט... אָבער דאָס האָט ניט געשאַט דער יונגער צײַטונג.

דערפֿאַר האָט דער צווייטער רעדאַקטאָר, קאָנסטאַנטין אַראַ־באַזשין, שוין גאָר גוט געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַראַבאַ־זשין איז געווען אַ פּריוואַט־דאָצענט פֿון פּעטערבורגער אוניווערסי־טעט. ער האָט געמיינט גוט, אָבער מען האָט אים ניט געגלייבט. עפּעס ניט ערנסטס, ניט זיכערס, ניט איבערצײַגנדיקס איז געווען אין זײַן פּערזענלעכקייט. טיילווײַז האָט מען מורא געהאַט פֿאַר אים און טיילווײַז ניט געוואָלט אין גאַנצן אים זען — איך ווייס ניט אויף געניי, וואָס אייגנטלעך איז געווען די סיבה. פּערזענלעך האָט ער געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק, איז געווען פֿרײַנדלעך, העפֿלעך, האָט געקאָנט גוט ריידן.

יאַוואָרסקאַיאַ, די פֿרוי פֿון דעם רעדאַקטאָר פֿון „קוריער", האָט געדאַרפֿט שפּילן די ראָלע פֿון דער „שיינער יידישקע", וואָס פֿאַר־ראַט דעם אייגענעם טאַטן, איר אייגן פֿאָלק, גייט־אַוועק צום בראַוון סלעדאָוואַטיעל און שמדט זיך...

— איך וועל די ראָלע ניט שפּילן! — האָט יאַוואָרסקאַיאַ רויִק אָבער פֿעסט אַרויסגערעדט מיט איר אַ ביסל אַ הייזעריקער שטים.

סוואָרין האָט איר געזאָגט דאָס זעלביקע וואָס טינסקין, דעם משומד.

— אָדער איר שפּילט, אָדער איר וועט מוזן פֿאַרלאָזן מײַן טעאַטער.

טינסקי־שיף האָט זיך אונטערגעוואָרפֿן און איז געבליבן. יאַ־וואָרסקאַיאַ איז אַרויס פֿון טעאַטער.

יאַוואָרסקאַיאַ האָט זיך צעקריגט מיט סוואָרינען... פֿירשטין באַריאַטינסקאַיאַ איז קעגן די קאָנטראַבאַנדיסטן און פֿאַר יידן...

געזווינס פֿאַר דער רעוואָלוציע! — האָט מען זיך געטראַכט און געפֿרייט זיך מיט דעם, וואָס אָט גייט עס אין רוסלאַנד פֿאָמע־לעך פֿאָרויס. דעמאָלט, אין „פֿאַרפֿרילינג־טעג״ פֿון רוסלאַנדס חלומות וועגן באַפֿרײַונג, האָט מען אַלצדינג אָפּגעמאָסטן מיט דער זיסער מאָס פֿון דער רעוואָלוציע. זי גייט שוין, זי קומט שוין, זי איז שוין בײַ דער טיר... — און דאָ שטעלט מען איר אין וועג דעם בייזן פּלאַן מיט די קאָנטראַבאַנדיסטן! און פֿירשטין באַריאַטינסקאַיאַ מיט איר מאַן ווענדן זיך עפֿנטלעך אָפּ פֿון די „שוואַרץ־מאַהניקעס״ און דריקן־אויס זייער סימפּאַטיע צו אַלע אונטערגעדריקטע און פֿאַר־פֿאָלגטע! לאַנג לעבן זאָלן זיי ביידע!

אַ פּאָר טעג פֿאַר דער אויפֿפֿירונג האָט דער מחבר פֿון דער פּיעסע געזאָגט צו קאַרפּאָוון, דעם רעזשיסער:

— אפֿשר שפּילן, אַז דער ערשטער אַקט קומט־פֿאַר פּרײַטיק־צו־נאַכטס?

— פֿאַר וואָס גראַד פּרײַטיק? וואָס איז דער אונטערשייד?

— נו, פּרײַטיק־צו־נאַכטס איז דאָך שוין שבת. די ייִדן דאַוונען, פּראַווען דעם יום־טובֿ און מאַכן אַזוי, אַז ווי זיי דאַוונען־אָפּ, זאָלן זיי גיין צו זייער געשעפֿט: אַריבערצושיקן איבער דער גרענעץ די קאָנטראַבאַנדע...

— ניין, ניין! — האָט פּראָטעסטירט קאַרפּאָוו — דאָס טאָרט איר ניט טאָן. צו וואָס דאַרפֿט איר באַליידיקן די ייִדן אַזוי טיף?

— עס וואָלט געווען אַ סך טעאַטראַלישער, שענער... — האָט געענטפֿערט דער מחבר.

נאָך אַ זאַך האָט קאַרפּאָוו מיר דערציילט, און זײַן פּנים און זײַן שטימע האָבן אויסגעדריקט שפּאָט:

— נעכטן האָט ליטווין געבראַכט אין טעאַטער אַ פּאָר בילדער, וועלכע דאַרפֿן הענגען אין שטוב, ווו זײַנע ייִדן ווינען. אויף איין בילד איז געווען אַ טיפּישער אַלטער ייִד; אויף דעם אַנדערן — אַ ייִדישע פֿרוי אָנגעטאָן אין אַלטמאָדישע קליידער.

— פון וואַנען האָט איר גענומען די בילדער? זיי זעען־אויס עכט... — האָט אים קאַרפּאַוו געפרעגט.

— דאָס זיינען מיין זיידע און באָבע... — האָט דער משומד גע־ענטפערט.

קאַרפּאַוו האָט זיך בייז צעלאַכט:

— דאָס הייסט, אַז דער פּראָפעסאָר האַלט פאַר נייטיק אַריינ־צוברענגען אין דעם הויז פון גנבים און קאָנטראַבאַנדיסטן זיין זיידן און באָבען. אַ פיינע מיינונג האָט ער פון זיין אייגענער משפחה!

מ. י. בערדיטשעווסקי

פון שווערע צייטן

קינות

אין איטלעכער דראַמע געפינט זיך אַ בלעטל נאָכן שער־בלאַט, וואָס דאָרטן שטייען פאַרצייכנט די אַלע פערזאָנען, וואָס טרעטן־אויף אין דער דראַמע, און ווי אַזוי זיי הייסן. געוויינטלעך ווייסט מען נאָך גאָר נישט פון דעם צעטל אַליין אידער מען האָט נישט גע־לייענט די דראַמע. דער נאָמען פון אַ מענטש זאָגט אונדז נאָך גאָר נישט פון זיין לעבן און מען ווייסט נאָך נישט פון דעם, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אָבער עס זיינען פאַראַן יחידי־סגולה פון משור־רים, פּאָעטן, וואָס ביי זיי וויסן מיר שוין באַלד פון די נעמען, וואָס דאָס זיינען פאַר אַ מענטשן. לייענט נאָר איבער דאָס צעטל פון פער־זאָנען אין אַ דראַמע פון מעטערלינקן און זעט דאָרט שטיין: עס טרעט־אויף אַ פרעמדער מענטש — גיט עס אַ צאַפּל אין אונדז: ווער איז דער פרעמדער? עפּעס מוז אין אים עפּעס זיין, וואָס געפינט זיך נישט אין ס׳רוב מענטשן; און מיר הייבן־אָן מורא צו האָבן פאַר

דעם פֿרעמדן מענטש. עפּעס זאָגט אונדז דאָס האַרץ, אַז מען שמו־עסט דאָ פֿון אַ מוראדיקן צער...

שיקט־אַרײַן אַ שרײַבער פֿון שטאָט אַ צעטל, אַ קורץ טרויעריק צעטל פֿון די דערהרגעטע אין קאַלאַראַש בשעת דעם פּאָגראָם און וואָס מ'האָט זיי מקבר געווען אויפֿן דאָרטיקן בית־עלמין. אַזעלכע מיני צעטלען האָבן מיר געלייענט אַ סך און נישט אין שבֿט־יהודה פֿון די אַמאָליקע צײַטן, נאָר אין די צײַטן פֿון בימים האלה ובזמן הזה. הונ־דערטערווײַז האָבן די קאָרעספּאָנדענטן איבערגעציילט די נעמען פֿון די הרוגי־ישׂראל. וואָס זאָג איך הונדערטערווײַז, לאין מספּר! און איטלעכע שטאָט האָט זיך געבראַכט איר חשבון פֿון די הרוגים און דאָס ציילט מען מיט טרוקענע ציפֿערן. נשמות פֿון מענטשן, וואָס זײַנען צעבראָכן געוואָרן אין מיטן פֿון זייער לעבן, ווערן באַרעכנט מיט ציפֿערן... אָבער דער קאָרעספּאָנדענט רעכנט נישט אַזוי פּראָסט, ווי אַלע זײַנע חבֿרים. נעבן איטלעכן הרוג שטעלט ער אַוועק צוויי רינגעלעך און צווישן די האַלבע רינגעלעך פֿאַרטײַטשט ער קורץ, ווער איז דאָס געווען, וואָס אויף אים איז נגזר געוואָרן דער גזר מן השמים...

איינער פֿון די הרוגים אין דער שטאָט (דער צווייטער אינעם צעטל), וואָס מען האָט זיי דערהרגעט אין מיטן העלן טאָג, וואָס זיי האָבן זיך דערויף נישט געריכט און נישט געזאָגט קיין ווידוי און וואָס אַפֿילו אַ שעה פֿאַרן טויט האָבן זיי נישט געוווּסט, אַז זיי דאַרפֿן שטאַרבן, און דאָס נישט פֿונעם מלאך־המוות, וואָס שווענקט כאָטש אָפּ דאָס מעסער, — נייִן, מחיות רעות בדמות אָדם — איינער פֿון אָט די, וואָס אויף זיי זײַנען מקוים געוואָרן אין איין מינוט די אַרבע מיתות בית־דין, איז געווען אליעזר דײַטש, און די דריטע דערהרגע־טע הייסט יענטע דײַטש, און בײַ יענטע דײַטש מאַכט דער שרײַבער אַ פּאָר האַלבע רינגעלעך און שרײַבט צווישן זיי אַרײַן: אליעזרס ווײַב. איר פֿאַרשטייט: שטאַרבט דער טאַטע, בלײַבט די מאַמע פֿאַר די קינדער; שטאַרבט די מאַמע— בלײַבט דער טאַטע. דאָ איז אָבער געווען: ואשכּל גם שניהם ביום אחד. נאָך נעכטיקן טאָג זײַנען זיי

געזעסן אין איינעם, אליעזר דײַטש מיט זײַן ווײַב יענטע, אין איינעם מיט זייערע קינדער, און אויפֿן אַנדערן טאָג איז שוין די מוראדיקע שרעק אין שטאָט, און ווי די בייזע וועלף האָבן זיך די באַנדעס גע־וואָרפֿן אויף ייִדן, פֿאַרברענט זייערע הײַזער, געררויבט און געפּלינ־דערט זייער פֿאַרמעגן, דערהרגעט און פֿאַרוווּנדיט הונדערטער מענטשן. וואָס זאָל איך מאַריך זײַן? ס׳איז געקומען פֿאַר נאַכט, זײַנען שוין די קינדער פֿון אליעזר און יענטען, ווי נאָך אַ סך אַנדערע קינדער, געוואָרן יתומים, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, און די שטאָט קאַלאַ־ראַש איז חרובֿ ונחרבֿ...

דער פֿערטער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן, הייסט דובֿ בערקאָ־וויטש, און דער קאָרעספּאָנדענט פֿאַרטײַטשט אין אַ פּאָר האַלבע ריב־געלעך: אַ גבֿיר, וואָס איז געווען באַוווּסט מיטן נאָמען בערל ליבעס אויף דער גאַנצער סבֿיבֿה. אליעזר דײַטש איז געווען אַ ייִד אַ באַ־לעבאָס, אַן ערלעכער מענטש, וואָס איז זיך נאָכגעגאַנגען זײַנס: אַזוי־נע ווי ער זײַנען געווען די דערהרגעטע: דוד פֿינקל, יעקבֿ קרימער, יוסף דאַמייער, אַבֿרהם מאַגינשטיין, אַבֿרהם פֿאַוויס, לויטער ייִדן, וואָס האָבן אפֿשר געהאַט חיונה און דאָס איז נישט אָנגעקומען גרינג; בערל ליבעס אָבער, דאָס איז געווען דער גבֿיר נישט פֿון דער שטאָט אַליין, נייִן, דער גבֿיר פֿון גאַנץ בעסאַראַביע, אַ ייִד וואָס האָט געהאַט אַ סך ווײַנגערטנער און קעלטערס, אַ ייִד וואָס הונדערטער מענטשן, ייִדן און גויִים, האָבן אַרום אים געלעבט. דאָס איז נישט געפּלאַצט איין סטרונע, דאָ איז צעריסן געוואָרן אַ שטיק לעבן פֿון אַ שטיק מדינה. נישט איין מענטש איז געוואָרן דערהרגעט, נאָר בײַ הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן פֿון אים געלעבט, זײַנען אָפּגעהאַקט די קעפּ...

אונדזער קאָרעספּאָנדענט טוט ווײַטער אַ צייל: ברײַנע גאָרברענד. ברײַנע גאָרברענד איז דערהרגעט געוואָרן, ברײַנע גאָרברענד פֿון דער קישינעווער גאַס, און תּוך כּדי דיבור רופֿט ער אויס דעם נאָמען יוכבֿד, אַ מיידל פֿון צוועלף יאָר, גאָרברענדס אַן אייניקל איז דער־הרגעט געוואָרן. און ווײַטער ציילט ער: שמואל קייזער, שמואליק קיי־

זער, אַ ייִנגל פֿון פֿיר יאָר איז געוואָרן דערשטיקט, דערהרגעט און דערקוועטשט; אלקנא לאָמס אַ קינד, זלמן סיפּיטעניגס אַ קינד, משה טשירלאַנס אַ קינד, מיכאל שנײַדערס אַ קינד — רבונו־של־עולם, אלה הצאן מה חטאו?

און ווײַטער לייענען מיר: אַלטער גיילמאַן מיט זײַן ווײַב (ביידע זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן, מען האָט נאָר געבראַכט צו קבֿורה זייערע ביינער). דרײַסיק יאָר האָבן זיי געלעבט אין איינעם און מיט אַ מאָל — אַזאַ טויט! האָט איר געהערט אַזאַ מין צאָל: פֿיר פֿאַרברענטע ייִדן, וואָס מען האָט זיי נישט דערקענט, מען האָט זיי אַלעמען מקבר געווען אין איין קבֿר. די האָר שטעלן זיך אויפֿן קאָפּ — אַ הרוג: נתן־משה בראַכטמאַן (געבראַכט פֿון דאָרף פּיטישען). אַהרון קיציס׳ ווײַב (געבראַכט שוין אַ טויטע פֿון דאָרף האָראָדיטשע) און אירע אַ שכנה פֿון אייגענעם דאָרף, אַהרון היסטאָריקערס ווײַב, אויך אַ טויטע. אויך די דערפֿער מוזן זיך מצטרף זײַן צום מנין.

מיר לייענען ווײַטער: לייב וואָלשינעצערס ווײַב, אַ ייִדענע פֿון פֿערציק יאָר און אַ מאַמע פֿון פֿינף לעבעדיקע קינדער, און אירס אַ מיידל, אַ דערוואַקסן מיידל, גאָר נישט: אותה ואת בניה ביום אחד, און דער הימל, וואָס פֿון דאָרט האָט מען אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר דאָס נישט, שעמט זיך אויך נישט.

מילא, די הרוגים: צבֿי צילמאַן, קענען מיר. זעליג גריַנבערג קענען מיר, אָבער דאָ לייענען מיר נומער 17: אַ פֿרעמדער ייִד, און אין נומער 51: אַ פֿרעמדער מענטש. אַ פֿרעמדער ייִד! אַ פֿרעמדער מענטש! ווילדפֿרעמדע, געלאָזן די זייעריקע אין דער ווײַטער וועלט און אַראָפּגעקומען קיין קאַלאַראַש, כּדי צו שטאַרבן אַ מיתה משונה. פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען?

ווײַטער לייענען מיר: נעסי, אַ ווײַבל (געווען צו גאַסט בײַ איר טאַטן ישׂכר אַסנעס). ישׂכר אַסנעס איז איינער פֿון די לײַטישע באַלעבאַטים אין שטאָט און תּמיד גיט ער זיך אָפּ מיט קרובֿים. נעסי איז זײַן ברודערס אַ טאָכטער און ווינט נעבן דובאָסאַר און איז געקומען קיין קאַלאַראַש צו גאַסט, זיך אויסצורוען; אין דער היים

איז געבליבן דער מאַן און די קינדערלעך בענקען און וואַרטן שוין, אַז די מאַמע וועט קומען און ברענגען מתנות, און — טויט, טויט, טויט... נישטאָ קיין מאַמע, נישטאָ קיין מתנות! קדיש קאָנט איר זאָגן, איר קינדער, ווען איר וועט ווערן עלטער.

און נאָך שטייט אין צעטל: דערהרגעט געוואָרן אַ ייד (געוועזן בײַ זײַן איידעם צו גאַסט, בײַ דוד זאַלעזניק). נאָך לאַנגע יאָרן איז אַ ייד געקומען צו די קינדער געוויר ווערן און זיך געקויפּט דעם טויט.

וואָס זאָל איך ווײַטער אויספירן? פינף און פופציק הרוגים און דערשלאָגענע רעכנט אונדז אויס דער קאָרעספּאָנדענט. פינף און פופציק לעבנס פון מענטשן, וואָס אַז זיי האָבן געהאַנגען הונדערטער נפשות, זײַנען פּלוצלינג אונטערגעהאַקט געוואָרן מיט אַזאַ אַכזריות. פינף און פופציק דראַמעס, שוידערדיקע דראַמעס, האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן, און דאָס גאָר אין איין שטאָט, און דאָס איז נאָך כטיפּה מן הים קעגן דעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַנדערע יידישע שטעט, און מיר לעבן, און מיר לעבן, און מיר קאָנען נאָך לעבן...

חיים-לייב פוקס

יוסף-חיים ברענער

יידישער דאָן-קישאָט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
ביסט אַרויס אַקעגן וועלט מיט דײַן שילד און וואָפן:
דײַן האַרץ —
וואָס האָט אַרומגעדרייט זיך אַרבע פינות העולם
אַרום אַ פּינטעלע,
דאָס פּינטעלע מענטש, וואָס האָט געשריגן אין דיר
דאָס קדמון-געשריי פון דורי-דורות:
דערלייזונג!

איך שפּאַן איצט אויף דײַן ערד, דײַן אויסגעחלומטער,
וואָס האָסט מיט דײַן יונגן גוף, ווי מיט אַ בוים פֿאַרפּלאַנצט —
ס׳זאָלןביימער בלִיען,
נאָר ס׳וואַקסן נישט קיין ביימער פֿון דײַן טײַערן גוף אַרויס,
נאָר סאַברעס,
וואָס שטעכן —
און שטרעקן זיך ווי הענט געבײַלטע קעגן הימלען
(אין נעכט ווען לבֿנה לאַכט צום ים פֿאַרשײַט) —
פֿאַר וואָס?
פֿאַר וואָס האָסטו געריסן מיר פֿון ווילדע שטאַמען
און צו גאָסן מײַנע זאַמדן געפּלאַסטערט —
מיר ווילן צוריק צו מאַמעשויס!
מיר ווילן וואַקסן מיט די קעפּ צו הימלען!

כ׳האָב זיך הײַנט אין דײַן ים געבאָדן
און פֿול מיט לײַבער זײַנען אַלע ברעגן געווען
און דײַנע שיפֿן מיט חלומות —
זײַנען ליידיקע אַוועק.
דאָס געזאַנג פֿון אַקער־אײַזן און טוריה,
פֿון האַק און האַמער,
דאָס ליד פֿון פֿרייד,
אין וועלכן דו האָסט אין שקיעה־בלוט
דײַן לײַב געטובֿלט,
איז אַוועק
אין רויש פֿון די טעג,
ווי ס׳איז אַוועק דײַן לעבן, געפּלאַסטערט אויף שטיינער...
און כ׳האָב מורא, אַז עס הערט איצט נישט קיינער
אויף גאַסן זינגענדיק־זינדיקע פֿון תּל־אָבֿיבֿ
דעם גוואַלד־געשריי,
וואָס גייט פֿון דײַן ערד צו הימלען אַרויף,

דײַן קול —
וואָס שרײַט־אַרײַן אין נעכט פֿון אונדזער איצט,
ווי אַ סעמאַפֿאָר, ווי אַ וואָרענונג, קעגן טויט —
— וואָס וועט ווײַטער זײַן?

מײַ 1936

ד. האָפשטיין

קישענעוו

אַ שאַנד־פֿלעק איז אַמאָל געווען דער נאָמען —
אַזוי פֿיל כאַרפּע און אַזוי פֿיל לייד!
דער פֿלעק איז אָפּגעשווענקט פֿון נײַע שטראָמען
און איצט דערמאָנען מיר די שטאָט מיט פֿרייד.

און קינדער אונדזערע, געטרײַע ברידער
געווער און פֿרידן טראָגן אין דער האַנט,
און זיי באַגעגנט מען מיט נײַע לידער
אין אויסגעלייזטן, אויפֿגעריכטן לאַנד.

און דאָרט, ווו ס'האָט געדריקט די וויסטע קנעכטשאַפֿט,
אַן האָפֿענונג געווען דעם מענטשנס בליק,
פֿאַרשפּרייט דאָס פֿאָלק מיט שטאָלץ זײַן יונגע הערשאַפֿט,
דאָרט האָבן מיר אַ שוועסטער־רעפּובליק.

קיִעוו, אַווגוסט 1940
סאָוועטישע ליטעראַטור נ' 8, ז' 22

דער פּאָגראָם אין אָדעס

אַנאָנים — אין פּנקס פאַר דער געשיכטע פון ווילנע אין די יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע, אַרויסגעגעבן פון דער היס־טאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנ—סקי, עמ׳ 924—925.

ווער ס׳האָט די בלאַט געלעזן,
פון דער באַרימטער שטאָט אָדעס,
וואָס פאַר אַן אומגליק ס׳האָט געטראָפן
אין איינע צוויי־דריי מעת־לעת. (2 מאָל)

פּלוצלינג האָט מען אויסגעשריען:
„שלאָגט דעם ייִדן ווי ווײַט איר קענט!"
פּאָליעס אין די פענצטער האָבן גענומען פליען,
דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען אין איין מאָמענט.

קינדער האָט מען פון די פינפטע עטאַזשן געוואָרפן,
נאָר ניט אַרײַנצוגעבן אין די מערדערישע הענט,
מענטשן געהרגעט, אויף טויט געשאָכטן,
און מיט די בלוט האָט מען געשמירט די ווענט.

דאָרט ווײַט אויף די האַרטע שטיינער
ליגט אַ כלה אין חופּה־קלייד
און לעבן איר שטייט אַ מערדער איינער,
און מיטן חלף אין האַנט געגרייט.

דאָרט ליגט אַ פרוי אַ שיינע,
ווײַט פאַרוואָרפן אויפן מיסט,
און לעבן איר ליגט אַ קינד אַ קליינער
און זייגט איר טויטע קאַלטע ברוסט.

ווילנע 1922

ביאָ - ביבליאָגראַפישע שטריכן

אַלטער קאַציזנע איז אַ שרײַבער פון דער פּרץ־פּלעיאַדע. אַמביציעז, עקזאָטיש, אָפּט אָריגינעל, אינטעלעקטועל. געבוירן 1885 אין ווילנע און אײַנגעלעבט אין וואַרשע. אַ דאַנק אַנ—סקין דעבוטירט 1909 אין „יעווריסקאַיאַ זשיזן", אָבער אַוועק צו פּרצעס וועגן. אַנדערש פון אַרום. אַפילו אויפן ראַדיקאַלן דרך — אַליין. אין בוכפאָרעם: דער גײַסט דער מלך, 1919; אַראַבעסקן, 1922; דוכוס און הורדוס, 1926; 2וואָכנשריפט מײַן רעדנדיקער פילם, 1937—1938; געזאַמלטע שריפטן, 1טער פון 6 בענד, 1967, אַרויסגעגעבן פון דער טאָכטער שולמית. אַ. ק. איז אומגעקומען אין בעלזשעצער לאַגער, אויגוסט 1942.

ל. שאַפּיראָ האָט מיט זײַנע דערציילונגען וועגן פּאָגראָם זיך קונה שם געווען פאַר אומפאַרגלײַכלעך אין דער אָטעמאַטיק. געב׳ 1878 בײַ קיעוו, אַליין מיטגעמאַכט די פּאָגראָמען־כוואַליע אין 1905, האָט ער געגעבן אַן אומגעווײנטלעכן אויסדרוק דעם קאָשמאַר פון קריגסווילקיר און רעוואָלוציע. 1906 אין נ"י, 1909 אין וואַרשע, מיטגעאַרבעט אין די בעסטע זשורנאַלן פון רוסלאַנד און אַמעריקע. זינט 1921, צוליבן געזונט, אין לאָס אַנגעלעס, וווּ אַוועק 1948. אין בוכפאָרעם: דער קוש און שפּוך חמתך, 1909, וואַרשע; אויפן ים, 1910; די יידישע מלוכה, 1919; דער שרײַבער גייט אין חדר, לאָס אַנגעלעס 1945.

אַ. ליעסין (געב׳ 1872 אין מינסק און געשט׳ 1938 אין נ״י). געהייסן: אַברהם וואַלט. למדן און רעוואָלוציאָנער, האָט ער ביידע דראַנגען אַרײַנגעבראַכט אין לידער און פּאָעמעס, צונויפגעזאַמלט אין 3 בענד אויסגעוויילטע שריפטן, נ״י 1936. אין אַמעריקע פון 1896 און פון 1913 רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל די צוקונפט, ווו זײַן פובליציסטיק איז געוואָרן — מוסטער פון סטיל און תוכן, געשיכטע און פּראָגנאָז.



פֿישל בימקאָ רעפּרעזענטירט דעם פּויליש קאָלאָריט אין דער יידישער דראַמע און פּראָזע. געב׳ 1890 אין קעלץ, דערצויגן אין אַ משפּחה פון רבנים, חסידים און סוחרים, האָט אים אָבער גראָד געצויגן צו דער אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און דערפאַר אָפּגעזעסן אין פּאַרש׳ טורמעס, סײַ בײַ די רוסן, סײַ אונטער די דײַטשן. אין 1921 אַוועק קיין נ״אַ. אין בוכפאָרעם: די עבירה, לאָדזש 1912; רעקרוטן, וואַרשע 1916; גנבים, וו׳ 1919; אויפן ברעג ווײַסל, וו׳ 1921; צווישן 1936 און 1947 דערשינען אין שיקאַגאָ 10 בענד געקליבענע ווערק.

פּרץ מאַרקיש געב׳ 1895 אין פּאָלאָ־ני, וואָלין, איז דערשאָסן געוואָרן דעם 12טן אויגוסט 1912 אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פאַר אים האָט ער אַוועקגעגעבן זײַן התלהבותדיק פּאָעטיש שאַפן. דעבוטירט 1917, געהערט 1918 צו קיִעווער גרופּע, אין 1921 געקומען אין פּוילן און אויפ־געשטורעמט די ליטעראַרישע סביבה, אַ־רומגעפאָרן, ביז זיך צוריקגעקערט 1926 אין רוסלאַנד און געוואָרן די רעפּרעזענ־טאַטיווע פיגור. אין בוכפאָרעם: שוועלן, קיִעוו 1919; סתם און פּוסט־און־פּאַס, קיִעוו 1920; די קופּע, וואַרשע 1921; זאַמלונגען פון קינדער־לידער; ברידער, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1929; וואָכנטעג, 1931; עטלעכע מלחמה־ביכער (צ״אַ: פּאָעמע וועגן סטאַלינען, 1940, און מלחמה).

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פאַר דער ביבליאָטעק

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — אויסג׳ שריפטן, 2טע אויפלאַגע (312 זײַטן)
2) מאַרק וואַרשאַווסקי — ייִד׳ פאָלקסלידער, 3טע אויפלאַגע (216 זײַטן)
3) ה. ד. נאָמבערג — אויסג׳ שריפטן, 2טע אויפלאַגע (256 זײַטן)
4) מענדעלע — מסעות בנימין השלישי, 3טע אויפלאַגע (256 זײַטן)
5) לייב נײַדוס — אויסגעקליבענע שריפטן, 2טע אויפלאַגע (208 זײַטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — יאָסעלע, קריזיס, 3טע אויפלאַגע (256 זײַטן)
7) משל בראָדערזאָן — אויסגעקליבענע שריפטן, 2טע אויפל׳ (272 זז׳)
8) אליהו בחור — בבֿא־בוך, 2טע אויפלאַגע (256 זײַטן)
9) דוד פינסקי — אויסגעקליבענע שריפטן, 3טע אויפלאַגע (352 זײַטן)

10) **שמעון פֿרוג — אויסגעקליבענע שריפֿטן,** 2טע אויפֿלאַגע (216 זײַטן)

11) **י. ל. פּרץ — אין 19טן יאָרהונדערט,** 3טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

12) י. ל. פּרץ — אין 20סטן יאָרהונדערט, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

13) מאָריס ראָזענפֿעלד — אויסג׳ שריפֿטן, 2טע אויפֿלאַגע (240 זײַטן)

14) האָפּשטיין — כּאָריק — פֿעפֿער, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

15) מרדכי ספּעקטאָר — דער ייִד׳ מוזשיק, 2טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

16) ה. לייוויק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (352 זײַטן)

17) שלום עליכם — מנחם־מענדל, 3טע אויפֿלאַגע (272 זײַטן)

18) **אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — אויסג׳ שריפֿטן,** 2טע אויפֿלאַגע (256 זײַטן)

19) י. י. שוואַרץ — קענטאָקי, א. ראַבאָי — הער גאָלדענבאָרג (פּיאָנערן אין אַמעריקע) , 2טע אויפֿלאַגע (312 זײַטן)

20) חיים־נחמן ביאַליק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (384 זײַטן)

21) ש. אַנ־סקי — אויסגעקליבענע שריפֿטן (296 זײַטן)

22) מענדעלע מוכר־ספֿרים — **פֿישקע דער קרומער** (256 זײַטן)

23) יוסף אָפּאַטאָשו — **אין פּוילישע וועלדער** (416 זײַטן)

24) זלמן רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (304 זײַטן)

25) יהואש — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)

26) גליקל האָמיל — **זכרונות** (352 זײַטן)

27) שלום עליכם — טבֿיה דער מילכיקער, 3טע אויפֿלאַגע (288 זײַטן)

28) **אַבֿרהם רייזען — אויסג׳ שריפֿטן,** 2טע אויפֿלאַגע (320 זײַטן)

29) די פֿרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע — אַנטאָלאָגיע (416 זײַטן)

30) ר׳ נחמן בראַצלעווער — סיפּורי־מעשׂיות, 2טע אויפֿלאַגע (224 ז׳)

31) מרדכי אַלפּערסאָן — **אין אַרגענטינע** (320 זײַטן)

32) פּרץ הירשבײַן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (336 זײַטן)

33) ייִדיש אין ליד — אַנטאָלאָגיע (264 זײַטן)

34) **מנחם באָרײַשאָ — דער פֿרעמדער, זאַול רימער** (320 זײַטן)

35) ווען אַ פֿאָלק דערוואַכט — אַנטאָלאָגיע (464 זײַטן)

36) נוסח השׂכּלה — אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)

37) ז. סעגאַלאָוויטש — לידער, דערציילונגען, זכרונות (352 זײַטן)

38) **מעשׂה־בוך, פֿון 1602** (368 זײַטן)

39) אונטער אָקופּאַציע: **עוזר וואַרשאַווסקי** — שמוגלערס. (328 זײַטן)

40) ערבֿ חורבן: **מ. בורשטין/מאַזאָוויע און 14 פּאָעטן** (256 זײַטן)

41) חורבן: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע — אַנטאָלאָגיע (432 זײַטן)
42) ווידערשטאַנד און אויפֿשטאַנד/פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע (336 זײַטן)
43) איציק מאַנגער — לידער, פּראָזע, עסייען (384 זײַטן)
44) דוד בערגעלסאָן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)
45) משה נאַדיר — הומאָר, קריטיק, ליריק (288 זײַטן)
46) דאָס קינד אין ייִד׳ פּאָעזיע און פּראָזע — אַנטאָלאָגיע (320 זײַטן)
47) י. אָקסנפֿעלד — שטערן־טיכל, ערשטער ייִד׳ רעקרוט (288 זײַטן)
48) פּליטים צווישן פֿײַערן, אַנטאָלאָגיע (304 זײַטן)
49) אויסגעוואָרצלטע און אײַנגעוואָרצלטע, אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)
50) דרום־אַפֿריקאַניש, אַנטאָלאָגיע (360 זײַטן)
51) שלום אַש — פֿון שטעטל צו דער גרויסער וועלט. (400 זײַטן)
52) דער אַרבעטער־דור אין אַמעריקע (224 זײַטן)
53) עבֿרי־טײַטש / צאינה וראינה (368 זײַטן)
54) טשילעניש — אַנטאָלאָגיע (272 זײַטן)
55) אין דעם אייגענעם לאַנד, 25 יאָר ישׂראל (568 זײַטן)
56) שלום אַש — אָנקל מאָזעס, ראָמאַן (264 זײַטן)
57) יעקבֿ גאָרדין — 3 דראַמעס, (352 זײַטן)
58) בראַזיליאַניש — אַנטאָלאָגיע (352 זײַטן)
59) פֿון דור צו דור: א. וויטער, ד. איינהאָרן ז. י. אָנכי (368 זײַטן)
60) מאַקס ווײַנרײַך — אויסגעקליבענע שריפֿטן (416 זײַטן)
61) אין סאָוועטישן פֿרילינג — אַנטאָלאָגיע (248 זײַטן)
62) קאַנאַדיש — אַנטאָלאָגיע (448 זײַטן)
63) דוד איגנאַטאָוו — אויסגעקליבענע שריפֿטן (336 זײַטן)
64) פֿון רעוואָלוציע צו תשובֿה: לייב פֿײַנבערג (280 זײַטן)
65) י. י. זינגער — אויסגעקליבענע שריפֿטן (312 זײַטן)
66) אַרגענטיניש: דער חלום פֿון פֿעלד / אַנטאָלאָגיע (320 זײַטן)
67) משה קולבאַק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (320 זײַטן)
68) אין פּאָגראָם — אַנטאָלאָגיע (304 זײַטן)

אין 1976 וועלן נאָך דערשײַנען די דאָזיקע 2 בענד מוסטערווערק:

69) אונדזערע קריטיקערס — אויסגעקליבענע שריפֿטן
70) צווישן שטאָטישע ווענט / 2טער באַנד אַרגענטיניש

ANTOLOGIA

POGROM

EN

POESIA - PROSA - DRAMA

Director: SAMUEL ROLLANSKY

1 9 7 6

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

Pasteur 633 - 3º Buenos Aires

PARA USO PERSONAL SIN FINES COMERCIALES